STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04638

www.libtool.com.cn

# TANKRED

Benjamin Disraeli

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Bruce Slovin*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
www.libtool.com.cn
AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

לאָרד ביקאָנספעלד — ד׳ איזראַעלי

Lord Beaconsfield-Disraeli.

Tancred.

# טאנקרעד

ייִדיש: ש. זאקס

פֿאַרלאַג ש. גאָלדפֿאַרב

וואַרשע 1927

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

# פֿינפֿטער טייל

## ערשטעם קאַפּיטל.

פֿאַקרעדין איז אין זיין היימאַט זייער אַנ׳אָנגעזעענער מאַן געווען. די גאַנצע באַפֿעלקערונג האָט פֿון אים שטאַרק געהאַלטן און אויף אים גרויסע האָפֿנונגען געלייגט. זיין אונטערנעמונגסגייסט, היציקער כאַראַקטער און טעמפּעראַמענט, זיין אויסערגעווייגליכע ענערגיע און איבערהויפּט זיין פּאַטריאָטיזם האָבן אים שוין פֿון לאַנג אָן צווישן דער גאַנצער באַפֿעלקערונג פֿון לבנון פֿאַרשאַפֿט אַ רעפּוטאַציע פֿון אַ מענטשן, וועלכער איז מסוגל פֿאַר זיין פֿאָטערלאַנד זייער פֿיל אויפֿצוטון און זיינע איבערגעגעבענע אונטערטאַנען צו באַגליקן. פֿאַקרעדין האָט זיך דורך פֿיל מיטלען, רייכע און צווייפֿלהאַפֿטע, באַמיט אָבצוהיטן זיין רעפּוטאַציע און גילטן פֿאַר אַ מוסטערהאַפֿטן הערשער. פֿאַקרעדין האָט זיך דאַריבער באַמיט יעדן צוגעפֿעלן, צו יעדן איז ער געווען פֿריינטליך און לייטזעליג, פֿלעגט אָפֿט ביי זיך אין די פּאַלאַצן איינאָרדנען גרויסע מאָלציייטן און יום־טובים, וועלכע פֿלעגן אים אָבקאָסטן שווערע טויזנטער. פֿאַרפֿאָלגנדיק האַרטנאַקיג זיינע האַלב־פֿאַנטאַסטישע צילן, האָט פֿאַקרעדין אָנגעווענדעט אַלע מיטלען כדי זיך אַנ׳ערפֿאָלג צו פֿאַרזיכערן, און מ׳קען נישט זאָגן, אַז פֿאַקרעדינ׳ס אַרבעט אין דער דאָזיקער הינזיכט און זיין טאַקטיק האָבן קיין ערפֿאָלג נישט געהאַט: אַלע שבטים פֿון לבנון סיי די מאַחמעדאַנישע און סיי די קריסטליכע, זענען אים איבערגעגעבן געוואָרן מיט לייב און זעלע און גרייט געווען דעם יונגן באַליבטן עמיר מיטצוהעלפֿן מיט זייער אָנטייל אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען. ביי פֿיל שייכ׳ן פֿון די דאָזיקע איז פֿאַקרעדין אַזאַ



433739

www.libtool.com.cn

:ערקטענער און בעגאַבטע פערזענליכקייט באַליבט געווען. מ׳מוז אויך צוגעבן, אַז חוץ די גרויסע הוצאות וואָס פאַקרעדין פלעגט מאַכן אויף איינצואָרדנען אָפּט די גרויסע מיטאָגן, האָט ער אויך אויסגעגעבן אַ קאָלאָסאַלע סומע אויף איינצוקויפן און צו האַלטן עטליכע טויזנט פערד פון דער בעסטער ראַסע און די דאָזיקע פערד אויסבאָרגן די שייכן און איבער הויפּט יענע מאָראַניטן און דרוזען, וועלכע האָבן אים געקענט דורך זייער איינפלוס און געזעלשאַפטליכער לאַגע נוצליך זיין. פאַקרעדין פלעגט אויך נישט זשאַלעווען קיין געלט צו האַלטן די בעסטע קעלערס מיט די טייערסטע וויינען און אַנדערע משקאות. און די אַלע גרויסע הוצאות, וואָס דער יונגער עמיר פלעגט מאַכן, כדי זיין לאַגע צו פאַרפעסטיגן, האָבן גורם געווען דערצו, וואָס ער איז שטענדיק געווען אַ גרויסער בעל־חוב, האָט געצאָלט קאָלאָסאַלע ציַנזן און האָט שטענדיק געמוזט זוכן נייע הלוואות.

נאָך דעם ווי טאַנקרעד האָט פאַרבראַכט ביי פאַקרעדינ׳ען אין שלאָס אַ וואָך צייט, איז ער כמעט אין גאַנצן געזונט געוואָרן; זיין ווונד איז שוין פאָלשטענדיק פאַרהיילט געוואָרן און ער האָט זיך געפילט, אַז די אַרומיקע לופט ווירקט אויף אים, ווי אַ היילזאַמער באַלזאַם.

אַלע טאָג האָט טאַנקרעד אין לבנון שלאָס געהאַט נייע איבעראַשונגען, אַלע טאָג האָט ער נייע באַקאַנטשאַפטן מיט די שייכן פון די דרוזן און מאָראַניטן און איבערהויפּט מיט די אָנגעזעענסטע מענער פון יענעם געגנט געשלאָסן. טאַנקרעד׳ס באַזוך האָט ווי מיר האָבן שוין באַמערקט, שטאַרק געהויבן פאַקרעדנ׳ס רעפּוטאַציע אין די אויגן פון אַלע שייכן און דער גאַנצער באַפעלקערונג בכלל. אַלע זענען איבערצייגט געווען – און פאַקרעדען האָט דאָס בכיון נישט אָבגעלייקנט, – אַז דער ענגלישער פירשט איז אַהער געקומען נאָר מיט אַ פּאָליטישן צוועק און אַז די מיסיע טאַנקרעד׳ס איז אַזאַ וויכטיקע, אַז די ענגלישע רעגירונג האָט נישט געפונענדיק פאַר מעגליך זי אויף אַ געוועגליכן מיניסטער אַרויפצולייגן

www.libtool.com.cn

ספּעציעל אַהער „דעם בּרודער פון דער קעניגין" געשיקט. אַזאַ פאַלשע מיינונג האָט געבראַכט דערצו, אַז פאַקרעדענ'ס וויכטיקער פּלאַן וועגן פאַראייניקן די מאָראַניטן מיט די דרוזן־שבטים, וועלכער האָט זיך אים בּיז איצט נישט איינגעגעבּן, איז נאָנט געווען צו פאַרווירקליכן, מיט איין טאַנקרעד'ס התקרבות מיט פאַקרעדינ'ען האָבּן אויפן גאַנצן לבנון אַרויס־גערופן אַ מיינונג, אַז פאַקרעדין זייענדיק פאַרבּונדן מיט טאַנקרעד'ן דורך פריינטשאַפט און געמיינזאַמע צילן וועט שוין איצט קענען אויפטון אַלץ וואָס זיין האַרץ וועט נאָר פאַרלאַנגען.

פאַקרעדין האָט גוט פאַרשטאַנען אויסצונוצן די פּסיכאָלאָגיע פון די לבנון־שבטים און ווילנדיק בּיי זיי אַרויס־רופן די העכסטע מיינונג וועגן טאַנקרעד'ן, האָט ער זיך באַמיט צו באַשאַפן וועגן אים אַ בּאַגריף, אַז דער יונגער פרענקישער פירשט, איז איינער פון די מעכטיקסטע און איינפלוס־רייכסטע פּערזענליכקייטן אין דער דיפּלאָמאַטישער וועלט פון אייראָפּאַ. פאַקרעדין האָט דעריבּער בּאַהאַנדלט טאַנקרעד'ן מיט אַזאַ צערטליכקייט און כּבוד, פּונקט, ווי דער יונגער לאָרד וואָלט ווירקליך אַ קרוינפּרינץ געווען.

אויפן צענטן טאָג, וואָס טאַנקרעד האָט פאַרבּראַכט אין פאַקרעדינ'ס שלאָס, האָט דער יונגער עמיר געגעבּן לכּבוד דעם הויכגעשעצטן גאַסט זיינעם אַ גרויסאַרטיקן מאָל־צייט. מ'האָט צום מאָל־צייט געשחט'ן עטליכע צענטליק שאָף, קו, ציגן און אַ מאַסע עופות, די טייערסטע ווינען האָבּן זיך געגאָסן ווי וואַסער, די צימערן זענען געווען צוליבּ'ן פייערליכן מיטאָג, רעקאָרירט מיט אַזאַ לוקסוס, פּראַכט און גלאַנץ, וואָס איז בּיי די גרעסטע הערשער אין מזרח אַפילו זעלטן צו בּאַגעגענען. צום מאָלצייט זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן אַלע שייכן און אָנ־געזעענע מענער פון די לבנון־פּראָווינצן, צווישן די געסט האָבּן זיך געפונען צווי שייכן פון שבטים, וועלכע זענען בּיז דעם טאָג געווען בּלוט־שונאים. לכּבוד דעם הויכגעשטעלטן גאַסט פאַקרעדינ'ס האָבּן בּיידע שייכן בּעת'ן מיטאָג פייערליך

www.libtool.com.cn

צווישן זיך שלום געשלאָסן און זיך פאַרפליכטעט צו לעבן און פריינטשאַפט און אין געגנזייטיקער אַכטונג. אַז דער גרויסאַרטיקער מיטאָג האָט זיך געענדיקט, האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט דער עלטסטער פון די געסט און פייערליך געבענטשט גאָט פאַר די שפייזן און געטראַנקען, נאָכדעם גערופן גאָטס ברכה אויף דעם בעל-הבית פונ׳ם מיטאָג, אויף זיין הויכגעשטעלטן גאַסט און ענדליך אויף דעם גאַנצן עולם געסט. די זעלבע צערעמאָניע האָט געמאַכט יעדער פון די שייכן — נאָך דער רייע לויט זייער עלטער און נאָכ׳ן צערעמאָניעלן בענטשן האָבן די קנעכט אַריינגעבראַכט פאַר די געסט טשיבעקן מיט דעם טייערסטן אַראַמאַטן-טאַבאַק ווי אויך קאַווע און מאַקאאַ. נאָכ׳ן מאָל-צייט האָבן די געסט אָנגעהויבן רעדן וועגן פאַרשידענע זאַכן. איינער אַ שייך האָט טאַנקרעד׳ן געפרעגט, צי אין ענגלאַנד זענען אויך פאַרהאַן היענעס און מאַלפּעס, נאָר איידער טאַנקרעד האָט נאָך אויספּעיעט דעם שייך צו ענטפערן האָט אים אַן׳אַנדער שייך מקדים געווען באַמערקנדיג, אַז קיין היענעס און מאַלפּעס זענען אין ענגלאַנד נישט פאַרהאַן נאָר מיט לייבן און טיגערס זענען דערפאַר די ענגלישע וועלדער איבערגעפולט. די געסט האָבן זיך אויך דערמאָנט אין עטליכע עפּיזאָדן פון דעם יאַגד, וואָס זיי האָבן די טעג צוזאַמען געמאַכט און לעבהאַפט איבערגעגעבן איינער דעם אַנדערן ווי אַזוי און מיט וואָס פאַר אַ געפאַר זיי האָבן דערשאָסן דער אַ בער, דער אַ וואָלף א. א. וו. באַלד ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען האָט מען אין שלאָס און אין אַלע נעבן געביידעס געמאַכט אַ גרויסע אילומינאַציע. פון יענער זייט פון גרויסן פאַרק האָט מען אַ גאַנצע נאַכט געברענט פייערס און די גאַנצע סביבה איז באַלויכטן געווען מיט אַ העל רויטן ליכט אַרויפוואַרפנדיק אַנ׳אימה אויף די ווילדע וועלף און היענעס, וואָס בלאָנדזשן דאָ תמיד אַרום מאַסנווייז זוכנדיק מיט וואָס זייער הונגער צו שטילן. דער גרויסאַרטיקער מיטאָג, די לעבהאַפטע אונטערהאַלטונג און די אילומינאַציע, האָבן זיך געענדיקט און אַלע

www.libtool.com.cn

געסט זענען זיך צו מאָרגן צייט פונאַנדערגעפאָרן יעדער צו זיין שבט, אַרויסטראָגנדיק פון פאַקרעדינ׳ס שלאָס דעם בעסטן איינדרוק. דער ענגלישער פירשט איז אַלע שייכן שטאַרק געפעלן געוועזן. עטליכע פון די אַריסטאָקראַטישע געסט איז טאַנקרעד אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט זיי אַזוי באַצויבערט, אַז זיי האָבן זיך געשעצט פאַר גליקלין וואָס זיי האָבן זיך מיט אים באַקענט און פאַקרעדינ׳ען שטאַרק געדאַנקט פאַר דער הויכגעשטעלטער און איבערהויפט העכסט אינטערעסאַנטער פערזאָן.

---

## צווייטעם קאַפּיטל.

אויף מאָרגן נאָכ׳ן גרויסאַרטיגן מאָלצייט, וואָס פאַקרעדין האָט געמאַכט לכבוד טאַנקרעד׳ן, האָט דער יונגער עמיר געפרעגט זיין פריינט, ווי אים איז דער יום־טוב געפעלן און וואָס זאָגט ער צו זיינע געסט. טאַנקרעד האָט געענטפערט, אַז ער וועט פאַקרעדינס גאַסט־פריינטליכקייט קיינמאָל נישט פאַרגעסן און אַז דער נעכטיקער טאָג וועט אויף אייביק בלייבן אין זיין זכרון. וואָס אָנבעלאַנגט די געסט, האָט טאַנקרעד אויפריכטיק צוגעגעבן, אַז עטליכע פון זיי זענען אים שטאַרק געפעלן און האָבן אויף אים דעם בעסטן איינדרוק געמאַכט.

— אָבער וואָס זאָגט איר צו די אַלע שייכן ? האָט פאַקרעדין טאַנקרעד׳ן נאָך אַמאָל מיט אַ צייכן פון שטאָלץ געפרעגט : צו קומט נישט אויס נאָך מיינע ווערטער און צי איז נישט ריכטיק, ווי איך האָב אייך געשילדערט, אַז מיט אַזעלכע מוטיקע און טעמפעראַטעמענטפולע מענער קען מען די גאַנצע וועלט איינגעמען ?

— פאַרגעסט אָבער נישט, האָט טאַנקרעד געענטפערט, אַז כדי די וועלט איינצונעמען, איז נאָך ווייניק אַ גוטער־

www.libtool.com.cn

סאָלדאַט צו זיין — דער עיקר איז, — אַז די סאָלדאַטן זאָלן דורך אַ גרויסע אידעע באַגייסטערט זיין.

— איר ווייסט דאָך אָבער, אַז מיר זענען יאָ דורך אַ גרויסער אידעע באַגייסטערט.

— ווער זענען די „מיר”: איר, אייערע מקורבים און פריינט? נישט אַזוי? האָט טאַנקרעד געפרעגט, קוקנדיק דעם יונגן עמיר גלייך אין די אויגן אַריין.

— נאַטירלעך, — מיר, וואָס שטייען אין דער שפּיץ פון אונזער פאָלק.

— דאָס איז אָבער, מיין ליבער פריינט נאָך ווייניג, האָט טאַנקרעד געענטפערט, — מ׳דאַרף, אַז אַלע סאָלדאַטן זאָלן, ווי איין מענטש, דורך אַזאַ אידעע באַגייסטערט זיין, און דאָס איז די בעסטע און זיכערסטע גאַראַנטיע פון דערפאָלג.

— מיר וועלן דאָך אָבער, האָט פאַקרעדין באַמערקט, מיט דער צייט די סאָלדאַטן קענען בעאיינפלוסן און אין זייערע הערצער אָנצינדן התלהבות צו אונזער אונטערנעמונג און גרויסע פלענער.

— איך האַלט נישט, אַז אייך זאָל עס געלונגען, — האָט טאַנקרעד געענטפערט, איבעריגענס — האָט טאַנקרעד ווייטער זיין געדאַנק אַנטוויקלט: איך האַלט נאָך אַלץ, אַז די גרויסע אַזיאַטישע באַוועגונג וועט זיך אין דער וויסטע אָנהויבן, די אַראַבער זענען נאָך לחלוטין אונפערדאָרבן און געפינען זיך אין׳ם זעלבן צושטאַנד, ווי זיי זענען אין מחמד׳ס, משה׳ס ואָגאַר אין אברהם אבינו׳ס צייטן געווען, זיי זענען פון דער צייט אָן אינגאַנצן אונבאַרירט געבליבן, די אַראַבער האָבן אין זייער בלוט זינט זיי האָבן אַלס פאָלק אָנגעהויבן צו עקזיסטירן, אַ שטאַרקע נייגונג צו ערהאַבענע פּרינציפּן — און די גלייכהייט פון מענשטן אין זייער לייבט ביי אַזעלכע בייגונגען דורצופירן.

www.libtool.com.cn

— פאַרגעסט אָבער נישט, — האָט פאַקרעדען באַמערקט, אַז אונזערע אייוואָיגער פון לבנון זענען אויך אַראַבער. צו וועלכע אמונה זיי זאָלן איצט נישט געהערן, זענען זיי דאָך געבוירענע אַראַבער אָדער זיי שטאַמען לכל הפחות פון אַראַבער, און אַלס אַזעלכע, זענען זיי דאָך אויך מסוגל צו אַזאַ באַוועגונג וועלכע מיר האָבן בדעה אין אַזיען אַרויס-צורופן.

— אייער מיינונג איז נישט אין גאַנצן ריכטיק, האָט טאַנקרעד געענטפערט, אַ באַווייז: די אייגוואָיגער פון לבנון האָבן אַ דאַנק דעם, וואָס זיי שטאַמען פון אַראַבער, נאָר אונטערגיין נישט געקענט, בעת די אַראַבער גופא זענען נישט נאָר געבליבן אויף דער היסטאָרישער אַרענע כמעט אונבאַרירט ביז היינט, נאָר ס׳איז אַמאָל געווען אַ צייט, וואָס זיי האָבן איבער אַ האַלבע וועלט געהערשט, פאַרשטייט איר מיך?

— דער לבנון, — האָט פאַקרעדען נאָך אַ קורצער פויזע, פאַרטראַכטנדיק זיך אויף טאַנקרעד׳ס ווערטער, געענטפערט — דער לבנון איז דער שליסל פון סיריען און אָן אונזער דערלויבעניש איז דאָס לאַנד קיין מאָל נישט אָבגעשלאָסן געוואָרן. אָבער די דאָזיקע מניעה איז שוין איצט באַזייטיקט געוואָרן. נאָך דעם ווי מיר האָבן געשלאָסן אַ פאַרבאַנד מיט׳ן שייך עמלק וועט די סירישע וויסטע אין גאַנצן אויף אונזער זייט זיין, מחמת עמלק האָט איבער די אייגוואָיגער פון דער גאַנצער וויסטע דעם גרעסטן איינפלוס און זיין ווילן פאָלגן אַלע שבטים.

— יאָ, — האָט טאַנקרעד נאָכגעגעבן, מיטעל און וועגן, אונזער זאַך.

— אַ חידוש האָט זיך טאַנקרעד אָנגערופן, וואָס דער הער סיראָניאַ האָט די אַנסאָרן נישט אָבגעזוכט און איז צו זיי נישט אַריינגעפאָרן.

— דער הער סיראָניאַ, האָט באַראָני געענטפערט,

www.libtool.com.cn

האָט דאָס טאַקע געהאַט בדעה צו טון, נאָר דאַמאָלט האָט אין אַלעפּאַ געהערשט אַ שרעקליכע כאָלעריאַ אין די אַנסאַרן האָבן מיט אַ דאָפּלטער שטרענקייט באַוואַכט זייערע גרעניצן און קיין לעבעדיקן מענטשן צו זיך פון דער פרעמד נישט אַריינגעלאָזט.

– און שפּעטער, זייענדיק אין דמשק האָט איר מער גאָר נישט געהערט וועגן די אַנסאַרן?

– יאָ שפּעטער האָב איך זאָגאַר מיט איינעם פון זיי די געלעגנהייט געהאַט זיך צו באַקענען. ער הייסט דאַרקוש און האַנדלט מיט געווירצן.

די סבה, וואָס טאַנקרעד'ן איז אַזוי פיל געגאַנגען, זיך צו ערקינדיקן גענויער וועגן די אַנסאַרן, איז געווען דער פאַקט, וואָס ער האָט זיך בעת דעם פייערליכן מאָל-צייט אין פאַקרעדענ'ס שלאָס באַקענט מיט אַ געוויסן שייך האַמוד, וועלכער האָט אים מיטגעטיילט אַז די אַנסאַרן וועלן תמיד שטיין אויף דער זייט פון פאַקרעדענ'ס געגנער. די דאָזיקע ידיעה, איז פאַר טאַנקרעד'ן זייער אַ וויכטיקע געווען, מחמת ס'איז זייער נויטיק געווען ווי אַמבעסטן איינפאָרמירט צו זיין וועגן די אַרומיקע פעלקער אין פאַל ווען זיין פּלאַן וועגן לעזן דאָס אַזיאַטישע פּראָבלעם זאָל אָנהויבן דורך פאַקרעדינ'ען פאַרווירקליכט צו ווערן, חוץ דעם האָט דער שייך האַמוד טאַנקרעד'ן איבערגעגעבן, אַז די אַנסאַרן זענען מוטיקע קעמפּפער און אין פאַל פון אַ מלחמה, קענען זיי 25 טויזנט גוט באַוואָפנטע סאָלדאַטען אַרויס-שטעלן און געגן זייערע שונאים שיקן – פאַקטן וועלכע זענען נויטיק געווען צו וויסן, ווען מ'האַלט אָנצוהויבן דורכפירן אַזאַ גראַנדיעזן פּלאַן, ווי טאַנקרעד און פאַקרעדענ'ס.

אַ מערקווירדיקע זאַך, האָט זיך אָבגערופן פאַקרעדין, – איך בין אַזוי נאָענט געווען פון די אַנסאַרן, אָפּטמאָל אויף אַ מרחק פון עטליכע קילאָמעטער פון זייער גרעניץ און מיר

www.libtool.com.cn

איז נאָך קיינמאָל נישט איינגעפאַלן אין קאָפּ זייער לאַנד צו באַזוכן. כ׳געדענק, מ׳האָט מיך פיל מאָל געוואָרנט דאָס דאָזיקע לאַנד צו באַזוכן, מיר דערציילט פאַרשידענע זאַכן וועגן די אַנסאַרן און דאָס האָט דאָך, דאַכט זיך, געדאַרפט ביי מיר אַ נייגעריקייט דערוועקן זייער לאַנד צו באַזוכן. איצט זע איך אַרויס, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט איך בין באַגאַנגען, וואָס זייענדיק אַזוי נאָנט פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן פאָלק, האָב איך זייער לאַנד ביז היינט נאָך נישט באַזוכט. יאָ, ס׳איז אַשאָד וואָס מיר קאָנען אַזוי ווייניק אונזערע נאָנטע שכנים און ס׳איז נאָך מער אַ שאָד, וואָס מיר האָבן נאָך מיט זיי קיין שום אונטערהאַנדלונגען נישט געפּרובט צו פאַרבונדן.

גאַנץ ריכטיק האָט טאַנקרעד באַמערקט, בפרט נאָך, ווען ס׳זאָל זיין אמת, וואָס דער שייך האַמוד האָט באַמערקט, אַז נישט האָבנדיק די אַנסאַרן אויף זיין זייט, נישט האָבנדיק קיין הילף פון זיי, וועס סיריען שטענדיק אין אַ סכנה זיין און ווען מ׳וועט מיט די אַנסאַרן לעבן אין פרידן, האָט סיריען נישט פאַר עגיפּטן און נישט פאַר טערקיי וואָס מורא צו האָבן.

— כ׳האָב אויך געהערט, האָט פאַקרעדען צוגעגעבן, אַז איבער די אַנסאַרן הערשט אַ קעניגין און רעגירט קלוג און דאָס גאַנצע פאָלק איז איר שטאַרק איבערגעגעבן, שטייט פאַר איר שטאָל און אייזן.

— וואָס איך הער! האָט זיך טאַנקרעד אָבגערופן, דער־הערנדיק, אַז אַ פרוי זאָל זיין אַ הערשערין איבער אַ מאַכ־מעדאַנישן פאָלק.

— ווי באַלד אַזוי, — האָט פאַקרעדען האַלב ערנסט און האַלב אויף געלעכטער באַמערקט, — מוז מען שוין די אַנסאַרן דורכאויס באַזוכן. דאָרט ווי אַ פרוי שטייט אין דער שפּיץ פון אַ גאַנצן פאָלק, קאָנען קיין גוואַלד־טאַטן, מיט וועלכע

www.libtool.com.cn

מ׳האָט מיך אַזוי אָנגעשראָקן, נישט פּאָרקומען, נישט אַזוי מילאָרד.

נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך וועגן די אַנסאַרן האָבן טאַנקרעד און פֿאַקרעדען אָנגענומען אַ באַשלוס תיכף אָנצופֿאַנגען זאַמלען וואָס מער ידיעות וועגן די געהיימניספֿולע אַנסאַרן, אַרייַנטרעטן מיט זיי אין פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען און מיט דער צייט צו מאַכן אַ רייזע צו זיי אין לאַנד, אפֿילו ווען דאָס זאָל פֿאַרבונדן זיי מיט אַ געפֿאַר.

---

## דריטעס קאַפּיטל

איינע פֿון די עלטסטע שטעדט אין דער וועלט, דמשק, ווייזט קיין שום צייכן פֿון איר טיפֿן עלטער נישט אַרויס. דמשק איז פֿיל עלטער פֿון שטעדט, וואָס זענען שוין לאַנג אין חורבות פֿאַרוואַנדלט געוואָרן, און דאָך איז אין דער שטאָדט קיין איינציקער אויסערליכער סימן פֿון איר לאַנגער פֿאַרגאַנגענהייט נישט צו ענטדעקן; קיין סמנים פֿון אַמאָליקע פּאַלאַצן און פֿון אַנדערע געביידעס קאָן מען אין דער דאָזיקער וואונדערבאַרער שטאָדט בשום אופֿן נישט געפֿונען. אָבער די טייכן פֿון דמשק פֿליסן נאָך עד היום אַרום דער שטאָדט, וועלכע האָט אַמאָל צווישן אירע איינוווינער דעם פֿאַרוואַלטער פֿון אברהם אבינו, אליעזר, געציילט, צוליב די דאָזיקע טייכן האָט די שטאָדט דמשק אונגעהויער גרויסע און פּרעכטיקע גערטנער און ערפֿרישענדע פֿאָנטאַנען. די אייביק פֿרישע טייכן און טייכלעך ציען זיך איבער די גרינע סאַמעטענע לאָנקעס און פֿאַרשווינדן ערטערווייז פֿון אויג, דורכציענדיק זיך דורך געדיכטע רייען פֿון הויכע און שלאַנקע געדיכטע ביימער פֿון פֿאַרשידענע אַרטן.

אַ שיינע פּרעכטיקע געביידע שטייט אין דמשק אין אַ גרויסאַרטיקן גאָרטן. אין גלענצענדן סאַלאָן האָבן זיך

www.libtool.com.cn

צונויפגעזאַמעלט זייער אָנגעזעענע געסט, וועלכע אונטערהאַלטן זיך מיט'ן בעל-הבית און זיין הויזגעזונט, אָנגעטון אַלע אין די טייערסטע קליידער און צירונג. צוליב'ן גרעסטן יום טוב, דעם חג האסיף, איז דער בעל הבית פון דעם גרויסאַרטיקן הויז, דער גרויסער רייכער באַנקיר אַדאַם בעסאָ, אָנגעטון אין יום-טוב'דיקע מלבושים. זיין קאָפּ איז אָרומגעוויקלט מיט אַ ווייסן טורבאַן, אין ברייטן שוואַרצן זיידענעם גאַרטל זיינעם שטעקט אַ קינזשאַל, דאָס עמאַלירטע שייטל פון קינזשאַל איז מיט די טייערסטע דיאַמאַנטן באַדעקט. אין אַ ערנסטער אונטערהאַלטונג מיט אַדאַם בעסאָ זיצט איצט אין גאַסט-צימער אַ מאַן פון מיטל-גרויסן וווקס, דער גאַסט איז אָנגעטון אין אַ אוניפאָרם פון אַ דיפּלאָמאַט און אויף ביידע באַרטן פון זיין מונדיר זעט מען פיל אָרדענ'ס. אויף זיין ראַזירטן קאָפּ טראָגט ער אַ רויטע פעסקע. דער גאַסט אין געווען סיניאָר עליאַש דע לאַאורעלאַ — אַ רייכער יודישער סוחר און גלייכצייטיק ערן-קאָנסול פון עסטרייך. סיניאָר דע לאַאורעלאַ האָט אַ שם אין אַלע אייראָפּעאישע הויפן פון אַ טיכטיקן דיפּלאָמאַט און פון אַ מענטש, וואָס קאָן די מזרח-לענדער און ווייסט די דאָרטיקע פּאָליטישע פאַרהעלטנישן בעסער פון יעדן אויסערן-מיניסטער. עליאַש דע לאַאורעלאַ פירט קאָלאָסאַלע געשעפטן מיט אייראָפּאַ און אַפריקאַ, באַזיצט אַ אונגעהויער גרויסן פאַרמעגן און איז אַ גליקליכער פאַמיליאַנט. ער איז אַ פאָטער פון צוויי טעכטער, וועלכע זענען אין גאַנץ פּאַלעסטינע באַקאַנט דורך דעם, וואָס זיי זענען זייער שיין און דער פאָטער האָט פאַר יעדער פון זיי אַ גרויסן נדן אָנגעגרייט, און צווייטנס, וואָס זיי זענען די ערשטע יודישע פריילײנס פון פּאַלעסטינע, וואָס האָבן באַקומען זייער בילדונג דערציונג אין פראַנקרייך — אין מאַרסייל. דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס דע-לאַאורעלאַ'ס טערעזאַ און סאָפהאַניסקא האָבן זייער בילדונג באַקומען און דאָרט פאַרבראַכט עטליכע יאָר, איז געווען — וואָס, צוריק-

www.libtool.com.cn

קערנדיק זיך קיין דמשק צו זייערע עלטערן, האָבן זיי פיינט געקריגן זייער פאָטערלאַנד און די גאַנצע געזעלשאַפטליכע אָרדנונג פון אַזיען און מ׳האָט זיי מעכטיק געצויגן צוריק אין דעם „ליכטיקן״ און ציוויליזירטן אייראָפּאַ. דיביידע טעכטער דע־לאַאורעלאַ׳ס האָבן נישט נאָר פיינט געקריגן זייער פאָטערלאַנד, נאָר זייער פאָלק און אמונה אויך. זיי זענען געגאַנגען געקליידעט נאָך לויט דער אייראָפּעאישער מאָדע, האָבן צווישן זיך גערעדט נור פראַנצויזיש, געלעזן נור פראַנצויזישע ביכער און צייטונגען און מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג זיך באַצויגן צו דער אַרומיקער סביבה, צו אַלע מענטשן, וועלכע האָבן נישט געהאַט דאָס גליק דערצויגן צו ווערן אין אייראָפּאַ, אַזיען איז פאַר זיי געוואָרן אַ סימבאָל פון גייסטיקער פינסטערניש, פון פערשומעלטע פאָראורטיילן, אייראָפּאַ, — דער היפּך פון דעם, — אַ סימבאָל פון פּראָגרעס, הומאַניטעט און בילדונג, דאָס איז געווען דער ערשטער וויזיט, וואָס די פרייליינס דע־לאַאורעלאַ האָבן זינט זיי זענען צוריקגעקומען פון אייראָפּאַ געמאַכט זייערע עלטערנס גוטן פריינט אַדאַם בעסאָ און זיין באַרימטע טאָכטער עוואַ. בעסאָ׳ס פּאַלאַץ אין דמשק איז געווען דער צענטער פון אַלע אָנגעזעענסטע און געבילדעסטע מענטשן, סיי אייראָפּעער, סיי דאָרט געבוירענע פון דער גאַנצער סביבה. ביי בעסאָ׳ן האָט מען געקאָנט טרעפן דיפּלאָמאַטן, גרויס־אינדוסטריעלער וואָס קומען פון פאַרשידענע לענדער קיין אַזיען, די אָנגעזעענסטע גייסטליכע די מיוחס׳דיקע און רייכסטע יידן פון גאַנץ פּאַלעסטיגאַ זענען געווען בעסאָ׳ס בעסטע גוטע פריינט און פלעגן עפטער זיינע געסט זיין. צווישן די פיל געסט, וואָס האָבן זיך צונויפגעקליבן ביי בעסאָ׳ן אין סאַלאָן, איז אויך געווען עוואַ׳ס שיינער חתן הלל בעסאָ, עוואַס אַ שוועסטער־קינד פון אַלעפּאַ. עוואַ׳ס חתן איז געווען אָנגעטון אין די טייערסטע אַמטוקריגן קליידער, אויך לויט אייראָפּעאישער מאָדע.

הלל בעסאָ פלעגט פון צייט צו צייט צוליב זיין פאָטערס גרויסע געשעפטן, פאָרן קיין סטאַמבול און פאַרקערנדיק דאָרט

www.libtool.com.cn

אין די אייראָפּעאישע קאָלאָניעס און בכלל אין אייראָפּעאישער געזעלשאַפט, האָט צר אויך מיטגעבראַכט מיט זיך קיין אַלעפּאַ, אַ געוויסע סימפּאַטיע צו אייראָפּאַ און צו איר געזעלשאַפטליכע אָרדנונג, זיין בייגונג צו אייראָפּאַ איז אָבער בכלל נישט דערגאַנגען אַזוי ווייט, ווי ביי דע לאַאורעלאַ'ס טעכטער. בעת די לעצטע האָבן פּיינט געהאַט אַזיען בכלל און וואָס אַנבאַלאַנגט זייער פאָלק, זענען זיי געוואָרן פאַרביסענע אַסימילאַטאָרקעס, איז דער יונגער בעסאָ געבליבן אַנ'איבערגעגעבענער זון פון זיין פאָלק שעצנדיק הויך זיינע גרויסע מעלות און נאַטור-אייגנשאַפטן — אין פולן געגנזאַץ צו דע-לאַאורעלאַ'ס טעכטער, איז די שיינע און קלוגע עוואַ געווען אַ אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַליסטן. מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג פלעגט די „שיינע רויז פון שרון" שטענדיק רעדן וועגן דער נאַצ. אויפלעבונג פון יודישן פאָלק, האָט פעסט געגלויבט, אַז יידן אַלס נאַציאָן, וועלן ווידער אויפלעבן, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט נאָך זיין לעצט וואָרט נישט געזאָגט, ס'האָט נאָך פיל צו זאָגן און וועט נאָך דער מענטשהייט פיל גייסטיקע און מאָראַלישע אוצרות געבן. ווען עוואַ פלעגט וועגן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק רעדן מיט אינטימע גוטע פריינט, פלעגט זי זיי איבערגעבן איר היילקן סוד, אַ געהיימניס, וואָס איז איר צוליב געוויסע טעמים פון דער מערהייט אויסגעקומען צו פאַרבאָרגן. דער דאָזיקער סוד איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס טאַנקרעד'ס פּלאַן צו לעזן דאָס אַזיאַטישע פּראָבלעם האַלט ביים פאַרווירקליכט ווערן און די פאַראייניקטע אַרבעט טאַנקרעד'ס, פאַקרעדנ'ס און אירע, עוואַ'ס, אין דער דאָזיקער ריכטונג וועט ברענגען דערצו, אַז ס'וועט אַוועקגעלייגט ווערן דער ערשטער שטיין און פונדאַמענט פון יענע געביידע, וואָס וועט זיין דאָס געביידע פון דער יידישער צוקונפט. דעם דאָזיקן סוד האָט די שיינע עוואַ איצט אויך פאַרטרויט איר חתן הלל'ן. וועלכער איז עטליכע חדשים געווען אָבוועזנט און נור וואָס זיך צוריקגעקערט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַהיים.

צווישן די איבריקע געסט זענען אין בעסאָ'ס סאַלאָן

www.libtool.com.cn

נעוועזן די פרוי פון דעם גענעראַל־קאָנסול פּיהאָלאָראָני מוראַד און נאַסים פּאַריס ווי אויך מאָזעס לאַאורעלאַ, אַ ברודער פון עליאַש לאַאורעלאַ, מיט זיין פרוי און די באַרימטע שיינהייט פון דמשק, די יונגע פרוי פּאַרי. אַלע געסט זענען געווען אין די טייערסטע יום־טוב׳דיקע מלבושים געקליידעט און די פרויען האָבן געטראָגן אויף זיך בריליאַנטן און אַנדערע קאָסט־באַרע איידל־שטיינער, אין ווערט פון פילע מיליאָנען. די געסט האָבן זיך צווישן זיך געמיטליך אונטערהאַלטן, גערעדט, ווי דער שטייגער איז פון די לעצטע שטאָדט־נייעס, אַ ביסל רכילות וועגן באַקאַנטע און אין אַלגעמיין געלאָזט זיך וווּיל־גיין, ביי די טייערסטע מאכלים און געטראַנקען, וועלכע די בונט־געקליידעטע דינער האָבן געהאַלטן, אין איין דערלאַנגען צו די טישן פאַר די געסט. חוץ די פרייליינס לאַאורעלאַ האָט זיך צווישן די געסט געפונען נאָך אַ אייראָפּעאיש געבילדעטע פרוי. דאָס איז געווען מאַדאַם נאַסים. פרוי נאַסים האָט וואָס אַנבאַלאַנגט שיינהייט און בילדונג און ערציונג געקענט קאָנקורירן מיט די פרייליינ׳ס לאַאורעלאַ און האָט זיך אויס־געצייכנט צווישן די דאָזיקע שטאָלצע אָבער אין אַלגעמיין אייגנטליך אויבערפלעכליך געבילדעטע פרייליינס דערמיט, וואָס זי איז געווען נאַציאָנאַליסטיש געזאָנען און האָט, פּונקט ווי עוואַ בעסאָ, געהאַלטן, אַז דאָס יידישע פאָלק מוז און וועט נאָך אויפלעבן און אַנטוויקלען אין אַלטן היילקן לאַנד פון זיינע אור־אור עלטערן אַ נייַ לעבן און אַ פּרוכטבאַרע גייסטיגע טעטיקייט צום נוצן פין דער גאַנצער מענטשהייט.

דער דאָזיקער גלויבן אין די צוקונפט פון אַזיען בכלל און פון יידישן פאָלק בפרט האָט שטאַרק דערנענטערט מאַדאַם נאַסים צו דער שיינער עוואַ און זיי האָבן ביידע געלעבט ווי צוויי שוועסטער, באַגייסטערט דורך די געמיינזאַמע האָפנונג, וועלט־אַנשויונג און גלויבן.

לויט׳ן אַזיאַטישן מנהג, האָבן די מענער זיך געהאַלטן אָבגעזונדערט פון די פרויען און אַזוי אַרום האָבן די געסט אין בעסאָ׳ס פּאַלאַץ געבילדעט צוויי גרופּעס פון מענער און

www.libtool.com.cn

פרו״ען, וועלכע זענען געזעסן יעדע ״ אַ באַזונדערן טיש, אַרום צען אַ זייגער אין אָוונט זענען פון אַ נעבן-זאַל אין גאַסט-צימער אַריינגעקומען עטליכע דינער, טראָגנדיק אַ קאָרב מיט לולבים. איינער פון די דינער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ גאָל-דענע קאָרב מיט אתרוגים. די דינער זענען צוגעגאַנגען צו יעדן גאַסט, בעטנדיק אים, ער זאָל זיך נעמען אַ אתרוג מיט אַ לולב — דאָס איז געווען אַ מתנה פון בעל הבית פאַר יעדן פון זיינע געסט צוליב'ן יום-טוב סוכות.

— וואָס איז די מעשה, וואָס זיי קומען נישט? — האָט בעסאָ זיך געווענדעט צו זיין טאָכטער, אַ מערקווירדיקער יונגער-מאַן... מער וואַרטן וועלן מיר אויף זיי נישט.

— כ'בין מער ווי זיכער, ליבער פאָטער, — האָט זיך עוואַ אָנגערופן, — אַז זיי וועלן ביידע באַלד קומען.

אין דער זעלבער רגע זענען אַריינגעקומען אין גאַסט-צימער צוויי דינער און מיטגעטיילט, אַז צוויי נייע געסט זענען געקומען. איינער פון זיי איז געווען אַנ'אויסלענדער, אָנגעטון אייראָפּעאיש, דעם אַנדערן גאַסט האָבן אַלע באַלד דערקענט: דאָס איז געווען דער יונגער עמיר פאַקרעדען. דער ערשטער איז אַליין געווען פרעמד און ערשט נאָך דעם, ווי בעסאָ האָט אים פאָרגעשטעלט די איבריקע געסט האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז דער יונגער מאַן איז לאָרד טאַנקרעד מאָנטאַקויט, פון וועלכן זיי האָבן שוין אַזוי פיל מערקווירדיקעס געהערט דערציילן.

---

## פינפטעם קאַפּיטל.

— שלום עליכם, עדלער לאָרד, — האָט בעסאָ באַגריסט, — דער עדלער עמיר, וועמען איך באַגריס אויך יעצט פון'ם גאַנצן האַרצן, האָט מיר שוין דערציילט, אַז איר וואָלט גערן בייגעוווינט אַ יידישן יום-טוב אין אַ יידישן הויז.

— כ'וועל יעדע געלעגנהייט באַנוצן — האָט טאַנקרעד

www.libtool.com.cn

געענטפערט, מיין גרעסטע אַכטונג אייך צו באַווייזן, און שעץ מיך פאַר גליקלעך דעם גרויסן יידישן יום-טוב סוכּות, דעם חג האָסיף ביי אייך צו פאַרברענגען.

— און ווען איך דערלויב מיך אייך צו פרעגן ווען זענט איר צו אונז קיין דמשק אָנגעקומען.

— ערשט היינט אין דער פרי.

טאַנקרעד האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן עוואַן. בעסאָ האָט תּיכּף זיין שיינע טאָכטער צוגעפירט צום יינגן לאָרד. דאָס דערשיינען פון די ביידע צוויי געסט, האָט צווישן די פאַרזאַמלטע אין בעסאָס סאַלאָן אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. אַלע געסט האָבן געהאַלטן פאַר אַ גרויסן כּבוד דעם הויכגעשטעלטן יינגן לאָרד פאַרגעשטעלט צו ווערן. חוץ דעם האָט טאַנקרעד, ווי מען ווייסט שוין דעם גרעסטן אינטערעס אין גאַנץ דמשק און ירושלים דערוועקט, באַזונדער נאָכדעם, ווי ער איז געווען אין געפאַנגענשאַפט און פיל פון די ירושלים'ער און דמשק אָנגעזעענע איינוווינער איז באַוווסט געוואָרן, אַז ער האָט בדעה צוזאַמען מיט פאַקרעדען עפּעס וויכטיגס פאַר אַזיען אויפצוטאָן. טאַנקרעד איז געווען אָנגעטאָן לויט דער לעצטער מאָדע: אין אַ ווייכן קראַוואַט, אין הויכע לאַקיר-שטיוול און אַ בלויען פראַק, וואָס האָט זייער געפּאַסט צו זיין שלאַנקער געשטאַלט און זיין שיינעם אויסזען.

— היינט איז ביי אונז אַ גרויסער יום-טוב, האָט עוואַ טאַנקרעדן געזאָגט, באַגריסנדיק זיך מיט אים — דער יום-טוב, וועלכער האָט ביי אונזערע אור-אור-זיידעס געהייסן חג האָסיף און סוכּות דער דאָזיקער יום-טוב ווערט געפּייערט צום אָנדענקען, וואָס אַרויסגייענדיק פון מצרים האָט אונזער פאָלק אַ געוויסע צייט אין דער וויסטע געוווינט אין צייטווייליקע געצעלטן און ביידלעך, און אויך צוליב דעם, וואָס אונזערע זיידעס פלעגן צו דער צייט, וווינענדיק שוין אין זייער אייגן לאַנד, אַריינברענגען פון די פעלדער די

ווינטרויבן. אונזער פֿאָלק, האָט עוואַ ווייטער באַמערקט, באַזיצט איצט טאַקי נישט קיין פֿעלדער, גערטנער און וויינגערטנער, דאָך האָט אונז דאָס געזעץ באַפֿוילן דעם חג האָסיף און סוכּות צו פֿייערן, ווו מיר זאָלן נישט וווינען, און איך האַלט, אַז אַ פֿאָלק, וואָס פֿייערט שוין צוויי טויזנט יאָר נאָכאַנאַנט דעם חג האָסיף, נישט האָבנדיק קיין שום וויינגערטנער מוז און וועט מיט דער צייט וויינגערטנער צוריקקריגן. לייכט איז, האָט עוואַ איר געדאַנק ווייטער אַנטוויקלט, דעם ספֿרדישן יידן, וועלכער האָט קיין מאָל נאָך נישט פֿאַרלאָזן די הייסע ערטער פֿון מיטלענדישן ים, לייכט איז אים אין זיין אַזיאַטישן אָדער אַראַבישן גאָרטן יענע אַלטע שיינע צערעמאָניעס פֿון חג-האָסיף אָבצוהאַלטן. די אַרומיקע ריינע נאַטור דערמאָנט אים אויף יעדן שריט און טריט יענע גאָלדענע טעג פֿון זיין ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט. אָבער שטעלט זיך פֿאָר דעם יידן, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין אַ וווייטן צפֿון לאַנד מיט גאָר אַנ׳אַנדערן קאַלטן קלימאַט, ווו אתרוגים און לולבים קענען נאָר אין די אַראַנזשעריעס וואַקסן. וואָס קאָן דערמאָנען דעם יידן פֿון יענע קאַלטע לענדער אין דעם גליענדן הימל פֿון זיין אַלטן פֿאָטערלאַנד און פֿון די בוימער, וואָס וואַקסן אונטער יענעם גליענדן הימל? און דאָך האָט דער ייד פֿון יענע קאַלטע לענדער נישט פֿאַרגעסן אָן דעם גרויסען יום-טוב סוכּות און היט אים אָב מיט דער גרעסטער שטרענגקייט. וואָס פֿאַר אַ וועטער ס׳זאָל דאַמאָלט אין קאַלטן צפֿון-לאַנד נישט זיין, ווי קאַלט און רעגנדיק דער דאָרטיגער הערבסט זאָל נישט זיין — שטעלט יענער ייד אַ סוכּה, באַצירט זי לויט די דינים וועגן דעם דאָזיקן גרויסן יום-טוב און פֿאַרברענגט אין דער סוכּה כּמעט אַכט טאָג נאָכאַנאַנד. יעדער ייד וווהין דער-שיקזאַל זאָל אים נישט פֿאַרוואַרפֿן, בענטשט די גאַנצע זיבן טאָג סוכּות אתרוג אויסשרייבנדיק דאָס דאָזיקע דרום-פּרוכט צוזאַמען מיטן לולב און מירטן פֿון זיין הייליגן לאַנד. די

www.libtool.com.cn

אַלע צערעמאָניעס ווערן אָפּגעהיט, כדי וואָס בולט׳ער זיך פאָרצושטעלן די בילדער פון דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט, ווען די אור-אור-זיידעס האָבן נאָך געבענטשט אתרוג מיט זייערע אייגענע אתרוגים און געמאַכט קידוש פונם ווייַן, וועלכער איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון די טרויבן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין זייערע אייגענע וויינגערטנער, די אַלע צערעמאָניעס ווערן אומעטום ביי יידן אָפּגעהיט, כדי אין זייערע הערצער זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן דאָס הייליקע פייער פון ליבע צו זייער אַלטער פאַרגאַנגענהייט, מיט וועלכן ביי יידן איז שטענדיק פאַרבינדן די אייביקע פעסטע האָפנונג אויף אַ גלענצענדע צוקונפט אינם אַלטן לאַנד פון זייערע עלטערן, און נישט אומזיסט האָבן די גרויסע יידישע מענער און חכמים צוזאַמענגעשטעלט אַ תפלה, וועלכער יעדער ייד מוז זאָגן נאָך יעדער מאָלצייט, אַ תפלה, אין וועלכער ס׳ווערט גאָט געבעטן: ולירושלים עירך ברחמים תשוב.

רעדנדיק מיט צוואַן, האָט טאַנקרעד באַמערקט אין מיטן דער טעראַסע שטעהען אַ סוכּה, דאָס איז געווען אַ געביידע פון אַ מערקווירדיגער אַרט. די געביידע האָט געהאַט אומגעפער פערציג פוס אין דער לענג, האַלב פון דעם אין דער ברייט און האַלב אין דער הויך. דער דאַך פון דער סוכּה איז באַשטאַנען פון צווייגן פאַלמענבוימער, פון וועלכע ס׳האָבן אַראָפּגעהאָנגען אַ מענגע רייפע און שיינע פּירות ווי אתרוגים, אָראַנזשן, מילגראָמען, פייגן און באַנאַנען. די ווענד פון דער סוכּה זענען געווען מיט פאַלמען און מירטן-בוימער באַצירט און ערטערווייז מיט אתרוגים באַהאָנגען. אין מיטן דער סוכּה איז געשטאַנען אַ גרויסער טיש, וועלכער איז געווען מיט אַ שניי ווייסן טישטיך באַדעקט, וואָס איז מיט זייד און גאָלדנפאָדעם געוועבן אַרומגענייט ביי די עקן און מיט פיל פאַרביקע בלומען אויסגעשטיקט. אויפן טיש זענען געשטאַנען פאָרצעלייענע הויכע בלום מיט פרישע

www.libtool.com.cn

בלומען, אַרום אַ קריסטאָלענעם גראַפין מיטן טייערסטן ווײַן וענען געשטאַנען גאָלדענע בעכערס. אין דער לענג פון אַלע פיר ווענד האָט זיך געצויגן אַ ווייכע קאַנאַפּע פון געל־בער פאַרב. אויף וועלכער ס׳זענען געלעגן זיידענע קישנס און קישעלעך — אַזוי האָט אויסגעזען די סוכּה אין וועלכע דער רייכער יידישער באַנקיר בעסאָ האָט אויף די זיבן טעג סוכּות אַריבער געטראָגן זיין עס-צימער און דאָרט צוזאַמען מיט זיינע געסט געגעסן אין דער פרי, בייטאָג און אין אָוונט.

## זעקסטעם קאַפּיטל.

— איך האָב נאָך אין ירושלים געזאָלט האָבן די אַנ־גענעמע געלעגנהייט מיט אייך זיך צו באַקענען, — האָט טאַנקרעד זיך געווענדעט צו בעסאָן, זיצנדיק אין זיין סוכּה אויף דער רעכטער זייט פון בעל-הבית, אָבער די אום־שטענדן האָבען זיך אַזוי צוזאַמענגעלייגט, אַז איך האָב געמוזט מיין וויזיט אָבלייגן, ביז היינט, נאָר דורך דעם איז מיין דאַנקבאַרקייט און אַכטונג צו אייך נישט געמינערט געוואָרן אויף אַ האָר.

— מיין טאָכטער האָט מיר דערציילט — האָט זיך אָנגע־רופן בעסאָ, — אַז איר אינטערעסירט זיך שטאַרק מיט אונזער פאָלק און באַציט זיך צו אים מיט אַנ׳אויסערגעוועהנליכער אַכטונג. צוליב דעם האָב איך אייך היינט פאַרבעטן צו זיך איר זאָלט קענען בייווויינען איינע פון אונזערע גרויסע יום־טובים.

— כ׳פאַרשטיי נישט, — האָט טאַנקרעד געענטפערט, — ווי קען מען זיך אַנדערש באַציען צו אַ פאָלק, וואָס האָט אונז דעם אונשטערבליכן אמת געלערנט און געגעבן.

— יאָ, עדעלער לאָרד, — האָט בעסאָ געענטפערט, —

www.libtool.com.cn

װאָס טוט מען אָבער, אַז די גאַנצע װעלט כמעט װײל נישט אָנערקענען אונזער פּאַרדינסט.

— אָבער װאָס הײסט בײ אײך: די גאַנצע װעלט? — האָט טאַנקרעד געפרעגט, — צי מײנט איר דערמיט די פעלקער פון אײראָפּאַ, װעלכע שטעלן פאָר מיט זיך אַ געדיכטן װאַלד אָדער איר מײנט די פעלקער פון אַזיען, װעלכעס מ׳קאָן אַלס אײנגעפאַלענע חורבה באַטראַכטן?

— די אײזנבאַנען, — האָט בעסאָ באַמערקט, װעלן שוין מיט די אײראָפּעאישע געדיכטע װעלדער פּאַרטיק װערן, — אָנװײזנדיק דערמיט אױפן פּראָגרעס פון טעכניק אין אײראָפּאַ, װעלכע האָט אָבער נישט געבראַכט קײן מאָראַלישן פּראָגרעס.

— און װאָס װעט פון דער אַזיאַטישער חורבה װערן? — האָט טאַנקרעד געפרעגט.

— גאָט װעט דאָס דאָזיקע לאַנד נישט פאַרגעסן און נישט פאַרלאָזן.

— אמת, — האָט טאַנקרעד באַמערקט — די װעלט מוז לױט די געטליכע גרונד-געזעצן פון מאָראַל רעגירט װערן אין אַנ׳התחלה דערצו װעט טאַקי אַזיען מאַכן; אַ בײשפּיל, װי די מענטשהײט דאַרף רעגירט װערן, װעט דער מזרח געבן...

— אַך, — האָט זיך אָפּגערופן דער גענעראַל-קאָנסול לאַורעלאַ, װען אײער רעגירונג װאָלט נאָר די מזרח-פראַגע פאַרשטאַנען, װי גוט װאָלט עס געװען! די אַזיאַטישע פראַגע, איז גאָר נישט אַזאַ פאַרפּלאָנטערטע און שװערע, װי מען שטעלט זיך פאָר. זי איז גאָר אַנ׳אײנפאַכע און ס׳װעט מיר זײער אָנגענעם זײן מיט אײך, געשעצטער לאָרד, װעגן דער דאָזיקער פראַגע זיך אַ ביסל אונטערהאַלטן, אײדער איר װעט פון דאַנען אַװעקפאָרן צוריק אַ הײם און אין פאַרלאַמענט זיך באַטײליגן. כ׳האָב אײך צװאָס זײער װיכטיגס און אינטערעסאַנטעס װעגן דעם ענין איבערצוגעבן און...

www.liktool.com.cn

נאָר דאָ האָט דער גענעראַל-קאָנסול אַ קוק געטאָן אויף בעסאָן און איז מיט אַמאָל פאַרשוויגן געוואָרן, נישט געפינענדיק פאַר מעגליך אין זיין געגנוואַרט צו רעדן וועגן דער מזרח-פראַגע. טאַנקרעד האָט זיך לייכט פאַרנייגט פאַרן קאָנסול, אַלס צייכן, אַז ער איז גרייט מיט אים צו האָבן אַ געשפרעך וועגן דעם ענין.

— איך פון מיין זייט, — האָט זיך אין געשפרעך עוואַס חתן הלל אַריינגעמישט, האַלט, אַז די מזרח-פראַגע איז אַ פאַנטאַזיע, וואָס עקזיסטירט נאָר אין די דיפּלאָמאַטישע קעפּ און קאַבינעטן... כ׳זע נישט, אַז אַן אָריענטאַלישע פראַגע זאָל אין דערווירקליכקייט עקזיסטירען. מענטשן האָבן זי מיט געוויסע כּוונות אויסגעטראַכט... מיר דאַכט זיך, אַז ביי אונז, אין אַזיען, איז אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג און ס׳איז נישט פאַראַן קיין סבה דעם קאָפּ זיך צו ברעכן אין אַזיאַטישע פראָבלעמען אויסצוטראַכטן און אַוועקלייגן אַזוי פיל מי און ענערגיע אום צו לעזן דאָס דאָזיקע מכּלומר׳שטע פראָבלעם.

— איך פריי זיך ווידער מיט אייך צוזאַמען צו זיין, — האָט פאַקרעדען שטילערהייט געזאָגט דער פרוי מוראַד פאַרי, וואָס איז געזעסן קעגן אים, כ׳פיל מיך דאָ, ווי אין דער היים.

— און מיר אַלע, — האָט מאַדאַם פאַרי געענטפערט, מיר אַלע פילן זיך שטאָלץ אייך, איידעלער עמיר, אין אונזער סביבה צו זען.

בעת פאַקרעדען האָט זיך מיט אַזאַ עכט אייראָפּעאישן עלעגאַנץ אונטערהאַלטן מיט מאַדאַם פאַרי, האָבן די איבריגע דאַמען און פרייליינס געפירט צווישן זיך הייסע ויכּוחים וועגן דעם זעלטענעם גאַסט, וואָס האָט מיט זיין וויזיט באַערט דעם באַנקיר בעכאַ, מען האָט גערעדט וועגן דעם יינגן לאָרד, באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס, אַלע טיילן פון זיין עלעגאַנטן אייראָפּעאישן קאָסטיום און יעדער האָט ארויסגעזאָגט אַ באַזונדער מיינונג וועגן אים.

www.libtool.com.cn

— אַך, וואָס פאַר אַ שיינער און פאָרנעמער יינגער מאַן — האָבן אַלע פרויען, וואָס זענען דאַמאָלט אין בעסאָס זאַלאָן געזעסן איינשטימיק איינגעפונען.

— כ׳שטעל זיך פאָר, האָט טערעזאַ לאַאורעלאַ צו איר שוועסטער געזאָגט, ווי דער יינגער לאָרד פילט זיך דאָ אין פינסטערן אַזיען, ווי לאַנגווייליק ס׳ציען זיך דאָ פאַר אים די טעג...

— געוויס! קיין בעלער, קיין באַנקעטן, קיין טעאַטער און אָפערע, ווו ער זאָל קענען זיין פרייע צייט פאַרברענגען — איז ביי אונז נישטאָ... און צוליב וואָס אייגנטליך איז ער אַהער געקומען? וואָס האָט אים אַהערצו פון זיין וייטן פאָטערלאַנד געבראַכט?

— אפשר אַ געהיימע ליבע, האָט טערעזאַ באַמערקט: ער זעט דאָך אַזוי שלעכט אויס...

— און צו אַלעם, קומט אים נאָך אויס דאָ צו פאַרברענגען אין אַ געזעלשאַפט, מיט וועלכער ער קאָן קיין שום געמיינזאַמעס נישט האָבן, האָט סאָפאַניסבע באַמערקט, באַדויערנדיק פונם גאַנצן האַרצן דעם יינגן ענגלענדער.

— אַחוץ הלל בעסאָ, האָט זיך אָבגערופן איר שוועסטער טערעזאַ — דאַכט זיך מיר, איז זייער אַ געבילדעטער יינגער מאַן. כ׳האָב פאַרן עסן מיט אים גערעדט, ער האָט מיר דערציילט, אַז דעם ווינטער האָט ער פאַרבראַכט אין קאָנסטאַנטינאָפאָל. ס׳רוב אין אייראָפעאישער געזעלשאַפט. ער פלעגט באַזוכן אַלע זייערע בעלער און באַנקעטן ווי אויך די אָפעראַ און קאָמעדיע. דאָס אַליין איז שוין דאַכט זיך גענוג, אַז אונזערער אַ מענטש זאָל מיט לייב און זעלע אַ אייראָפעער ווערן און זיינע אויגן זאָלן זיך אים עפענען צו דערזען, אין וואָס פאַר אַ זומפ ער געפינט זיך דאָ אין זיין פאָטערלאַנד, אין פינסטערן אַזיען.

— לאָרד פאַלמערסטאָן, — האָט דער גענעראַל-קאָנסול ווידער אָנגעהויבן זיין איבערגעריסענעם דיפלאָמאַטישן גע-

www.libtool.com.cn

שפּרעך מיט טאַנקרעדן — האָט די מזרח-פּראַגע נישט אינגאַנצן פֿאַרשטאַנען, אָבער ווען איך וואָלט אַן׳ענגלישער קאָנסול געווען, וואָלט איך אים אויף פֿיל זאַכן אויפמערקזאַם געמאַכט, פֿון וועלכע ער האָט קיין שום אַהנונג נישט ביז יעצט, לאַאורעלאַ איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן.

— אים האָט גאָט צוגעשיקט אַ לאָרד פּאַלמערסטאָן, — האָט פּאַקרעדען שפּאָטיש אין דער שטיל טאַנקרעדן באַמערקט, און אונזער גענעראַל-קאָנסול קען זיך פֿון אים זאָט נישט אָנריידן: פֿון וואָס ער זאָל נישט אָנהויבן צו ריידן מוז ער אויף לאָרד פּאַלמערסטאָן אַרויפֿגיין, פּונקט ווי חוץ פּאַלמערסטאָן זענען שוין מער אין אייראָפּאַ קיין מלוכה מענער נישט פֿאַראַן. און וואָס קען איבערהויפּט אַ דיפּלאָמאַט אין דער מזרח-פּראַגע פֿאַרשטיין, וואָס איז נאָך דאָ אין די מזרח-לענדער נישט געווען?

— די הויפּט-זאַך איז, האָט זיך דעם גענעראַל-קאָנסולס ברידער, עליאַש לאַאורעלאַ אָבגערופֿן צו קלאָר פֿאַרשטיין, וואָס אייגנטליך, די מזרח-פּראַגע איז, אום וואָס דאָ האַנדלט זיך, וואָס איז דער עיקר און וואָס איז אַ נעבן-זאַך.

— די מזרח-פּראַגע, — האָט זיך אָבגערופֿן פּאַקרעדען, — באַשטייט אין דעם, ווער ס׳זאָל ביים מיטלענדישן ים הערשן, און ס׳זענען פֿאַראַן נאָר צוויי לענדער, וועלכע קענען די הערשער פֿון מיטעל-מער זיין, די דאָזיקע לענדער זענען סיריען און עגיפּטען. די ענגלענדער, די רוסן, פֿראַנצויזן און עסטרייכער — זיי האָבן קיין שום רעכט נישט אַלע פּרעמדע, אויף די לענדער.

זיי קענען נאָר זייערע שיפֿן איבערן ים שיקן, אָבער אָרגאַניש מיט אים זענען זיי נישט פֿאַרבינדן און זענען אים ווילד-פּרעמדע. יאָ, — האָט פּאַקרעדען מיט אַן׳איבערצייגטער שטימע צוגעגעבן: איבערן מיטלענדישן ים מוזן נאָר סיריען און עגיפּטען בעלי-הבתים זיין.

— עגיפּטען האָט שוין געפּרוווט די הערשונג איבערן

www.libtool.com.cn

איכלענדישן ים צו קריגן, אָבער עס האָט קיין ערפאָלג נישט געהאַט, האָט דער גענעראַל-קאָנסול באַמערקט.

— דעריבער טאַקע, — האָט זיך אָבגערופן טאַנקרעד, מוז ער סיריען אַמאָל פּרובירן, און איך גלויב, אַז סיריען וועט מער גליק האָבן ווי עגיפּטן.

— איר רעכנט, — האָט בעסאָ טאַנקרעד'ן געפרעגט — אויך עגיפּטן צו באַזוכן איידער איר וועט פון אונזערע ערטער זיך צוריקקערן?

— כ'האָב נאָך נישט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן מיין צוריקקערן אַ היים, אָבער עגיפּטן וועל איך יעדנפאַלס באַזוכן; דאָס איז אַ לאַנד וואָס אין איראָפּאַ הויבט מען עס נישט אָן צו פאַרשטיין. אין די לעצטע צייט האָט זיך עגיפּטן אַזוי פאַר־ענדערט, אַז ס'איז זייער אינטערעסאַנט צום נייעם עגיפּטן זיך צוצוקוקן.

בעסאָ האָט געשאָקלט מיט'ן קאָפּ און לייכט געלאַכט ביי די לעצטע ווערטער טאַנקרעד'ס, אַלס צייכן, אַז ער איז נישט מסכים מיט זיין מיינונג.

— עגיפּטן האָט בעסאָ באַמערקט, — האָט זיך לחלוטין נישט געענדערט, דאָס איז דאָס זעלבע לאַנד, ווי עס איז געווען אין פּרעה'ס צייטן. קיין שום שנוים זענען דאָרט פון דאַמאָלט אָן נישט פאָרגעקומען. אין עגיפּטן הערשט נאָך ביז היינט די זעלבע נאַציאָנאַל-עקאָנאָמישע רעגירונגס-אָרדנונג, ווי אין יענע טיף-אַלטע צייטן און האָט נאָך איצט אַ יודישן פּרעמיער-מיניסטער.

— אַ יידישן פּרעמיער-מיניסטער, זאָגט איר?

— יאָ, אַרטים-ביי, דער יעצטיגער פּרעמיער פון עגיפּטן, וועלכער איז פריער געווען געזאַנדטער פון פּאַשאַ אין פּאַריז. אַרטים ביי איז אַ זעלטן פעיקער דיפּלאָמאַט. ער איז נישט נאָר יוסף'ס אַ נאָכפאָלגער, נאָר ער שטאַמט אויך פון באַרימטן עגיפּטישן פּרעמיער פון פּרעה'ס צייטן.

— אויב אַזוי, — האָט טאַנקרעד באַמערקט, מוז מען זיין אימען אַריינשטעלן אין דער ליסטע פון די מאָדערנע יידישע

מלוכה-מענער, וועלכע אייער גוטער פריינד סידאָניע האָט צו־זאַמענגעשטעלט.

– יאָ, יאָ, – האָט בעסאָ מיט שטאָלץ זיך אָבגערופן, מיר יידן האָבן אַנ׳אַנטייל געגומען אין דער רעגירונג פון דער וועלט און פיל גרויסע מלוכה-מענער אין יעדער צייט אַרויס־געגעבן.

– מיר שיינט, האָט טאַנקרעד באַמערקט, – אַז יידן רעגירן אין יעדן לאַנד, אַחוץ זייער אייגענער מדינה.

– און דאָס, – האָט בעסאָ געענטפערט, וואָלטן מיר אויך מיט עטליכע יאָר צוריק געקענט דערגרייכן, מיר וואָלטן אַליין אין אונזער הייליקן לאַנד געקענט זיין די בעלי-הבתים און דאָס רעגירן. נאָר וואָס זאָלן מיר רעדן וועגן אַ זאַך, וואָס קען אייך נישט אינטערעסירן.

– קוים אינטערעסירן! אַזוי מיינט איר, – האָט זיך אָבגערופן טאַנקרעד, אָבשטעלנדיק זיין פאָרשנדן בליק אויף בעסאָ׳ן, – שטעלט אייך פאָר, געשעצטער בעסאָ, אַז די דאָזיקע פראַגע אינטערעסירט מיך מער פון אַלע איבריקע מזרח-פראַגן, זי אינטערעסירט מיך זייער און זייער.

די פראַגע וועגן הייליקן לאַנד האָט נאָך מיינע אור-אור־זיידעס אינטערעסירט. איינער פון זיי איז נאָך מיט זעקס הונדערט יאָר צוריק פונ׳ם ווייטן קאַלטן ענגלאַנד אַהער־געקומען, כדי די ממשלה איבער פאַלעסטינע איבערצונעמען. יאָ, מ׳קאָן זאָגן, אַז דעם לעבהאַפטן אינטערעס צום הייליקן לאַנד און זיין גורל האָב איך בירושה באַקומען.

די שטערן האָבן שוין געגלאַנצט, פינקלנדיק אויפ׳ן הימל, ווען די געסט זענען אַרויסגעגאַנגען פון בעסאָ׳ס סוכה. די לופט איז געווען וואַרעם און אונבאַוועגט, ווי אין אַ ענגלישן זומער-טאָג. די פאַווילי׳אָנען, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער לאַנגער און ברייטער טעראַסע, האָבן געגלאַנצט אונטער׳ן שיין פון טויזנטער בונטע לאָמפן, מיט וועלכע די פאַווילי׳אָנען זענען געווען אילומינירט.

www.libtool.com.cn

דער גענעראַל-קאָנסול לאַאורעלאַ האָט געבעטן ערלויבניש טאַנקרעד'ן זיינע טעכטער פאָרצושטעלן.

ווען די ביידע טעכטער זיינע זענען טאַנקרעד'ן פאָרגעשטעלט געוואָרן, האָבן זיי זיך באַמיט פאַר אים אַרויסצוּווייזן זייער עלעגאַנץ, ערציונג און בילדונג, רעדנדיק וועגן טעאַטער, ליטעראַטור און מוזיק. ווי כמעט אַלע פרויען אין אַזעלכע פאַלן, האָבן זיי זיך באַמיט טאַנקרעד'ן צו געפעלן. נאָר ביי טאַנקרעד'ן אין די אויגן האָבן ביידע שוועסטער לאַאורעלאַ גאָר ווייניק נושא חן געווען. ער האָט אין זיי געזען מיידלעך פון יענער אַרט בילדונג און ערציונג וועלכע האָט אים בעת ער איז נאָך אַ סטודענט געווען, אָבגעשטויסן, דאָס בילדונגס-סיסטעם, וואָס הערשט אין גאַנץ אייראָפאַ, ווי דאָס רעגירונגס-האָט אין טאַנקרעד'ס פערזאָן געהאַט דעם גרעסטן סיסטעם שונא. ס'איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס ער האָט אויס-געניצט די ערשטע געלעגנהייט אַ סוף צו מאַכן צום סאַלאָן-געשפרעך מיט די שוועסטער דע-לאַאורעלאַ און אָבזוכנדיק יואַ'ן, האָט ער מיט איר אָנגעהויבן זיך אונטערהאַלטן. פון יעדן וואָרט עוואַ'ס און יעדער באַמערקונג אירע האָט מען געזען איר נאַטירליכן פאַרשטאַנד, חכמה און שאַרפזיניגקייט.

— ווי געפעלט אייך מיין פאָטער? — האָט עוואַ געפרעגט טאַנקרעד'ן מיט אַ ביסל אונזיכערער שטימע, וואַרפנדיק אָבער דערביי אַ שטאָלצן בליק אויף דעם יינגן לאָרד.

— ער איז געווי אַזעלכער, ווי דער הער סידאָניע האָט מיר אים געשילדערט, — אַזעלטענער מאַן.

— מיין פאָטער, — האָט עוואַ ווייטער באַמערקט, האָט שוין לאַנג געוואָלט מיך מיט אייך זיך באַקענען, היינט אייגנט-ליך, האָט ער אויף אייך נישט געוואַרט, איר האָט אונז אייער וויזיט אונערוואַרטעט געמאַכט און צוליב דעם איז אים אייער וויזיט נאָך פיל אַנגענעמער.

— יאָ, האָט טאַנקרעד געענטפערט, איך האָב שוין לאַנג געדאַרפט אייער פאָטער אַ וויזיט מאַכן. כ'האָב עס געזאָלט טון תיכף ווי איך בין קיין ירושלים אָנגעקומען, נאָר איך האָב

www.libtool.com.cn

שטאַרק פּערזען. אָבלייקנדיק מיין בעזוך ביי אייער פאָטער. כ׳בין זיך מודה, אַז דערמיט בין איך אַ גראָבן פעלער באַגאַנגען און דערפאַר טאַקע בין איך גוט באַשטראָפט געוואָרן. כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז איר און אייער פאָטער האָבן אויף מיר אַזאַ איינדרוק געמאַכט, אַז איך האַלט עס פאַר אַ גליק, וואָס איך בין מיט אייך באַקאַנט געוואָרן.

עוואַ׳ס שיינעס געזיכט האָט זיך ביי די דאָזיקע ווערטער טאַנקרעד׳ס פאַרויטלט. נאָך אַ קורצער פויזע האָט זי זיך אָבגערופען:

— איך בין צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך ענדליך אַלע געטראָפן אויף איין אָרט און וואָס איר וועט אונז איצט אַביסל בעסער פאַרשטיין, ווי פריער. ווען איר וועט קיין ענגלאַנד צוריקקומען, וועט איר זיך פאַר אונז אָננעמען, און אונז פאַרטיידיקן, ווען מ׳וועט אויף אונז רכילות אויסטראַכטן, נישט אמת? [illegible], אַז איר וועט נישט קענען דולדן, וואָס מ׳רודפט אונז אַזוי און מען טראַכט אויס אויף אונז אַזעלכע שענדליכע בלבולים, ווי יענע, וואָס שונאים האָבן אויף אונז אַרויסגעלאָזט מיט עטליכע יאָר צוריק. אַז מיר הרגנען זייערע קינדער כדי זייער בלוט אין אונזערע מצות אַריינצומישן... איר האָט דאָך מסתמא געהערט פון דעם נידערטרעכטיקן בלבול, וואָס מ׳האָט אויסגעטראַכט אויף די דמשק׳ער יידן, ער האָט דאָך די גאַנצע וועלט אויפגערודערט...

— כ׳וועל נאָך אַזוי גיך קיין ענגלאַנד זיך נישט צוריקקערן — האָט טאַנקרעד געענטפערט, — און ווען מ׳וועט אייך רודפ׳ן, האָף איך זיין אומשטאַנד אייך צו פאַרטיידיקן.

דער קלאָרער הימל, די ריינע לופט, די פאַרביגע בלומען און די גלענצענדע בריליאַנטן און אַנדערע איידעלע שטיינער, מיט וועלכע די פרויען זענען געשמוקט געווען, די רייכע קליידער און איבערהויפט דער גאַנצער גלאַנץ און לוקסוס, וואָס האָבן דאָ אַרום און אַרום געהערשט — האָבן אויף טאַנקרעד׳ן דורך זייער בייקייט און שיינהייט דעם טיפסטן איינדרוק געמאַכט. ער איז געווען ווי פאַר׳כשופ׳ט פון דעם,

www.libtool.com.cn

וואָס ער האָט דאָ אין בעסאָ׳ס פּרעכטיקן סאַלאָן געהערט און געזען.

— ווו זענען געווען די קינדער? וואָס האָבן זיך דאָ געשפּילט, — האָט טאַנקרעד עוואַ׳ן געפרעגט, באַמערקנדיק אַז ביי זיין אַריינקומען אין אָנפאַנג פון אָוונט זענען אַרומגעלאָפן עטליכע קינדער פון זעלטענער שיינהייט.

— זיי שלאָפן שוין, — האָט געענטפערט די מוטער פון די קינדער, — הלל בעסאָ׳ס שוועסטער, וואָס איז נישט ווייט געווען.

— אַ שאָד — האָט זיך אָפּגערופן טאַנקרעד, — כ׳וואָלט אַבעלן געוועון זיי צו זען... נאָר כ׳האָף נאָך אַ געלעגנהייט דערצו צו האָבן.

— מ׳זאָגט, — האָט עוואַ באַמערקט — אַז די יידישע קינדער זענען די שענסטע אין דער וועלט, וואָס מער זיי וואַקסן אונטער, פאַרלירן זיי אָן אַלץ זייער שיינהייט — און פון וואַנען נעמט זיך עס? פון באַוווסטזיין, אַז זיי שטייט פאַר אַנ׳אייביקע חרפּה, אַ שאַנד וואָס זיי ווייסן אַליין נישט פאַר וואָס און פאַר ווען, אַז זיי שטייט פאָר מיט זיך צו פאַרגרעסערן די רייען פון די גערודפ׳טע און געפּלאָגטע. דאָס דאָזיקע טרויעריגע באַוווסטזיין פאַרטונקלט זייער שיינהייט. אָנשטאָט פרייד און זאָרגלאָזיקייט, וועלכע מיר באַגעגענען ביי קינדער פון אַלע אַנדערע פעלקער, זעען מיר דורכ׳ן געזיכט פון אַ יינגן יידן אַנ׳אויסדרוק פון פּחד און אונזיכערהייט און די חרפּה, צו די גערודפ׳טע צו געהערן, לייגט אויף אַזעלכע געזיכטער, איר שטעמפּל אַרויף. יאָ נאָך אין די יינגע יאָרן דערוויסט זיך דער ייד דעם סוד, אַז ער געהער צו דער פאַראַכטעטער און גערודפ׳טער ראַסע, וועלכע מוז אָבקומען גלות אין פרעמדע לענער.

און דאָס דאָזיקע געפיל ווירקט באַזונדערס אויף די קינדער פון די אָרימע קלאַסן. די קינדער פון אונזערע, פאַרמעגנדע קלאַסן, ווערן ערצויגן אין גייסט פון אַכטונג פאַר זיך זעלבסט, זיי ווערן געוויסערמאַסן אָבגעהיט פון אַזאַ ביטערער

www.libtool.com.cn

און ערנידערגענדער ווירקונג. און זייערע אָפענע און מוני־טערע געזיכטער ענדערן זיך נישט מיט דער צייט.

— און וואָס קאָן מען זאָגן צום געזיכט פון יענעם יידישן מיידל — האָט טאַנקרעד ביי זיך געטראַכט — וואָס רעדט אַזעלכע קלוגע ווערטער, וואָס איז שיין ווי די וועלט און אַזוי קלוג.

אויף אַזאַ געדאַנק האָט טאַנקרעד'ן אַרויסגעבראַכט עוואַ'ס קלוגע און שאַרפזיניקע ענטפערן אויף אַלע זיינע פראַגען און איבערהויפט אירע זעלטן קלוגע מיינונגען, וואָס זי האָט בעת זייער געשפרעך וועגן פאַרשידענע אָנגעלעגנהייטן אַרויסגעזאָגט. טאַנקרעד האָט טראַכטנדיק וועגן עוואַ'ן, געפילט, אַז זי האָט באַהערשט זיין גאַנצעס וועזן, אַז זי האָט מיט אַ העלער, וואַרעמער ליכט באַלויכטן די פינסטערניש פון זיין נשמה. אַז אין איר געגנוואַרט באַקומט די גאַנצע וועלט אין זיינע אויגן עפּעס גאָר אַנ'אַנדער אויסזען, ער האָט אין זיך דערשפּירט די שטאַרקסטע מעכטיגסטע באַדערפניש וואָס אָפטער עוואַ'ן צו זען און אין איר געזעלשאַפט צו פאַרברענגען, מיט איין וואָרט, טאַנקרעד האָט דערפילט, אַז ער האָט עוואַ'ן ליב מיט אַנ'ערהאַבענדער, שטאַרקער ליבע, טאַנקרעד האָט זיך מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן דערמאָנט, ווי ער האָט עוואַ'ן דאָס ערשטע מאָל ביי אַזעלכע אונגעוויינליכע אומשטענדן אין יענעם וואונדערבאַרן גאָרטן באַגעגנט, נאָכהער איר ערשיינען, ווי אַ מלאך פון גאָט פאַר זיין קראַנקן בעט, בעת ער איז געלעגן, שוועבנדיק צווישן לעבן און טויט, אין געצעלט פון שייך עמלק'ס לאַגער, ווי, אַ דאַנק איר שלאָף־געטראַנק, איז ער נצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. און איצט האָט ער — שוין נישט אונערוואַרטעט — ווידער דאָס גליק מיט דעם דאָזיקן מלאך אין געשטאַלט פון אַ רייצענד שיינער יונגער פרוי צו רעדן אַזוי אָפנהערציק און איר פאַרטרויען זיינע הייליקסטע געפילן און איבערצייגונגען, זיינע פאַרבאָרגענסטע געדאַנקען און ביי איר אַזאַ שטאַרקע מאָראַלישע שטיצע צו געפונען...

טאַנקרעד האָט מיט העכסטן צופרידנהייט געטראַכט וועגן דעם אַלעם, וואָס ער האָט דאָ ביז אַהער איבערגעלעבט.

www.libtool.com.cn

אין דערזעלבּיקער רגע זענען אין צימער ווו טאַנקרעד האָט זיך מיט עוואַ'ן אונטערהאַלטן, אַריינגעקומען פּאַקרעדען און הלל בעסאָ, מונטער און לאַכנדיק. הלל איז צוגעגאַנגען צו זיין כלה און, איבּערגעבּנדיק איר עטלעכע ווערטער, האָט ער מיט איר אָנגעהויבּן אַרומצוגיין איבּער'ן צימער אַהין און אַהער. זייערע געזיכטער זענען געווען ערנסט, הלל האָט זשעסטיקולירנדיק מיט ביידע הענד און וואַרפנדיק אויף איר אַ פאַרשנדן בּליק, איר מיטגעטיילט עפּעס וויכטיגעס.

— ווער איז דער יינגער מאַן? — האָט טאַנקרעד געפרעגט פּאַקרעדינ'ן.

— דאָס איז עוואַ'ס חתן. ער האָט ביי מיר אויסגעכאַפּט און בּאַרויבּט מיין כלה, אויף וועלכע איך האָבּ געוויסע רעכט געהאַט, כ'האָבּ אייך שוין דאַכט זיך, דערציילט מיין ביאָגראַפיע. ווי איך בּין ביי בעסאָ'ן אין הויז דערצויגן געוואָרן ווי איך האָבּ לאַנג נישט געוווסט, אַז בעסאָ און זיין פרוי זענען נישט מיינע עלטערן, ווי איך האָבּ שפּעטער דערוויסנדיק זיך, אַז עוואַ איז נישט מיין שוועסטער זי ליבּ געקריגן מיט אַנ'אַנדער ליבּע און געהאַט בּדעה מיט איר חתונה צו האָבּן. כ'האָף אויך איצט, אַז נאָך דעם ווי בעסאָ וועט חתונה מאַכן זיין טאָכטער מיט הלל'ן, וועט ער מיך אָנערקענען פאַר אַ זון זיינעם און אויבּ ער וועט מיר נאָך זיין טויט זיין פאַרמעגן נישט איבּערלאָזן, וועט ער יעדנפאַלס אַלע מיינע חובות פאַר זיין טויט בּאַצאָלן, ווי מיינט איר, מיין ליבּער פריינט, מעג איך אויף דעם האָפן אָדער נישט?

נאָר טאַנקרעד'ס געדאַנקען זענען דאַמאָלט געווען זייער ווייט, פון פּאַקרעדינ'ס פּלוידעריי. זיינע ווערטער זענען אים ווי מ'זאָגט, אין איין אויער אַריין און פון דעם אַנדערן-אַרויס. נאָר דאָ האָט זיך פון דערווייטנס דערהערט אַ הויך געלעכטער.

— קומט, טאַנקרעד, וועט איר עפּיס זען, — האָט זיך פּאַקרעדען געווענדעט צו זיין פריינט, געבּנדיק אים אַ צייכן, ער זאָל אים נאָכגיין.

טאַנקרעד איז אַרויסגעגאַנגען מיט פּאַקרעדינען פון דער

www.libtool.com.cn

טעראַסאָ צו אַ גרויסער געביידע מיט קעלערס, שטאַלן און אַמבאַרן און דאָרט דערזען, ווי הלל בעסאָ, עוואַ און עטליכע פון די געסט זענען געשטאַנען אַרום אַ גרויסער פאַס, לאַכנדיק און ווערטלנדיק זיך צווישן זיך. דאָס איז געווען אַ פאַס מיט טייערן פראַנצויזישן וויין, וועלכער אַ פראַנצויזישער דיפּלאָמאַט, הלל בעסאָ'ס אַ גוטער באַקאַנטער, האָט אים צוגעשיקט אַלס מתנה, נאָך דעם ווי ער האָט זיך מיט אים באַפריינדעט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען טאַנקרעד האָט זיך געזעגנט מיט בעסאָ'ן, זיין טאָכטער און דער גאַנצער געזעלשאַפט און זיך צוריקגעקערט אין זיין האָטעל אַריין. די פולע לבנה האָט מיט אַ העלן זילבערנעם ליכט באַגאָסן גאַנץ דמשק מיט זיינע פּרעכטיקע גערטנער, מאָשעען, פון די קיפּאַריסן און פּאַלמען האָבן זיך געצויגן לאַנגע און ברייטע שאָטנס. פון דערווייטנס האָט מען דורך אַ דינען נעבל-שלייער אַרויסגעזען די וויסטע, וועלכע האָט געמאַכט אַנ'איינדרוק פון אַ ברעגלאָזן לייכט באַוועגנדיקן ים... מיט שווערע געדאַנקען האָט זיך טאַנקרעד דערנענטערט צום האָטעל, וואָס האָט זיך געפונען אויף איינער פון די הויפּט-גאַסן, באַהאַלטנדיק זיך אין אַ גרויסאַרטיקן גאָרטן פון פּאַלמען, אַלעאַנדרען און אַנדערע הויכע און שלאַנקע בוימער. טאַנקרעד האָט דאַמאָלט געטראַכט וועגן „אייביקן פאָלק", זיין ווונדערבאַרן גורל, זיין טרויריקער לאַגע, אין וועלכע די קריסטן פון אַלע לענדער זענען אַזוי שולדיק — און וועגן דער צוקונפט, פון וועלכער די שיינע עוואַ האָט מיט אַזאַ באַגייסטערונג גערעדט. האַלטנדיק די באַווייזן און מאָטיוון, וואָס עוואַ האָט געבראַכט בנוגע דער צוקונפט פון יידישן פאָלק, פאַר ריכטיקע, האָט טאַנקרעד דערשפּירט אין זיך אַ געפיל, וואָס איז נאָנט געווען צו געוויסנסביסן דערפאַר וואָס ער, אַלס קריסט, האָט נאָך ביז איצט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזאַ גרויסע עולה קריסטן באַגייען געגן יידן. אַלס רעזולטאַט פון די געוויסנסביסן און איבעריכע פאַרוואָרפן, האָט טאַנקרעד דערשפּירט אין זיך אַ נייע פליכטס-

www.libtool.com.cn

געפיל, אַ חוב מכפר צו זיין דעם גרויסן חטא געגן יידן דורך דעם, וואָס ער וועט זיך שטעלן אין די רייען פון די קעמפער פאַר די צוקונפט פונ׳ם יידישן פאָלק. טאַנקרעד איז געקומען צום באַשלוס, אַז ער איז מחויב מיטצוהעלפן, לויט זיינע כוחות און מעגליכקייט, צו לעזן די גרויסע יידישע אויפגאַבע און מערקווירדיג — דאָס דאָזיקע באַוווסטזיין האָט טאַנקרעד׳ן געגעבן אַ געוויסע מאָראַלישע סאַטיספאַקציע. ער האָט זיך געפילט, ווי אַ שווערער שטיין זאָל אים האָבן אַראָפּגעפאַלן פון האַרצן... אונזער יינגער אידעאַליסט האָט שוין געהאַט אַזאַ טבע אַז דענקענדיק אַפילו וועגן עפּיס דערהאַבענעם, האָט ער זיך געפילט פאַר גליקליך און דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ביי טאַנקרעד׳ן זענען ווערטער מיט מעשים געווען שטאַרק אָרגאַניש פאַרבונדן, וואָס יעדע טאַט איז געווען אַ רעזולטאַט פון ווערטער אָדער געדאַנקען, פאַר טאַנקרעד׳ן איז שוין געווען גענוג, אַז ר׳איז גרייט צו אַנ׳עדעלן טאַט צו באַגיין, — צו האַלטן די דאָזיקע טאַט פאַר אַ געשעענעם פאַקט. אויך אין דעם פאַל, דענקענדיק וועגן זיין חוב בנוגע דעם יידישן פאָלק, האָט טאַנקרעד מיט זיין גייסטיקן אויג זיך שוין געזען אין דער ראָלע פון אַ קעמפער פאַר יענע אידעאַלן, וועלכע האָבן די וווּנדערבאַרע עוואַ׳ן באַגייסטערט פאַר איר פאָלק.

---

## זיבעטעם קאַפּיטל.

אין די גאַסן פון דמשק, וואָס פירן צום גרויסן באַזאַר, האָט געהערשט אַ קאָכעדיק לעבן. פונ׳ם געפילדער און געשריי, וואָס פלעגן דאָרט אַ גאַנצן טאָג נישט אויפהערן, האָט מען פשוט טויב געקענט ווערן. די פענסטער פון די הייזער און טירן זענען דאָרט מיט טעפּיכער פאַרהאָנגען געווען, כדי דאָס געוויש ווי אויך די גליענדע זונען-שטראַלן זאָלן אין די ציממערן נישט קענען אין גאַנצן אַריינדרינגען. די זון האָט גע-

www.libtool.com.cn

ברענט אונ׳רחמנות׳דיק... באַראָני, טאַנקרעד׳ס דינער, וועלכער איז שוין אַ מאָל צוואָנציק געווען אין דמשק און דאָ פאַרבראַכט חדשים-לאַנג, האָט די אַלע גאַסן פון דער אַלטער שטאָדט, געקענט, ווי אַ געבוירענער דמשק׳ער איינוווינער. דורכרייטנדיק די גאַסן, וווּ די גרעסטע זיידן-געוועלבער געפונען זיך, אין פאַרקערווענדיק זיך פון דאַנען אין אַ גאַס, וווּ די באַרימטע געווער-געשעפטן געפונען זיך, איז באַראָני אַריינגעריטן אין אַ געסל, וווּ די געווירצהענדלער פירן זייער ברייטן מסחר. באַראַני וואָט זיך דאָ, אינ׳ם פאַרוואָרפענעם ווינקל פון דער גרויסער אַזיאַטישער שטאָדט געפילט ווי ביי זיך אין דער היים, כמעט אַלע געווירצהענדלער און שאַכערס האָבן אים באַגריסט ווי אַנ׳אַלטן באַקאַנטן, עטליכע האָבן זאָגאַר אויסגעדריקט זייער צופרידנהייט, וואָס זיי זעען אין דמשק נאָך אַמאָל דעם גוטן פרענק, וועלכער האָט אַזוי זעלטן פריי גערעדט טערקיש, אַראַביש און כמעט אויף אַלע מזרח-שפּראַכן. די הענדלער, וועלכע האָבן גוט געוווּסט, אַז באַראָני קומט אַהער שטענדיק נישט אַליין, נאָר אַלע מאָל אַלס באַגלייטער פון אַ גרויסן פרענקישן גביר, האָבן אים מיט אַ באַזונדער פריינט-ליכקייט באַגריסט, האָפנדיק פון אים צו האַפּן אַ גוטן פדיון, דער גאַנצער באַזאַר האָט דאַמאָלט געקאָכט ווי אַ קעסל, מענטשן האָבן אין דער לענג פון דער גאַס זיך געצויגן שטראָמענווייז אַהין און אַהער, פאַר׳דאגה׳ט און פאַרהאָרעוועט אין איין זוכעריי און לויפעניש.

באַראָני איז צוגעריטן צו אַ קראָם, איז אַראָפּ פונ׳ם אייזל און צוגעגאַנגען צום לאָדן פון אַ געווירצהענדלער. דאָס איז געווען אַ מאַן פון די מיטעלע יאָרן, מיט העל-בלויע שטעכנדע אויגן, ער איז געזעסן פאַר זיין לאָדנ-טיש און גע-מיטלין געקרייכערט זייך נאַגרילע אָנגעטון אין אַ ברייטן העלן חאַלאַט, מיט אַ שוואַרצן טורבאַן אויפן קאָפּ.

— אַ, שלום עליכם, עפענדי! — טויזנט ברכות אויף דיין קאָפּ, האָט זיך דער געווירצהענדלער געווענדעט צו באַראָנין, דערזעענדיק אים ביים שוועל פון זיין טיר — וואָס מאַכסטו?

www.libtool.com.cn

ווי גייט עס? ווען ביזטו קיין דמשק געקומען און ווו האָסטו פאַרבראַכט די גאַנצע צייט, זינט דו ביזט פון דאַנען אַוועקגעפאָרן.

פונ׳ם אינטימען טאָן, מיט וועלכן דער געווירצהענדלער האָט באַגריסט באַראָנין און ביי אים זיך נאָכגעפרעגט, וואָס מיט אים הערט זיך, איז קענטיג געווען, אַז זיי ביידע, באַראָני און דער געווירצהענדלער, זענען שוין אַלטע באַקאַנטע געווען.

— כ׳בין ערשט נעכטן אַהערגעקומען — האָט באַראָני געענטפערט — און וואָס הערט זיך ביי דיר? ווי גייען דיינע געשעפטן? האָסטו די גאַנצע צייט פון מיין אָבוועזנהייט דאָ אין דמשק פאַרבראַכט אָדער ערגיץ אַנדערש ווו געוועזן?

— כ׳בין דאָ און דאָרטן געוועזן — אויף איין אָרט נישט געזעסן — האָט דער הענדלער געענטפערט.

— וואָס מאַכן אונזערע פריינט אין די בערג? ווי גייט עס זיי דאָרט? — האָט באַראָני געפרעגט.

— זיי לעבן, — האָט דער הענדלער אים אַ קורצן ענטפער געגעבן.

— אַ דאַנק דעם אויבערשטן, האָט זיך אָבגערופן באַראָני! דאָס איז דער עיקר? אויב מען לעבט נאָר, וועט דער אויבערשטער אונז צום לעבן אויך מיט עפיס באַזאָרגן.

— ביסטו פאַר דער דאָזיקער צייט אויך אין פראַנקענלאַנד (אייראָפּאַ) געוועזן?

— איך האַלט מיך אַממיינסטנס, האָט באַראָני געענטפערט, אין פראַנקענלאַנד אויף און קום נאָר אין אייערע ערטער, אַלס באַגלייטער פון אַ רייכן פרענק, ווען אים פאַרגלוסט זיך אַהער אַ רייזע צו מאַכן; דו ווייסט דאָך, אַז קענענדיק אייער שפּראַך, פאַר איך אָפט אַהער מיט רייכע פרענקען אַלס דאָלמעטשער.

— אַזוי? אפשר ווייסטו, טייערער פריינט, צווישן דיינע פרענקען אַזעלכן, וואָס ברויך קויפן אַ גאַל אָדער אַ האַרץ פון אַ פלעדערמויז?

www.libtool.com.cn

— כ׳וועל זיך נאָכפרעגן און זיך סטאַרען דיר אַ קונד אויף דעם אַרטיקל צו שאַפן.

— איך האָב יעצט אויפן לאַגער װונדערבאַרע סחורה און עטליכע זעלטענע הערצער פון פלעדערמויז.

— גוט, כ׳וועל געדענקען און ווען כ׳וועל נאָר אַ בעלן אויף דעם געפינען, וועל איך דיר אים תיכף צושיקן.

דער דאָזיקער גווירצהענדלער איז געווען דער אַנסאַרי דאַרקוש, וועגן וועלכן באַראָני האָט שוין גערעדט, ווען אויב די לעזער געדענקען, טאַנקרעד האָט געהאַט באַראָנין אויסגעפרעגט וועגן די אַנסאַרן און זייער רעטזעלהאַפטן לאַנד. נאָך דעם, ווי טאַנקרעד האָט אויסגעדריקט זיין ווונטש, וואָס גענויער אינפאָרמירט צו זיין וועגן די אַנסאַרן און זייער לאַנד, האָט באַראָני ספּעציעל געמאַכט די רייזע צו דעם דמשק׳ער געווירצן-הענדלער דאַרקוש, וואָס האָט דאָ נישט נאָר מיט געווירצן-האַנדל זיך באַשעפטיקט, נאָר הויפּטזעכליך מיט פּאָליטישן שפּיאָנאַזש, דינענדיג פּאַר אַ געוויסער גאַזשע, ביי דער אַנסאַרער רעגירונג, וועלכער ער איז מחויב געווען פון צייט צו צייט צו צושטעלן באַריכטן וועגן סיריען און די נעבן-לענדער. ווערנדיק דאָס מאָל פון דעם פאַרמאַסקירטן געווירצהענדלער דאַרקוש אַרויסקריגן וואָס מער ידיעות וועגן די אַנסאַרן, האָט באַראָני זיך באַמיט דורך חניפה און געמאַכטע עניות צו געווינען דעם אַגענטס צוטרוי און אַזוי אַרום זיך ביי אים צו דערוויסן, וואָס טאַנקרעדן אינטערעסירט אַזוי. באַראָני האָט דאַרקושן דערציילט אַ מעשה, ווי אין גיכן דאַרפן קומען קיין דמשק אַ גאַנצע פּאַרטיי פרענקען, וועלכע וועלן דאָ פאַרברענגען עטליכע וואָכן נאָכאַנאַנד און, אַז די דאָזיקע פרענקען האָבן אים, באַראָנין, זייער ליב און ער וועט זיך באַמיען, אַז זיי זאָלן ביי דאַרקושן קויפן פיל געווירצן און אים געבן אַ סך געלד צו לייזן. אגב האָט באַראָני זיך אַריינגעלאָזט מיט דאַרקושן אין אַ רעליגיעזן וכּוח, בעת וועלכן ער האָט זיך פון אים דערוווסט, אַז די אַנסאַרן זענען נישט קיין מאַחמעדאַנער און נישט קיין קריסטן, זיי זענען אָבער אויך

www.libtool.com.cn

נישט קיין יידן און נישט קיין געצנדינער. אַזעלכע וויזיטן ביי דאַרקושן האָט באַראָני שוין געמאַכט עטליכע מאָל און פאַר דער דאָזיקער צייט איז אים געלונגען אַזוי צו זאָגן זיך אַריינצוגנב׳נען צו אים אין האַרצן און געווינען זיין צוטרוי צו זיך. אַז באַראָני האָט שוין אַזוי אַרום געהאַט דאַרקושן אויף זיין זייט און איז געווען זיכער, אַז ער וועט שוין מער פון אים נישט האַלטן פאַרבאָרגן סודות בנוגע דעם אַנסאַרן לאַנד, האָט ער דעם געווירצנהענדלער מכלומרשט פאַרטרויט אַ סוד, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, אַז זיין הער, דער ענגלישער פּרינץ, מיט וועלכן ער, באַראָני, איז געקומען אַהער אין היילינגן לאַנד, איז אויך פּונקט ווי די אַנסאַרן, נישט קיין קריסט און נישט קיין מאַחמעדאַנער און ווי באַלד אַזוי, פאַרשטייט ער שוין דעם סוד, וואָס דער הויכגעשטעלטער פּרינץ האָט אַזאַ שטאַרקן חשק די אַנסאַרן צו באַזוכן. ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער פּרינץ שטאַמט אויך פון אַנסאַרן... באַראָניס איינפאַל האָט געהאַט דעם געווינטשטן דערפאָלג. דאַרקוש איז נישט געווען אַזוי איבערגעשפּיצט, ער זאָל קענען באַגרייפן באַראָניס אמתע כוונה. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס און בייגעריקייט צום ענגלישן פּרינץ, וועלכער איז כלומרשט נישט קיין קריסט און נישט קיין מאַכמעדאַנער און דאַרקוש האָט אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז טאַנקרעד שטאַמט ווירקליך פון אַנסאַרן. די בעסטע ראיה דערצו איז לויט דאַרקוש׳ס מיינונג געווען, וואָס אַלס מענטש, וועלכער האָט די זעלבע אמונה פון די אַנסאַרן, האָט ער אַ שטאַרקן ווונטש די אַנסאַרן, זיינע ברידער צו באַזוכן. באַראָניס צוועק איז אַזוי אַרום דערגרייכט געוואָרן. נאָר נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דאַרקוש, פון וועלכן ס׳איז געווענדעט געווען צו באַקומען אַנ׳ערלויבניש פאַר טאַנקרעדן צו די אַנסאַרן אַריינצופאָרן האָט געגלויבט באַראָניס ערקלערונג. וועגן טאַנקרעדס קרובה׳שאַפט מיט די אַנסאַרן, האָט דער פאָרזיכטיגער שפּיאָן דאָך אויף זיך נישט געוואָלט נעמען די פאַראַנטוואָרטליכקייט אַזאַ ערלויבניש

www.libtool.com.cn

אַרויסצוגעבן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס לויט באַראָנס שילדערונג פונם ענגלישן פּרינץ, איז דער לעצטער ראוי געווען צו באַזוכן דאָס לאַנד פון די אַנסאַרן, וואָס איז פאַרשלאָסן פאַר די אייראָפּעער, האָט דאַרקוש באַשלאָסן נאָך צו וואַרטן מיט דער ערלויבניש און זי ערשט דאַמאָלט טאַנקרעדן אַרויסגעבן, ווען ער, דאַרקוש, וועט זיין פאָלשטענדיג זיכער אַז פון זיין באַזוך אין אַנסאַרן לאַנד וועט קיין אונאַנגענעמליכס נישט פּאַסירן. אַז באַראָני האָט אָנגעהויבן דאַרקושן שטאַרק וועגן דעם צו בעטן און האָט אים דערביי דערמאָנט, אַז נאָך מיט פופצן יאָר צוריק האָט ער, דאַרקוש, געוואָלט אַזאַ דערלויבניש אַרויסגעבן זיין דעמאָלטיגן הערן סידאָניע, בעת דער לעצטער האָט דמשק באַזוכט, האָט דאַרקוש אויף דעם געענטפערט: אַ מאָל ליבער פריינט, איז נישט היינט... וואָס אַמאָל איז געווען, קען שוין היינט נישט פאָרקומען, זעסטו עפּענדי, דעם שניי אויף די בערג? — האָט זיך דאַרקוש געווענדעט צו באַראָנין, אָנווייזנדיק אויף די ווייסע שפּיצן פון די אַרומיגע בערג, — אַפילו דער דאָזיקער ווייסער שניי איז נישט דער זעלבער, וואָס פאַר פופצן יאָר צוריק... פאַרשטייסטו מיך?

דאָ איז באַראָני צוגעשטאַנען שטאַרק צו דאַרקושן און אים אָנגעהויבן בעטן, ער זאָל זיין הער, דעם ברידער פון דער ענגלישער קעניגין אַ פּאַסיר-שיין צו די אַנסאַרן געבן. באַראָני האָט געשווירן ביי זיין גאָט און ביי וואָס אים ליב און הייליג איז, אַז דאַרקוש האָט נישט וואָס מורא צו האָבן און אַז אויב ער וועט זיך איינשפּאַרן און דעם פּאַסיר-שיין נישט אַרויסגעבן, וועט ער, דאַרקוש, שפּעטער שטאַרק חרטה האָבן, מחמת זיין הער דער ברודער פון דער מעכטיקער ענגלישער קעניגין, וועט סיי ווי סיי געפונען אַ מיטל ווי אַזוי אַ צוטריט צו די אַנסאַרן צו קריגן... ווייטער האָט באַראָני געבראַכט נאָך ראיות, פון וועלכע מ׳האָט געקאָנט זיין זיכער אַז טאַנקרעד שטאַמט פון די אַנסאַרן. באַראָנס רעדע-קראַפט און זיינע שפּיצלעך האָבן ענדליך געבראָכן דאַרקוש׳ס עקשנות

www.libtool.com.cn

און מורא. נאָך דעם, ווי דאַרקוש האָט זיך וועגן דעם ענין מישב געווען מיט זיינעם אַ גוטן פריינט אויך אַנ׳אַנסאַרי, וואָס האָט געוווינט אין דמשק, אויך אַלס אַגענט פון דער אַנסאַ־רער רעגירונג, האָט ער באַשלאָסן אַז ער מעג דעם „ענגלישן פרינץ אַרויסגעבן אַ פּאַסיר שיין. פּילייכט האָט דאַרקוש ביי זיך געטראַכט, האָט דער פרינץ זייער נויטיק אונזער קעניגין צו באַזוכן און איבערגעבן אַזעלכס, וואָס קען זייער נוצליך פאַר אונזער לאַנד זיין;

— ביזטו זיכער, עפענדי — האָט דאַרקוש באַראָנין געפרעגט, קוקנדיק אויף אים מיט פאָרשנדע אויגן, — אַז דער פרינץ איזווירקליך אַ אַנסאַרי?

— כ׳בין אין דעם מער ווי זיכער.

— טאָמער וואָלט איך אים געקאָנט זען?

— דאָס ליבער פריינט איז אונמעגליך, — האָט באַראָני געענטפערט, — כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת: כ׳האָב שוין אַמאָל געפרווט דעם פרינץ געבן אָנצוהערן, ער זאָל זיך מיט דיר זען, מחמת איך בין געווען זיכער, אַז ווי באַלד נאָר דו וועסט מיט אים נאָר אַ פּאָר ווערטער רעדן, וועסטו שוין פאַרשטיין, ווער ער איז און וועסט אים באַלד דעם פּאַסיר־שיין אַרויסגעבן, דער פרינץ אָבער האָט זיך פון מיין פאָרשלאַג געפונען שטאַרק באַליידיקט: וואָס הייסט עפעס, ער וועט גיין איבערן באַזאַר צו אַ געווירצהענדלער אַרויסצוקריגן פון אים אַ פּאַסיר־שיין, ער וואָס איז געוווינט נאָר צו באַפעלן, וואָס איז מיט די גרעסטע מלכים באַפריינ־דעט ווי אַ ברודער, ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַזאַ פּחיתת הכּבוד, אַז ער איז אויף מיר שרעקליך אין כּעס געוואָרן, וואָס איך האָב געהאַט די חוצפּה אים אַזאַ פאָרשלאַג צו מאַכן.

— ביזט גערעכט, עפענדי, האָט זיך דאַרקוש אָנגערופן, אויסהערנדיק די גאַנצע אויסגעטראַכטע מעשה באַראָניס וועגן טאַנקרעדס עקשנות, — און איך וועל אַזוי טון: כ׳וועל אונזער קעניגין מודיע זיין וועגן דער גאַנצער אָנגעלעגנ־

www.libtool.com.cn

הייט און וואַרטן אויף איר הסכם; כ׳בין זיכער אַז די קע-ניגין וועט מיר דערלויבן דעם פּרינץ אַ פּאַסיר-שיין אויסצו-שטעלן און אַרויסצוגעבן.

נאָר זעענדיק, אַז דאַרקוש גלויבט שוין אין זיין מעשה וועגן טאַנקרעדס אמונה, אַז דער ענגלישער פּרינץ איז אויך אַ אַנסאַרי, — איז באַראָני געוואָרן אַביסל זיכערער ביי זיך. ער האָט אָנגהויבן דערוויזן דעם געווירצהענדלער, אַז דער פּרינץ האָט קיין צייט נישט צו וואַרטן ביז דער ענטפער פון די קעניגין וועט אָנקומען, אַז דאָס מוז גע-דויערן, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די גרעניץ פון די אַנסאַרן ליגט אויף פינף און זיבעציק מייל פון דאַנען, וויינציגסטנס אַ וואָך צייט, מיט איין וואָרט, — אַז דער פּרינץ וועט נישט וועלן וואַרטן אויף דעם ענטפער און אויב ער וועט מאָרגן נישט קריגן דעם פּאַסיר-שיין, פאָרט ער תיכף אַוועק פון דאַנען צוריק קיין אייראָפּאַ, און דאַמאָלט וועט ער, דאַרקוש, שוין שטאַרק חרטה האָבן וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געהאַט צו טון, און וועט מיט זיין קאָפּ באַצאָלן פאַר זיין עקשנות בנוגע דעם ענגלישן פּרינץ. די דאָזיקע ווערטער באַראָניס האָבן ענדליך אין גאַנצן צעשטערט די ספקות פון דעם געווירצהענדלער און פּאָליטישן אַגענט און ער האָט באַראָנין געענטפערט:

— גוט... איך טו דיר עפּעס צוליב: אַלזאָ קום אַהער מאָרגן און דער ענין וועט שוין אין אָרדנונג זיין.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דאַרקוש זיך אָנגעהויבן פאָרזיכטיג צו גרובלען אין די ברייטע פאַלדן פון זיין חאַלאַט און האָט פון דאָרטן נאָך פאָרזיכטיקער אַרויסגעצויגן אַ טויב מיט גרויסע שוואַרצע און לעבהאַפטע אויגן...

דאַרקוש האָט אַוועקגעשטעלט די קלוגע טויב אויף צוויי פינגער פון זיין לינקער האַנד און אויף זיין געהיימער שפּראַך זיך צו דער טויב געווענדעט מיט צערטליכע בעגרי-זונגס-ווערטער און עטליכע פראַגן.

www.libtool.com.cn

— וואָס זאָגסטו, טייער טייבעלע, אויף דעם ענגלישן פּרינץ, האָט דאַוקוש די טויב געפרעגט, איז ער ראוי אונזער גרויסע קעניגין צו באַזוכן? האַ?

די טויב האָט אויף זיינע פראַגן אָנגעהויבן צו וואָרקען און מרוקען און פון איר ענטפער האָט דאַרקוש פאַרשטאַנען, אַז דער ענגלישער פּרינץ דאַרף תיכף אַ פּאַסירשיין באַקומען, אום די קעניגין פון די אַנסאַרן צו באַזוכן.

www.libtool.com.cn

# זעקסטער טייל.

## ערשטעם קאַפּיטל.

דאַרקוש איז שוין אַ יאָר צוואָנציק געזעסן אין דמשק אַלס פּאָליטישער אַגענט פון די אַנסאַרן און לפנים האָט ער געהאַנדלט מיט געווירצן... די גאַנצע צייט איז אים אונטער דער מאַסקע פון אַ געווירצהענדלער און פשוט'ן מענטשן, געלונגען צו האַלטן פאַרבאָרגן פון דער גאַנצער שטאָדט זיין אמת'ע באַשעפטיגונג. קיין לעבעדיקער מענטש האָט קיין שום אַנונג נישט געהאַט אַז דאַרקוש איז אַ פּאָליטישער אַגענט פון די אַנסאַרן און אַז ער איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַלס שפּיאָן, וואָס איז מחויב זיין רעגירונג פון צייט צו צייט מיטצוטיילן, וואָס אין פיינטליכן לאַנד טוט זיך. און דאַרקוש האָט אין פאַרלויף פון גאַנצע צוואָנציק יאָר מיט אַ זעלטענער איבער-געבנהייט און זעלבסטאָפּפערונג אויסגעפירט זיינע פּאָליטישע פונקציעס. נישט דערוועקנדיק ביי קיינעם דעם קלענסטן חשד, אַז ער איז אַ שפּיאָן און גיט רעגעלמעסיק צו וויסן די אַנסאַרן, וואָס ביי זייערע פיינט אין סיריען קומט פאָר. די קאָמוניקאַציע מיט זיין רעגירונג האָט דאַרקוש איינגעאָרדנט אויפן בעסטן אופן דורך אַ טויבן-פּאָסט. כמעט יעדן טאָג פלעגן אין אַנסאַרן לאַנד פליען קיין דמשק און פון דאַנען צוריק צו די אַנסאַרן שליחים אין געשטאַלט פון אַ באַזונדער אַרט טויבן, וועלכע זענען אויסגעצייכנט דרעסירט און פאָרברייטעט געווען צו אַזאַ קאָמוניקאַציאָנס-אַרבעט. דאַרקוש האָט געהאַט עטליכע עקזעמפּלאַרן טויבן, דורך וועלכע ער האָט געקענט די פאַרפלאָנטערסטע אָנגעלעגנהייטן מיטטיילן זיין רעגירונג

www.libtool.com.cn

אין דער אַנסאַרן-רעזידענץ. דאַרקוש האָט פֿאַרשטאַנען ווי צו פֿאַרווענדן די טויבן-פּאָסט מיט אַזאַ גרונדליך, מיט אַזאַ פֿאָלקאָמענהייט, אַז ער פֿלעגט זיך מיט זיינע באַפֿליגלטע שליחים קענען צוזאַמענריידן, דורך מימיק, זשעסטן און ספּעציעלע ווערטער, ווי מיט מענטשן.

איינע פֿון זיינע בעסטע טויבן-פּאָטשטאַליאָנען איז געווען די טויב קאַראַגוז. זי פֿלעגט אויספֿירן די שווערסטע קאָמוניקאַציאָנס-אויפֿגאַבן צווישן דאַרקוש'ן און די אַנסאַרן.

בעת באַראָני האָט זיך אַזוי משתדל געווען פֿאַר טאַנקרעד'ן און געבעטן, אַז דאַרקוש זאָל אים אַ פּאַסירשיין אַרויסגעבן אַריינצופֿאָרן אין אַנסאַרן-לאַנד, האָט דאַרקוש דורך זיין טויבן-פּאָסט אָנגעפֿרעגט וועגן דעם זיין רעגירונג. קאַראַגוז איז עטליכע מאָל געפֿלויגן פֿון דמשק אין אַנסאַרן לאַנד און צוריק, ביז ער האָט ענדליך געבראַכט אַן ערלויבעניש פֿאַר טאַנקרעד'ן צו באַזוכן דאָס דאָזיקע לאַנד און זיין קעניגן. ווען דאַרקוש האָט וועגן דעם מיטגעטיילט באַראָנין און דער לעצטער האָט געבעטן, אַז מ'זאָל ערלויבן אַז טאַנקרעד'ן זאָלן באַגלייטן ער, אַלס דאָלמעטשער, פֿאַקרעדין און צוויי דינער, האָט דאַרקוש ווידער אָנגעפֿרעגט און ענדליך באַקומען פֿון דער אַנסאַרער-רעגירונג אַ דערלויבניש, אַז די דערמאָנטע פֿיר פּערזאָנען קענען דעם ענגלישן פּרינץ באַגלייטן אין אַנסאַרן לאַנד.

אין אַ שוואַרצן אָבגרונט פֿון אַ לאַנגן באַרג-פּאַס שטייען אויף דער וואַך צוויי באַוואָפֿנטע רייטער, אָנגעטון זענען זיי, ווי קודרן, אין אַ שוואַרצן מאַנטל, אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק, אין אַ ווייסן טורבאַן. אויף דער לינקער זייט טראָגט יעדער פֿון זיי אַ קרומע שווערד, אין דער רעכטער האַנט האַלט יעדער אַ לאַנגן שפּיז. פֿון אָרט, וווּ די וואַך איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן זעט מען אַרויס אַ ווייטן געבירגיגן שטח, ווייטער – אַ לאַנגן און ברייטן טאָל וועלכע שניידן איבער אין דער מיטן עטליכע פּאַראַלעל זיך ציענדע קליינע באַרג-קייטן. אין אַלגעמיין מאַכט די פּאַנאָראַמע, וואָס עפֿנט זיך פֿון

www.libtool.com.cn

דאָ פאַר די אויגן, אַנ'איינדרוק פון ווילדקייט: די פעלזן פון די הויכע בערג זענען שוואַרצע און צוריסענע, אויף פיל קליינע בערגלעך זעט מען קיין שום בלימעלע נישט. ערטערווייז אַפילו קיין שום גרעזעלע און שטייענדיק נאַקעט אונטער די גליענדע שטראַלן פון דער דרום-זון, פאַרשפרייטן זיי אַרום און אַרום אַ שרעקליכע היץ... נאָר נישט קוקנדיק אויף דעם ערשטן איינדרוק פון וויסטקייט, וואָס דער אַרומיקער געגנט מאַכט, אויף דעם צושויער פון דער פאַנאַראַמאָ אַרום און אַרום, איז די דאָזיקע געגנט זייער אַ פרוכטבאַרע. אין די שאָטנדיקע טאָלער וואַקסן פיל פאַלמען, קיפאַריסן און מאַסן בוימער פון פאַרשידענע אַרטן. נאָר די רייכע געוויקסן פון די טאָלן זענען ס'רוב פאַרבאָרגן פון אויג דורך די בערג-קייטן, וואָס שניידן איבער דעם גאַנצן שטח אין פאַרשידענע ריכטונגען, צענדליקע דערפער, וואָס ליגן אין די טאָלן און אויף בערג-[illegible]טער, באַווייזן, אַז דאָס לאַנד באַזיצט נישט קיין שיטערע באַפעלקערונג און די ערד פון יענער געגנט פראָדוצירט אַלע תבואות, און פרוכט. אין דער דאָזיקער, ווי ס'שיינט, ווילדער געגנט וואַקסן, די זעלבע פירות און די ערד גיט אַרויס דאָס זעלבע געטריידע ווי אין די נעבן-לענדער ארץ-ישראל, סיריען, א. אַ. אַ חוץ דעם עקזיסטירט דאָ אַ פרימיטיווע פאַבריקאַציע, און די גאַנצע באַפעלקערונג גייט אָנגעטון אין קליידער פון שטאָפן, וואָס ווערן אין אייגענעם לאַנד אויסגעאַרבעט. דאָס דאָזיקע לאַנד באַזיצט זאָגאַר אַנ'איבער-פראָדוקציע פון גומי, בינענוואַקס און ציגענוואָל, וועלכע עס וואָלט געקענט ליפערן אין די גרויסע לענדער, ווען מ'וואָלט דאָ נישט געלעבט אַזוי אָבגעזונדערט פון דער גאַנצער וועלט און מ'וואָלט מיט געוואַלט קיין שום באַציונג האָבן מיט די אַרומיקע פעלקער.

די צוויי וואַך-סאָלדאַטן זענען געוועזן אַנסאַרן און זענען געשטאַנען ביי דער גרעניץ, וואָס טיילט אָב דאָס דאָזיקע מערקווירדיקע לאַנד פון די אַרומיקע פעלקער און לענדער. די דאָזיקע וואַך האָט שוין פון דער רעזידענץ-שטאָדט פון דעם

www.libtool.com.cn

אינערן-מיניסטער קעפּעריניס באַקומען אַ באַפעל פריי און פראַנק אַדורכצולאָזן דעם „ענגלישן פּרינץ" מיט זיין סוויטע אין אַנסאַרן לאַנד. דער באַפעל, אין פאַר דער וואַך געווען אַ גרויסע איבערראשונג. נישט נאָר אין זייערע צייטן, נאָר אויך אין די עלטסטע צייטן איז אַזאַ פאַל נאָך נישט פאָרגעקומען, — מ׳זאָל דערלויבן פרעמדע מענטשן איבערטרעטן די גרעניץ פון אַנסאַרן לאַנד.

— מ׳דערציילט, האָט איינער פון די וואַך-סאָלדאַטן באַמערקט, אַז דער ענגלישער פּרינץ איז אַן׳אַנסאַר.

— נישט אמת ! — האָט געענטפערט זיין חבר, ס׳איז אַ שקר: אַלע אייראָפּעער זענען קריסטן און איידער זיי האָבן די קריסטליכע אמונה אָנגענומען, זענען זיי געווען ווילדע מענטשן.

אָבער קעפּרינס האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז יעדער אַנסאַר איז מחויב צו זאָרגן פאַר דער זיכערהייט פון די געסט, וואָס דאַרפן אַ ליאַדע מינוט אַהערצו אָנקומען, פונקט ווי פאַר דער זיכערהייט פון אונזער קעניגין, אין דעם באַפעל וועגן דעם ווערט דייטליך אָנגעוויזן, אַז איינער פון די געסט איז אַ פּרינץ און געהער צו אונזער פאָלק.

— מערקווירדיג ! — האָט געענטפערט דער צווייטער וואַך-סאָלדאַט.

— זע ! — האָט זיך פלוצלינג נאָך אַ קורצער פויזע, אָפּגערופן זיין חבר, קוק זיך נאָר צו, ווי די אָדלערס פליען שוין ווידער איבער׳ן שפּיץ באַרג — דאָס בעדייט, אַז די געסט דערנענטערן זיך שוין צו אונז

דער סאָלדאַט האָט אַ קוק געטון אין דער ריכטונג פון דעם שפּיץ באַרג און האָט דערזען, ווי דריי גרויסע אָדלער האָבן זיך אַרומגעדרייט, פליענדיק אין דער הויך, אַרום דעם דאָזיקן שפּיץ באַרג — דאָס איז געווען אַ צייכן פאַר דער וואַך וואָס איז געשטאַנען אין פאַרשידענע פונקטן, אַז זיי מוזן זיך מכין זיין צו באַגעגענען די געסט און זיי געהעריק באַגריסן.

www.libtool.com.cn

— די שוואַרץ-אייניקע טויבֿ קאַראַגוז, — האָט ווייטער איינער פון די וואַך-סאָלדאַטן זיין חבר דערציילט, — זהאָט אונזער קעניגין געבראַכט פון אונזער דמשק׳ער אַגענט דאַרקוש אַ ידיעה, אַז איר וועלן מאַכן אַ וויזיט צוויי פּרינצן, איינער אַ סיריער און דער צווייטער אַ פּרענקישער, כּדי מיט איר וועגן זייער וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן זיך צו בּאַראַטן... דאַרקוש האָט אויך איבערגעגעבן, אַז ער האָט אַ גרונד צו גלייבן, אַז דער פּרענקישער פּרינץ איז אַ פאַרקליידעטע פרוי און איז נישט קיין מאַנספּערזאָן.

צו אָוונט-צייט האָט אונזער קעניגין דורך קאַראַגוז׳ן איבערגעגעבן דאַרקוש׳ן איר הסכּם אויף דעם דאָזיקן בּאַזוך פון די געסט. זיי וואָלטן שוין לאַנג דאָ געדאַרפט זיין, נאָר דער פּרענקישער פּרינץ שטעלט זיך אָפּ אין אַלע שטעדט, וואָס ער פאָרט דורך, און אַזוי אַרום וועלן די געסט פאַר-שפּעטיקן צו קומען אַהער אויף עטליכע טעג. לויט די ידיעות וואָס די טויבן און אָדלער-פּאָסט האָבן געבראַכט, דאַרפן זיי אָנקומען אַהער אַ לאַדע מינוט.

— מערקווירדיג! האָט זיך ווידער אָפּגערופן דער צווייטער וואַך-סאָלדאַט, נישט קענענדיק פאַרשטיין, ווי אַזוי דער פּרענקישער פּרינץ און זיין סוויטע האָבן בּאַקומען אַ דערלויבּניש פון דער קעניגין, אַריינצודרינגען אין די „קדשי קדשים״ פון אַנסאַרן לאַנד, מיין פאָטער אַזאַ, האָט ער דערציילט, איז אַלט געווען הונדערט און איין יאָר בּעת ער איז געשטאָרבּן, ער האָט געהאַט פיר און צוואָנציק קינדער און האָט אונז אַלעמען צוויי זאַכן איבערגעגעבּן, ערשטנס, אַז מיר דאַרפן קיינמאָל, אויף קיין רגע אַפילו נישט פאַרגעסן, ווער מיר זענען, פון וואַנען מיר קומען אַרויס און שטאַרק זיך איבּערנעמען מיט אונזער יחוס און, צווייטנס, אַז בּעת זיין גאַנץ לעבּן איז נאָך נישט געווען דער פאַל, אַז עמיצער, וואָס געהער נישט צו די אַנסאַרן, זאָל אונזער לאַנד בּאַזוכן.

נאָר בּיי די דאָזיקע ווערטער איז צוגעפאָרן אַ רייטער צו דער וואַך און איר מיטגעטיילט, אַז די געסט קומען אָן.

www.libtool.com.cn

באַלד נאָך דעם האָט זיך פון דערווייטנס באַוויזן טאַנקרעד׳ס קאַראַוואַן מיט זיינע באַגלייטער.

— וואָס זאָגט איר צו דער דאָזיקער פורכטבאַרער פעסטונג? — האָט זיך טאַנקרעד געווענדעט צו פּאַקרעדענ׳ען באַטראַכטנדיק די אַרומיקע הויכע און נאַקעטע פעלזן, וועלכע האָבן ווי מיט אַ ריזן רינג אַרומגענומען דאָס גאַנצע לאַנד, בילדנדיק אַ שטאַרקע נאַטור פעסטונג.

די רייזנדער האָבן אַ ביסל צוגעיאָגט זייערע פערד און קעמלן און אין אַ האַלבע שעה זענען זיי אַרויסגעפאָרן אויף אַ נייעם וועג וועלכער האָט זיך געצויגן באַרג אַרויף, ענדענדיק זיך ביי אַ ברייטן מאַסיוון טויער, דער אויבערשטער קווער-באַלקאָן פונ׳ם טויער איז פון אַ ריזיקן שטיין באַשטאַנען. מ׳האָט פאַר די רייזנדע געעפנט אַנ׳אייזערנע ברייטע טיר, און זיי זענען אַריינגעריטן אין אַ טונעל, וואָס איז געווען דורכגעבויט דורך אַ הויכן גראַניטן-פעלז. דער טונעל איז געווען אַזאַ ברייטער, אַז דורך אים האָבן זייט ביי זייט צוויי-רייטער געקענט פאָרן. דער טונעל האָט זיך לאַנג געצויגן און איז געווען אַזוי פינסטער, אַז די רייזנדער האָבן געמוזט אַרויסשיקן פאַר זיך אַ פּאָר מענטשן מיט ברענענדע פאַקעלן אין די הענט כדי זיי דעם וועג צו באַלייכטן. אַז דער טונעל האָט זיך געענדיקט, זענען די רייזנדער אַריינגעפאָרן אין אַ גרויסן ברייטן הויף. די זון האָט העל געשיינט און נאָך דער געדיכטער פינסטערניש פון טונעל האָט איר שיין אויסגעוויזן נאָך העלער ווי געוויינליך. אין פּאַרשידענע ערטער פון גרויסן און ברייטן הויף האָבן זיך געפונען בנינים פון פאַרשידענע סטילן, מער פון אַלע געביידעס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ פירעקיקער הויכער טורם פון ציגל, הינטער דעם דאָזיקן טורם האָבן זיך אַרויסגעזען די שפיצן פון די אַרומיקע הויכע בערג.

אַ מענגע דינער זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן, כדי צו העלפן די רייזנדער אַראָפּצוקריכן פון די פערד און קעמלן, דער עלטסטער פון די דינער האָט אַריינגעפירט טאַנקרעד׳ן פּאַקרעדינ׳ן

www.libtool.com.cn

און באַראָנינ׳ן אין אַ באַזונדערע געביידע, וואָס איז געשטאַנען אָבגעזונדערט פון די איבריקע בנינים, אין לינקן ווינקל פון גרויסן הויף און ווי דער שטייגער איז אין די מזרח-לענדער, האָט מען תיכף פאַר די געסט געבראַכט קאַפע מאַקאָ, זיסוואַרג צוצובייסן און לילקעס צו רייכערן, אין אַ האַלבע שעה אַרום איז צו די רייזנדער אין צימער אַריינגעקומען אַ מאָגערער, איינפאַך, אָבער זויבער-געקליידעטער מאַן און אין נאָמען פון די קעניגין האָט ער באַגריסט די געסט און זיי הערצליך מקבל פנים געווען.

— דער עמיר און איך האָבן די ערע מיט׳ן מיניסטער קעסריניע צו רעדן? — האָט זיך טאַנקרעד געווענדעט צו יענעם מאַן.

— איר האָט געטראָפן — האָט דער לעצטער געענטפערט.

ער איז געווען דער פרעמיער-מיניסטער פון דער אַנסאַרער קעניגין.

— דער ענגלישער פרינץ — האָט קעפערניסי מיט אַ העפלי-כער מליצה-שפּראַך זיך אָנגערופן — וועט נישט נעמען פאַר אומגוט, וואָס מיר האָבן אים אַזוי איינפאַך מקבל פנים געווען. וואָס טוט מען אָבער, אַז מיר פירן אַזאַ איינפאַך לעבן דאָ, אין די ווילדע בערג. און קיין שפור פון ענגלישן לוקסוס איז ביי אונז נישט צו באַגעגענען.

טאַנקרעד האָט דורך באַראָנין, געדאַנקט דעם פרעמיער-מיניסטער פאַר די הערצליכע אויפנאַמע און וואַרעמע ווערטער זיינע און געבעטן, מ׳זאָל אים באַהאַנדלען וואָס איינפאַכער אָן שום צערמאָניעס.

אין געשפּרעך, וואָס טאַנקרעד מיט פאַקרעדינע׳ן האָבן געהאַט מיט קעפערניס׳ן האָבן זיי זיך דערוווּסט פון אים, אַז ער האָט מיט עטליכע יאָר צוריק באַזוכט פאַקרעדינ׳ס שלאָס אין לבנון, בעת דאָרט האָט נאָך געהערשט פאַקרעדינ׳ס פעטער, דער עמיר בעשיר, וואָס איז שפּעטער אין געפאַנגענשאַפט און אין דער תפיסה צו די טערקן אַריינגעפאַלן.

— איך ביז שוין פיל מאָל, — האָט קעפערינים געזאָגט, —

www.libtool.com.cn

ביי אייער אָנקל, דעם עמיר בעשיר אין לבנון צו גאַסט געווען און מיט אים פריינטלעכע און פּאָליטישע אונטערהאַנדלונגען געהאַט. ס׳האָט שוין אַ מאָל זייער נאָנט געהאַלטן, אַז מיר, די אַנסאַרן, זאָלן מיט אים אַנ׳אָפּמאַך שליסן, ווידער האָבן זייטיקע סיבות געשטערט דעם אָפּמאַך צו שליסן... איר קענט זיך נישט פאָרשטעלן ווי אונז האָט עס פאַרדראָסן, וואָרים ווען צווישן אונז און דעם עמיר בעשיר וואָלט אַנ׳אחדות געהערשט, וואָלט סיריען געווען אונזערע און מיר וואָלטן מיט דער צייט גאַנץ אַזיען געקענט איינגעמען.

אין דער זעלבער רגע זענען אין צימער, ווו די רייזנדער זענען געזעסן, אַריינגעקומען פיר פּאַזשן און פיר מיידלעך, וועלכע האָבן לויט אַ באַפעל פון דער קעניגן געבראַכט פאַר די געסט זיסיקייטן און בעכער מיט אייז-וואַסער און פאַרשי-דענע דערפרישנדע משקאות, דער געשפרעך איז אַרויף אויף די פערזענליכקייט פון דער קעניגין, וועלכע וועט, ווי קעפּערינים האָט די געסט מיטגעטיילט, מאָרגן באַווייליגן זיין אויפצונעמען אין אַ אוידיענץ.

– ס׳איז אָבער, נישט אויסגעשלאָסן, האָט קעפּערינים צוגעגעבן, אַז די הכנות צו אייער אוידיענץ וועלן אַ גאַנצע וואָך געדויערן.

די לעצטע ידיעה איז פאַר די רייזנדער געווען אַ אונ-אַנגענעמע איבערראַשונג: נישט צוליב דעם זענען זיי אַהער-געקומען, כדי אַ וואָך צייט צו פאַרברענגען אין ערוואַרטונג אויף אַ אוידיענץ און חוץ דעם איז זייער אונגעדולד, מיט דער קעניגן זיך צו באַקענען געווען צו גרויס, זיי זאָלן דאַרפן אויף דעם גאַנצע אַכט טאָג וואַרטן.

– האָט דער קעניגינס פּאָטער נישט געהייסן סועדיאַ? — האָט פּאַקרעדין קעפּערינים׳ן געפרעגט?

– יאָ, ער האָט אַזוי געהייסן.

– און ווי אַזוי האָט איר מוטער געהייסן?

– פאַר אייך איז דאָס גאַנץ גלייך – האָט דער פרעמיער-מיניסטער געענטפערט, צוליב וואָס דאַרפט איר עס וויסן?

www.libtool.com.cn
נאָר אויב איר זענט שוין אַזוי נייגעריק, וועל איך אייך איינרוימען אַ סוד, אַז די קעניגנס מוטער איז געווען אַ שקלאַווין האָט נישט פון די אינסאַרן געשטאַמט, און אַלס אַזעלכע האָט זי מיט זיך גאָר נישט פאָרגעשטעלט.

— איז אייער הערשערין די ערשטע קעניגן, וואָס רעגירט איבער די אַנסאַרן ? האָט טאַנקרעד געפרעגט.

— יאָ, יעדנפאַלס די ערשטע פון דער צייט, וואָס מיר וווינען אויף די דאָזיקע בערג.

— ווו האָט איר דען פריער געוווינט ? האָט טאַנקרעד געפרעגט.

— ס׳ווייזט אויס, — האָט קעפעריניס געענטפערט, אַז פריער האָבן מיר געוווינט אין די שטעדט, וועלכע מ׳קען קיינמאָל נישט פאַרגעסן און וועלכע מ׳דאַרף אַזוי אָרום, נישט דערמאָנען...

טאַנקרעד און פאַקרעדין זענען געווען זייער נייגיריק צו וויסן, ווי אַזוי די קעניגין פון די אַנסאַרן הייסט, נאָר זיי זענען געוועזן צו ערצויגן, כדי דעם פרעמיער-מיניסטער וועגן דעם צו פרעגן, ענדליך האָט באַראָני אונזערעביידע יינגעלייט אויפמערקזאַם געמאַכט, זיי זאָלן אויפהערן אויסצופרעגן דעם פרעמיער-מיניסטער וועגן דעם אַנסאַרן לאַנד, מחמת ס׳איז זייער שטרענג פאַרבאָטן אַזעלכע אויסקונפטע פרעמדע מענטשן צו געבן, און מיט זייער חקירה ודרישה וועגן די אַנסאַרן און זייער קעניגין קענען אונזערע יינגע לייט אַ חשד דערוועקן, אַז זיי זענען אַהערצו מיט פיינטליכע צילן געקומען. טאַנקרעד און פאַקרעדין האָבן געפאָלגט באַראָני׳ס עצה און ווידער אָנגעהויבן מיט קעפעריניסן צו רעדן פון אַנדערע אָנגעלעגנהייטן.

---

## צווייטעס קאַפּיטל.

— כ׳מוז פון דאַנען אַוועק, ציפּראָס ! איך קען דאָ ווייטער קיין רגע נישט בלייבן. מיין האַרץ קלאַפּט אַזוי שטאַרק,

www.libtool.com.cn

ױ אָס, אָט װעט עס, דאַכט זיך פון מײן ברוסט אַרױסשפּרינגען.

— ליבע הערשערין, — האָט ציפּראָס געענטפערט, — דאָס נעמט זיך פון דער איבערראשונג װאָס דו האָסט איבערגעלעבט, צוריק זיך און זע זיך צו באַהערשן.

— פון איבערראשונג זאָגסטו, ציפּראָס? איך גלױב נישט, אַז דאָס זאָל אַן׳איבערראשונג זײן. כ׳בין אױך אין מײן גאַנץ לעבן נאָך קײנמאָל נישט איבערראשט געװען.

— כ׳האַלט, האָט ציפּראָס באַמערקט, לאַכנדיק אַ ביסל, אַז זײ זענען אױך שטאַרק איבערראשט געװען.

— שטיל, שטיל! דו לאַכסט צו הױך, ציפּראָס.

— איך לאַך, ליבסטע הערשערין? כ׳האָב נישט געװוסט, אַז איך לאַך, כ׳האָב נאָך אױף מײן לעבן דאַכט זיך נישט געלאַכט.

דאָס האָבן גערעדט צװישן זיך ציפּראָס און אַנ׳אַכט-צעניעריקעס מײדל פון אַ זעלטענער שײנקײט, אַ גריכישער טיפּ. אירע האָר — שװאַרץ װי די נאַכט, און די פאַרב פון אירע זעלטן-שײנע אױגן — דאָס שענסטע װיאָלעט. איר װוּנדערשײנעס געזיכט איז געװען פאַרהילט אין אַ שלײער, דאָס דינסט מײדל (ציפּראָס) װאָס האָט זי באַגלײט, איז געװען נאָך שענער, פרישער און ײנגער פון איר הערשערין, — מיט אַנ׳אָפענעם געזיכט. די בײדע ײנגע פרױען זענען דורכגעגאַנגען אַ היל-צערנע גאַלעריע, װאָס האָט זיך געצױגן הינטער דער געבײדע, װוּ טאַנקרעד און פאַקרעדין זענען אין געזעלשאַפט פונ׳ם פּרעמיער-מיניסטער געזעסן. זײ בײדע האָבן זיך בשתיקה דורכגע׳גנב׳עט דורך דער גאַלעריע און אױסקלײבנדיק אַנ׳-אָרט, װוּ זײ קענען אונבאַמערקט בלײבן, האָבן זײ אָנגע-הױבן מיט דער גרעסטער אױפמערקזאַמקײט צו באַקוקן טאַנ-קרעד׳ן און פאַקרעדינ׳ען. פּלוצלינג אָבער האָט זיך פאַקרעדין אױפגעהױבן פון דער קאַנאַפּע, און די דאָזיקע באַװעגונג זײנע האָט שטאַרק איבערגעשראָקן די צװײ שײנע מײדלעך. זײ האָבן זיך אַ לאָז געטון אַנטלױפן, אַרױסלאָזנדיק אַ לײכטן געשרײ פון איבערראשונג און לײכטן שרעק אין אַזױ אַרום.

www.libtool.com.cn

אַנטלויפנדיק, זענען זיי אַריין אין אַ צימער, וואָס איז גע־לעגן ביים עק פון קאָרידאָר און איז געווען זייער שיין מעבלירט. אין צימער איז געווען נאָך אַ טיר, וואָס האָט געפירט אין אַ גאָרטן אַריין, ווו ס'זענען פיל פּאַלמען און מירטענבוימער געוואַקסן און מיטן האָט זיך געפונען אַ פאָנטאַן.

— דאָ זענען מיר זיכער, — האָט זיך אָפּגערופן דאָס מיידל מיט'ן באַדעקטן געזיכט, — דאָ וועט אונז קיינער נישט אַרויסזען.

— געוויס, האָט זיך אָפּגערופן ציפּראָס, דאָ וועט אונז קיין לעבעדיקער מענטש נישט אַרויסזען.

— כ'האָב אָבער מורא, — האָט ווידער באַמערקט דאָס מיידל מיט'ן פאַרשלייערטן געזיכט, — אַז זיי האָבן אונז באַמערקט, ווי מיר האָבן אויף זיי געקוקט... און וואָס וועל איך טון, האָט זי זיך געקלאָגט, ברעכנדיק די הענט אין אַ האַלב גע־מאַכטער פאַרצווייפלונג וואָס וועל איך טון, ווען מיין האַרץ וועט מיר אויך אַזוי שטאַרק קלאַפּן ביי זער אוידיענץ, ווי ס'האָט געקלאַפּט בעת מיר האָבן אויף די יינגע לייט געקוקט? ווי וועל איך אויסזען, אויב כ'וועל די געסט אויפנעמען אין אַזאַ אויפגערעגטן צושטאַנד ווי איצט?

די פרוי אין שלייער איז געווען די קעניגין אַליין.

— כ'וואָלט דיר געגעבן אַן'עצה, מעכטיגע הערשערין — די אוידיענץ אָפּצולייגן, ביז דו וועסט זיך צוגעוואוינען צו די נייע אומשטענדן, ביז די וועסט אימשטאַנד זיין זיך צו באַהער־שן און זיך גוט פאָרבערייטן די געסט אויפנעמען.

— כ'וועל דיר זאָגן דעם אמת, אַז די זאַך קומט מיר פאָר אַזוי קשה, אַז איך וועל זיך, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט קענען צוגעוויינען צו די דאָזיקע אומשטענדן און ס'וועט מיר אויסערגעוויינליך שווער זיין זיי אַנ'אוידיענץ צו געבן. די צייט וועט מיר גאָר נישט העלפן און איך זע דאַרום נישט איין קיין נויטווענדיקייט אָפּצולייגן די אוידיענץ פאַר דיביידע פרינצן, — ווי דאָס זאָל נישט שווער זיין פאַר מיר. און חוץ דעם וואָס אַזאַ תירוץ וועל איך זיי איצט קענען זאָגן, ווען

www.libtool.com.cn

איך וואָלט דיר געפּאָלגט און ווייטער אָבגעלייגט די אוידיענץ? נעכטן איז געווען אַ תּירוץ אָבצולייגן די אוידיענץ — וואָס די געסט זענען מכּלומר׳שט מיד געווען פון דעם ווייטן וועג. אָבער וואָס וועל איך זיי איצט הייסן זאָגן נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך שוין אויסגערוט גענוג און קענען שוין אויפגענומען ווערן איך רעדט שוין נישט דערפון, וואָס ווייטער אָבלייגן זייער אוידיענץ וואָלט געווען געגן די געזעצן פון גאַסט-פריינטליכקייט. וואָס וועסטו איצט זאָגן ציפּראָס? בין איך נישט גערעכט?

— כ׳האַלט, אַז די געסט וועלן צופרידן זיין און זיך נישט געפונען באַליידיקט, ווען דו וועסט זיי היינט באַשטימען דעם טאָג, ווען דו וועסט זיי אַנ׳אוידיענץ געבן, האָט גערעכנט ציפּראָס, זייענדיק איבערצייגט, אַז וואָס שפּעטער די קעניגין וועט אויפנעמען די געסט, וועט פאַר איר אַלץ בעסער זיין.

— אָבער איך קען עס ביי מיר שוין נישט פועל׳ן, האָט זיך אָבגערופן די קעניגין אויף ווייטער די אוידיענץ אָבצולייגן, איך האָב זיי היינט געזען בגנבה און איך מוז זיי שוין זען ווי ס׳געהער צו זיין.

— ווי באַלד אַזוי, — האָט זיך אָבגערופן ציפּראָס, וועל איך מאַכן, אַז זיי זאָלן נאָך היינט אָנגענומען ווערן. זאָל איך הייסן קעפּעריניסן אַריינקומען?

— כ׳ווייס שוין נישט, וואָס צו טון... אַך, זיי זענען דאָך ביידע אַזעלכע שיינע יינגע לייט... — און דאָך זענען זיי איינער אויף דעם אַנדערן גאָר נישט ענליך.

— ניין, אויף קיין האָר אַפילו נישט, — האָט מסכּים גע-ווען ציפּראָס.

— און וועה פון זיי, ציפּראָס, שטאַמט פון די אַנסאַרן?

— מיר דאַכט זיך, אַז דער בלאָנדער יינגער-מאַן — דער ענגלישער פּרינץ — ער, וואָס אָנבאַלאַנגט דער פרישקייט פון זיין אויסזען, איז אויף דיר מיין הערשערין ענליך.

— ער האָט אויך בלויע אויגן, נישט אמת ציפּראָס? זיי

www.libtool.com.cn

װענען אַ ביסל העל־בלױ, און מחמת ער איז אַ ביסל ענליך אױף מיר, האַלסטו אים ציפּראָס פֿאַר אַנ'אַנסאַרער?

— יאָ. נאָר אַ שאָד, װאָס זײ בײדע זענען נישט קײן אַנסאַרן.

— אַך, גאָט מײנער! — האָט זיך אָפּגערופֿן די קעניגין, — כ'גלײב אָבער נישט, אַז דער בלאָנדער ייִנגער מאַן איז יענער, װאָס מיר מײנען, ניין, נײן ליבסטע ציפּראָס, זאָג װאָס דו װילסט, ס'איז אָבער נישט יענער, װאָס מיר מײנען, קוק זיך נאָר גוט צו צו אים, װעסטו אױך דאָס זעלבע זאָגן װאָס איך, און װעסט אַרױסזען, אַז דו האָסט אַ טעות. דאָס געזיכט, דער קאָפּ פֿונ'ם אַנדערן שװאַרצן ייִנגן מאַן דערמאָנט דיך נישט אָן עפּעס, װאָס דו האָסט שױן פֿריער געזען? אָט דער קאָפּ, װאָס זיצט אַזױ שטאָלץ אױף די פּלײצעס, די האָר זײַנע, די דונקעלע ברױנע האָר, זײַן הױכן שטערן, דאָס פֿײַנע און זעלבסטבאַװוסטע געזיכט זײַנע — צי האָסטו דאָס דאָזיקע געזיכט שױן אַמאָל נישט געזען? דערמאָן זיך נאָר גוט, ציפּראָס...

— דו ביסט גערעכט, הערשערין מײַנע — האָט אױסגעשריען ציפּראָס.

— אױב אַזױ, זאָג עס מיר אין דער שטיל, בסוד װי ער הײסט... זײַן נאָמען דאַרף מען נישט אין דער הױך אױסרײדן.

ציפּראָס איז צוגעגאַנגען צו איר הערשערין, האָט אײַנגעבױגן איר שײן קעפּל, אױפֿהײבנדיק זיך אױף די שפּיץ־פֿינגער צו איר אױער און האָט געזאָגט אײן װאָרט דער קעניגין אין אױער אַרײַן. נאָר פֿון דעם דאָזיקן װאָרט איז די קעניגין שטאַרק רױט געװאָרן...

— יאָ, יאָ, — האָט זי אַראָפּלאָזנדיק אירע שײנע אױגן און פֿאַרשעמענדיק זיך, באַמערקט מיט אַ לײַכטן געלעכטערל אױף אירע ליפּן.

— װי באַלד אַזױ איז יענער שװאַרצער ייִנגער מאַן פֿון אונזערע...

אַזױ אַרום האָט די װוּנדער־שײנע קעניגין פֿון די אַנסאַרן

www.libtool.com.cn

שוין געזען די ביידע פירשטן, וואָס זענען געקומען אין אַנסאַרן-לאַנד, נאָך איידער זי האָט זיי אויפגענומען אויף אַ אוידיענץ.

די קעניגין האָט אויסגעזען ווי אַ יינג מיידל פון אַ יאָר אַכטצן. אירע געזיכטסשטריכן זענען געווען ריין גריכישע און די צערע אירע איז געווען זייער אַ ליוטערע. האָר האָט זי געהאַט שוואַרצע, שוואַרץ ווי אַ שטאָק-פינצטערע נאַכט, און אויגן – טונקל-בלויע. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ רויטער זיידענער טוניקע און אויפ'ן שיין קעפל האָט זי געטראָגן אַ דין, מיט גאָלד געשטיקטן, הייבל. און קיין איין איידלשטיין, ווי אַ ברילּיאַנט אָדער דימענט, האָט נישט באַצירט אירע צאַרטע לענגליכע פינגער.

זי האָט אויפגענומען טאַנקרעדן און פאַקרעדינען זיצנדיק אויף אַ ווייכן טעפיך אויף דער פאָדלאָגע, אין געגנוואַרט פון אירע מקורבים און הויף-מענער. קעפעריניס איז געזעסן אָן דער רעכטער זייט פון איר און אויף דער לינקער זייט איז געזעסן אַ עלטערער מאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גייסט-ליכער, און אַ גאַנצע מחנה קנעכט האָבן אַרומגערינגלט זייער הערשערין און זי באַדינט.

ווען די געסט זענען אַריינגעקומען, האָט זיי קעפעריניס, אין נאָמען פון דער קעניגין, געבעטן זיצן. טאַנקרעד און פאַקרעדען האָבן זיך פאַרנייקט פאַר דער קעניגין ביז דער ערד, און זיך אַנידערגעזעצט אַ קעגן איר, אויך אויף אַ טעפיך.

– ביזטו עס דער ענגלישער פירשט? – האָט זי טאַנ-קרעדענען געפרעגט.

– כ'בין אַנ'ענגלענדער – האָט ער געענטפערט – און אַ קנעכט פון דער ענגלישער מלכּה. אויך אונז האָט דער אויבערשטער מזכּה געווען צו האָבן אַ הערשערין פונ'ם מין היפה.

– מיינע עלטערן האָבן שטענדיק געלעבט אין שלום מיט דער משפחה שחב – האָט די קעיניגין געזאָגט צו פאַק-רעדינען.

www.libtool.com.cn

הלואי זאָל דער שלום צווישן אונז און זיי קיין מאָל נישט געשטערט ווערן און זיך האַלטן אייביק, ווייל ווען די אַנסאַרן וועלן גיין יד-ביד און זיך פאַרייניקן מיט דער משפּחה שחב, וועט סיר׳ען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן׳אמת׳ן גן-עדן.

— די ענגלענדער — האָט זיך די קעניגין ווידער געווענדעט צו טאַנקרעדן — פאַרברענגען זייער גאַנץ לעבן אויף שיפן?

— מיר וווינען אויף אַן׳אינזל.

— נאָר אַ האַלב יאָר פאַרברענגען די ענגלענדער אויף די שיפן, באַזונדערס, — פאָרנדיק קיין אינדיען, און די איבריקע צייט פאַרברענגען זיי ביי זיך אין דער היים — האָט זיך אָנגערופן קעפעריניס, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן קענער וואָס אַנבאַלאַנגט די אייראָפּעאישע פעלקער און זייער אַרט לעבן.

— די שיפן באַדאַרפט איר, כּדי צו מאַכן נסיעת קיין אינדיען? — האָט די קעניגין געפרעגט טאַנקרעדן.

— טאַנקרעד האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אַלס צייכן פון יאָ.

— די ענגלישע קעניגין איז אויך אַזאַ יינגע ווי איך?

— בעת זי איז דאָס ערשטע מאָל אַרויף אויף איר טראָן, איז זי געווען אין דיינע יאָרן.

— ווי לאַנג איז זי שוין קעניגין פון ענגלאַנד?

— בערך זיבן יאָר.

— האָט זי אַ פּאַלאַץ?

— איר מאַיעסטעט וווינט אין אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ.

— דער עמיר בעשיר איז נאָך אין סטאַמבול? — האָט זי זיך ווידער געווענדעט צו פאַקרעדינען.

— מיר דוכט זיך, אַז מ׳האָט אים אַוועקגעפירט ערגיץ אויף אַן׳אַנדער אָרט.

— איז סטאַמבול טאַקע די גרעסטע שטאָדט אויף דער וועלט?

— לאָנדאָן איז גרעסער פון סטאַמבול, פּאַריז איז אויך גרעסער פון סטאַמבול, אָבער לאָנדאָן איז גרעסער פון פּאַריז.

— וויפיל באַטרעפט די באַפעלקערונג פון סטאַמבול?

www.libtool.com.cn

– מער ווי פינף מאָל הונדערט טויזנט נפשות.
– האָסטו געזען אַנטיוכיה? — האָט די קעניגין ווייטער טאַנקרעדן אויסגעפרעגט.
– ניין, נאָך נישט געזען.
– און ביירוט?
– אין ביירוט בין איך געווען.
– אַנטיוכיה איז קלענער פון ביירוט, ס'איז אָבער געווען אַ צייט, ווען זי איז פיל מאָל גרעסער געווען פון ביירוט און גרויס איז אַנטיוכיה דאַמאָלט געווען זייער, אפשר נאָך גרע־סער ווי די גרעסטע שטאָט פון דיין לאַנד.
– און שענער איז אַנטיוכיה געווען פאַר זיי ביידע — האָט טאַנקרעד באַמערקט.
– דו ווייסט אויך פון דעם? — האָט די קעניגין געפרעגט מיט אַ באַזונדער געפיל פון צופרידנקייט — באַלד אַזוי קאָנסטו מיר אפשר זאָגן, ווי קומט ער, וואָס אַנטיוכיה איז אַ צינד אַזוי קליין, אַנטיוכיה, וואָס איז אַ מאָל געווען גרעסער פאַר סטאַמבול און פאַר דער רעזידענץ-שטאָדט פון דיין לאַנד, און וואָס האָט זיי ביידע איבערגעשטיגן אין שיינקייט?
– קיין חכם קען עס נישט פאַרשטיין און דערקלערן, פאַרוואָס אַזעלכס איז געשען — האָט טאַנקרעד געענטפערט.
– איך האַלט זיך נישט פאַר קיין חכמ'טע און טראַך דעם, וויס איך און קאָן זאָגן, די סבה דערפון.
– וועט אפשר אייער מאַיעסטעט באַווילליקן טון אַזוי און אָנווייזן די דאָזיקע סבה.
– ס'זענען פאַרהאַן זאַכן, וועגן וועלכע מ'קען רעדן און ס'זענען פאַרהאַן ווידער זאַכן, וועגן וועלכע ס'איז בעסער און געזונטער צו שווייגן, — האָט די קעניגין געזאָגט, קוקנדיק קעפעריניסן אין פנים אַריין, ווי זי וואָלט געוואָלט זען, ס'מאַכ ווירקונג אויף אים האָבן געהאַט אירע ווערטער, — אויב זיי זענען אים געפעלן געוואָרן אָדער נישט.
– אייער מאַיעסטעט האָט באַווילליגט צו זאָגן דעם אמת

www.libtool.com.cn

מיט שכל און פאַרשטאַנד. – האָט דער פּרעמיער־מיניסטער באַמערקט.

עטליכע מינוט האָט די קעניגין געשוויגן, פאַרטיפט אין אירע מחשבות, דערנאָך האָט זי געגעבן אַ צייכן — און אַלע קנעכט האָבן זי פאַרלאָזט, טיף זיך פאַרנייגנדיק ביים אַרויסגיין. געבליבן זענען נאָר קעפּעריניס און די צוויי געסט.

דאַן האָט זיך די קעניגין געווענדעט צו טאַנקרעדן און פאַקרעדינען:

– מיינע הערן! איך באַגריס הערצליך אייער קומען אַהער, און ס׳טוט מיר זייער הנאה צו זען אייך אין מיין לאַנד, ווו קיין מענטש פון אַ פרעמדער מדינה האָט נאָך עד היום נישט געהאַט קיין דריסת הרגל. יאָ, קיין מענטש פון קיין פרעמדער מדינה איז נאָך נישט געווען אין אונזער לאַנד דערפאַר, וואָס מיר זענען אַן׳אָפּגעזונדערט פאָלק און מיר ווילן קיינעם ביי זיך נישט זען. מיר שטרעבן נישט צו האָבן באַזיץ אין ענגלאַנדס שיפן און די רייכטימער פון אייער מעכטיקער מדינה, נאָר מיינע אונטערטאַנען זענען שמחים בחלקם און שטרעבן נאָר צו לעבן נישט ערגער ווי זייערע זיידעס האָבן אַ מאָל געלעבט. אונזערע בערג זענען פאַרוויסט און די ערד האָט פאַרלוירן איר פרוכטבאַרקייט און פיל מי קומט אויס דעם מענטשן אָנצווווענדן, כדי אַרויסצו־ציען פון איר דאָס שטיקל ברויט. מיר פאַרמאָגן נישט קיין גאָלד און נישט קיין זילבער און נישט קיין איידלשטיינער, אַפילו קיין זייד אויך נישט. די געטער אָבער האָבן אונז איבערגעלאָזט זייער אַ קאָסטבאַרע ירושה, אַן׳אוצר פון טייערע און וווּנדערבאַרע געדאַנקען, אַ רייכער און אונערשעפּליכער אוצר איז דאָס און יעדער קאָן זיך מיט אים באַנוצן. אָבער איר אַליין ווייסן, ווי אַזוי צו שעצן דעם דאָזיקן טייערן אוצר, איר אַליין ווייסן זיין הויכן ווערט. ווען מיין געטרייער קנעכט אין דמשק האָט מיר מיטגעטיילט, אַז ס׳זענען פאַרהאַנען הערן, וואָס ווילן מיר מאַכן אַ באַזוך און מיט מיר זיך דורכ־שמועסן, האָב איך גוט פאַרשטאַנען, אַז אומזיסט וועלן אַהער

www.libtool.com.cn

קומען די דאָזיקע הערן, וואָס זייערע אַלע געדאַנקען זענען געווידמעט פאַר ענגלאַנד, טערקיי, מצרים און פאַר אַנדערע פרענקישע פעלקער. דאַרום, מיינע הערן פון אַ פרעמדער מדינה, זאָלט איר וויסן זיין — כ'רעד צו אייך גאַנץ אָפנ-הערציק, — אַז נאָר אמתע ווערטער און אמתע מעשים האָבן אַ ווערט אין אונזערע אויגן און נישט קיין פוסטע פראַזן און הבטחות, וואָס מ'איז נישט מקיים. מיר האָבן אַנ'-אָרגאַנישן עקל צו די אַלע פוסטע פראַזן און מליצות, וואָס מאַסקירן מיט זיך גרויסע טאַטן, מיר האָבן שרעקליך פיינט די קנאים, וואָס מאַכן אַ גרויסן געפילדער, פאַרשפרייטן אַרום זיך אַ גערויש און צוגייען זיך סוף כל סוף ווי אַ רויך און ווי אַ שוים אויפ'ן וואַסער, נישט ברענגנדיק דער וועלט קיין שום נוצן.

די קעניגין איז אַנטשוויגן געוואָרן און האָט אַ קוק געטון אויף קעפעריניסן מיט אַ פרעגנדן בליק. דער „פרעמיער" האָט געגעבן אַ צייכן, אַז אירע רייד זענען אים געפעלן געוואָרן. פאַקרעדען האָט געבעטן טאַנקרעדן אָפּענטפערן דער קעניגין אין נאָמען פון זיי ביידן;

— אייער מאַיעסטעט — האָט טאַנקרעד געזאָגט מיט אַ שטיל קול — האָט זיך אויסגעדריקט אַזוי קלוג און אַזוי אויפריכטיק און אַזאַ גרויסן אמת האָבן אַרויסגעזאָגט אייערע ליפּן. מיר ערלויבן זיך אָבער אייך אויפמערקזאַם צו מאַכן, אַז נישט קיין פּאָליטישע צוועקן, און נישט קיין מסחר-צוועקן האָבן אונז אַהער געבראַכט. נישט דאָס איז געווען דער ציל פון אונזער שטרעבונג צו באַזוכן דיין לאַנד, איידעלע הערשערין. מיר האָבן דערצו געהאַט גאָר אַנ'אַנדערן צוועק, זייער אַנערהאַבענדען און גרויסן. זייט דעם טאָג וואָס דער אייבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט איז אַזיען געוואָרן אַ פאָן, אַ מוסטער פאַר אַלע לענדער. אַזיען איז דאָך דער איינציקער מקום אין דער וועלט, וועלכן גאָט האָט אויסגעקליבן זיך צו אַנט-פּלעקן דער מענשהייט אין זיין גאַנצער גרויסקייט, רעדנדיק צו די בני אדם — דירעקט. נאָר וואָס זשע צום באַדויערן זעען מיר

www.libtool.com.cn

איצט ? דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך אָפּגעקערט פון דער אמת'ער אמונה און וואַקלט זיך אויף יסודות פון אַנ'אמונה, וואָס איז נישט אין ערהאַבענעם גייסט און די נאָבעלע מחשבות און אידעאַלן פון אַבסאָלוטן אמת. מיר גלויבן אָבער באמונה שלימה, אַז איצט איז געקומען די צייט, — אַזיען זאָל צוריק אָנהייבן שפּילן איר אַמאָליקע גרויסע זון וויכטיקע ראָל און זאָל ווידער ווערן אַ מוסטער און וועג ווייזערן פאַר אַלע לענדער. און דאַרום האַלטן מיר, אַז סיריען און אַראַביען, די צוויי לענדער, וואָס זענען נאָך נישט קאַליע געוואָרן פון די אונ־געהויערע פעלערן פון די שטעט, וואָס ליגן ביים ברעג ים און אין די טאָלן און נאָך נישט באַפלעקט מיט אַלע זינד און עבירות פון די דאָזיקע שטעדט, אַז די פעלקער פון סיריען און אַראַביען, וואָס די קוועלעס פון די נשמות זייערע זענען נאָך אַזעלכע ריינע און אין זיי קלאַפּט נאָך ווי אין אַמאָליקע צייטן דער דופק פון העלדישקייט, — אַז די פעלקער פון די דאָזיקע צוויי לענדער זענען דורך דער השגחה העליונה אַליין באַשטימט און זענען גרייט צו מאַכן צווישן זיך אַ בונד און איינעמען די גאַנצע וועלט. אונזער באַגער און שטאַרקער ווילן אַז זיי זאָלן איינ־נעמען די גאַנצע וועלט — מיט גאָטס הילף — איז נאָר — כּדי די מענטשהייט זאָל זיך צוריקקערן צו איר פּריריקער גייסטיקער און מאָראַלישער ריינקייט, צו איר פּריריקער יושר'קייט און דעם אומשטערבליכן גייסט פון ריינעם אמת און געטליכקייט.

די קעניגין האָט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט טאַנקרעדס ווערטער און נאָך אַ רגע שווייגן האָט זי זיך אָנגערופן:

— אויך איך גלייב, אַז ס'איז געקומען די צייט צו באַ־גייען און פאַרשטאַרקן די ממשלה פון אַזיאַטישן גייסט, ווייל פון'ם טאָג, זייט די דאָזיקע ממשלה האָט אויפגעהערט, איז שטאַרק פאַרמינערט געוואָרן דער ווערט פון'ם מענטשן בכלל און ס'איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ס'קען זאָגן, אויסגעלאָשן גע־וואָרן אין אים דער ניצוץ אלהים. די ווערטער וואָס איר האָט דאָ נאָר וואָס אַרויסגעזאָגט זענען מסוגל צו פאַרשטאַרקן אין מיר

www.libtool.com.cn

דעם געדאַנק, אַז כ'האָב געטון גאַנץ גוט וואָס כ'האָב אייך איינגעלאַדן צו מיר, אָבער, דו האָסט דאָ גערעדט, הער פון ענגלאַנד, וועגן אַראַביען און גאָט — וועלכן גאָט האָסטו געמיינט?

— כ'האָב גערעדט וועגן דעם איין איינציקן גאָט, דעם בורא העולם דעם, און וואָס לעבט אייביק, וועגן גאָט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אברהם אבינו אויפ'ן הר-המוריה, און וועלכער האָט גערעדט מיט משה'ן זיין קנעכט אויפ'ן באַרג סיני, און מיט אליהו הנביא אויפ'ן הר הכרמל און אויפן הר חורב.

— ס'איז פאַרהאַן נאָך אַ באַרג — דער באַרג אָלימפּ און אַמאָל האָבן אויך אים גערוט געטער.

— דער גאָט פון די משוררים — האָט טאַנקרעד באַמערקט.

— ניין, נאָר די געטער פון פאָלק — האָט די קעניגין געזאָגט — און נאָך אַ שווייגן פון עטליכע סעקונדן, האָט זי זיך געווענדעט צו קאָפּעריניסן, איר בעל-יועץ: אפשר וואָלטן מיר געעפנט פאַר די דאָזיקע הערן, וואָס זייער גייסט שוועבט אין די הימלען, די טויערן פון שיינקייט און קדושה?

— גוט. אַ שיינע אידעע, כ'לעבן, מעכטיקע הערשערין, אַ שיינער איינפאַל!

— זאָג, מ'זאָל אַריינברענגען בלומען, און איר, מיינע הערן, — האָט זי זיך געווענדעט צו די געסט — וועט באַלד האָבן אַן איבעררעאַשונג: אייערע אויגן וועלן באַלד דערזען אַזעלכס, וואָס עד היום עס נאָך קיין אויג פון אַ פרעמדן, אַ חוץ אייך, נישט געזען — איר וועט זען די קדשי-קדשים פון אַזיען.

אַ גאַנצע מחנה משרתים, מענער און ווייבער, האָבן אַריינגעבראַכט אַ מאַסע בלומען.

דאָס שיינע קאַמער-פרייליין ציפּראַס און עטליכע אַנדערע קאַמער-פרייליינס האָבן זיך געלאָזט, האַלטנדיק אין דער רעכ-טער האַנט יעדען גירלאַנד, אַרויסצוציען מיט לאַנגזאַמע טריט פונ'ם זאַל, נאָך די פרייליינס איז געגאַנגען קאָפּעריניס מיט נאָך אַ הויכגעשטעלטן מלוכה-מאַן, אויך מיט גירלאַנדן אין די

www.libtool.com.cn

הענט, נאָכדעם איז געגאַנגען די קעניגין צווישן ביידע „פּרינצן“ טאַנקרעד און פאַקרעדען, און אינטער זיי איז נאָכגעגאַנגען אַ קליינע סוויטע. די גאַנצע פּראָצעסיע־צערעמאָניאַל איז אַרויס פון דעם אוידיענץ־זאַל און דורכגייענדיק אַ געדיכטע אַלעע פון קאַפּריסן בוימער, זענען זיי צוגעקומען צו אַ בראָנזענעם פּאָרטאַל און דאָרט זיך אָבגעשטעלט. פון דאַנען האָט זיך אָנגעהויבן אַ טונעל־וועג, וועלכער האָט געפירט צום שלאָס. דער טונעל האָט זיך געענדיקט ביי אַ טעראַסע, וועלכע איז פון פעלזן שטיינער אויסגעאַרבעט געוועזן. אַרום און אַרום דער טעראַסע האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער הויך גרויסע בערג מאַסן, איבער די בערג מאַסן האָט זיך אַרויסגעזען דער העלבלויער הימל, די פעלז וואַנט וואָס איז אַ קעגנאיבער געשטאַנען האָט געמאַכט אַנ׳איינדרוק פון אַ פאַסאַד פון אַנ׳אַלטן טעמפּל און ווען טאַנקרעד איז נענטער צוגעקומען צו דעם דאָזיקן פאַסאַד האָט ער באַמערקט, אַז אַ קינסטלער־האַנט האָט דאָ מיטגעהאָלפן דער ווילדער שיינהייט פון דער נאַטור.

טאַנקרעד איז ערשטוינט געוואָרן, דערזעענדיק אין דעם דאָזיקן ווילדן אָרט בולט׳ע סמנים פון אַ קינסטלער־האַנט, פון דעם האָבן עדות געזאָגט פיל אויסגעצייכנטע סקולפּטורישע אַרבעטן, וואָס איז געווען צו באַמערקן אין די קאָרידאָרן און אויף די ווענט און סופיט פון די נעבן־געביידעס. ווען די קעניגין מיט אירע קאַמער־פריילײנס זענען אַרויף אויף די טרעפּ פונ׳ם טעמפּל, האָבן זיי אויפגעהויבן זייערע גירלאַנדן אין דער הויך צום הימל און אָנגעהויבן זינגען אַ זעלטן שיינע כאָר־ליד. די ווערטער אָבער פונ׳ם ליד זענען נישט אין דער סירישער שפּראַך געווען. טאַנקרעד איז אַריינגעגאַנגען אין אַ זאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון פּרעכטיקע מאַרמאָרנע ווענט און פיל מאַסיווע גראַניטען־זוילן און פון דאַנען נאָך אין אַ שענערן זאַל, נאָר אָן זוילן, דאָ האָט זיך אים אַ וואָרף געטון אין די אויגן אַ מאַסע טייערע סטאַטועטן פון זעלטענער קינסטלערישער אַרבעט, וואָס זענען אויף פעלז־בלאָקן געשטאַנען, טאַנקרעד איז פשוט ערשטוינט געוואָרן דערזעענדיק אין אַזאַ

www.libtool.com.cn

ווייטן פאַרוואָרפענעם און ווילדן ווינקל אַזוי פיל אויסגעצייכנטע אמת'ע מייסטער-ווערק. צווישן זיי זענען געווען סטאַטוטן פון אַלטע גריכישע געטער און די דאָזיקע סקולפּטור אַרבעט האָט געקענט דעם גרעסטן כבוד און רום די באַרימטסטע קינסטלער פאַרשאַפן, חוץ סטאַטוטן פון פאַרשידענע געטער האָבן זיי דאָ אויך געפונען פיל נימפן, געטינס און פאַרשידענע סימבאָלישע סטאַטוטן.

– אָבער וואָס זע איך! – האָט טאַנקרעד כמעט ווי אויסגעשריגן און דער גרעסטער אַנטציקונג און איבעררעשונג – אַ גאַלאַריע פון גריכן-געטער!

– פון אַנסאַרי-געטער! – האָט די קעניגין טאַנקרעד'ס אויסדרוק פאַרבעסערט, – דאָס זענען די געטער פון מיינע אור-אור זיידעס.

– וואָס איך הער! – האָט זיך אָנגערופן טאַנקרעד אין דער גרעסטער אַנטציקונג און ערשטוינונג. דאָס לעבן איז דאָך ווירקליך זעלטזאַמער און אינטערעסאַנטער, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט... אונטער'ן איינדרוק פון דעם, וואָס איך האָב דאָ דערזען, פיל איך זיך ווי נייגעבוירן...

– כ'זע, – האָט זיך אָנגערופן די קעניגין, באַמערקנדיק טאַנקרעד'ס איבעררעשונג, אַז איר קענט די דאָזיקע געטער און האָט פון זיי געהערט, דער עמיר אָבער פון לבנון האָט וועגן זיי, דוכט זיך, קיין אַהנונג נישט.

– אויך איך פיל, – האָט זיך פאַקרעדען אָנגערופן, אַז דאָס זענען געטער.

– ווי קומט עס, – האָט די קעניגין געפרעגט, ווענדנדיק זיך צו טאַנקרעד'ן – אַז איר, אַלס קינד פון אַ צפון אינזל ווייס פון אָלימפּישן גאָט. – וויל אייער מאַיעסטעט זאָגן – האָט טאַנקרעד מקדים געווען די קעניגין, – ס'איז אפשר אַ חידוש, וואָס איך, אַלס קינד פון קאַלטן צפון ווייס פון די גריכישע געטער, נאָר נאָך אין די קינדער-יאָרן האָב איך די האָמערס ווערק געשטודירט און זיי האָבן מיר אַ קלאָרן באַגריף פון יענע געטער אויסגעאַרבעט.

www.libtool.com.cn

— איך שעץ מיך פאַר גליקליך — האָט זיך אָנגערופן פּאַקרעדען, וואָס איך האָב געהאַט די זכויה צו זען די געטער פון אַנסאַרי און פון זיי געזעגן צו ווערן.

— און דאָס איז — האָט די קעניגין באַמערקט, אַלץ וואָס איז פון אַנטיאָכיה פון דעם פּרעכטיקן אַנטיאָכיה מיט זיינע הונדערטער טורעמס און זיינען הייליק פאַרבליבן.

— אונגליקליכס אַזיען! — האָט פּאַקרעדען באַמערקט, ווי טיף ביזטו געפאַלן! וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט איצט! וואָס פאַר אַ אויסזען!... נאָך אַזאַ גרויסקייט — אַזוי צו פאַלן!...

— דאַמאָלט ווען אַלץ איז אַריבער, האָט זיך אָנגערופן די קעניגין, — דאַמאָלט ווען דאָס פאָלק איז מאָראַליש פאַרדאָרבן געוואָרן און די ברוגז'ע געטער האָבן די ערד פּאַרלאָזן, דאַמאָלט זענען די רעכט גלויביקע און נישט פאַרדאָרבענע מענטשן אַנטלאָפן אַהער אין די בערג אַריין, מיטנעמענדיק מיט זיך די דאָזיקע הייליקע בילדער. דאָ האָבן יענע מענטשן אין זייער מקלט די בילד׳ער און סטאַטועס פאַרגעטערט ווי פריער. די קינפטיקע דורות פון יענעם רעשטל מענטשן זענען געבליבן טריי דעם גלויבן און די טראַדיציעס פון זייערע פאָטערס און זיידעס, האָבן אָבגעהיט די געטער זייערע ווי דאָס אויג אין קאָפ האָבן די גאַנצע צייט געלעבט אָבגעזונדערט פון די אַרומיקע פעלקער זייענדיק אַרומגערינגלט פון זיי מיט אַ שטאַרקער גייסטיקער פעסטונג אָן אָט אין וואָס ס׳ליגט דער סוד, וואָס אונזער פאָלק האָט זיך נישט אַסימילירט מיט קיין אַנדערע פעלקער און נישט איבערגענומען קיין פרעמדע זיטן און פרעמדע חסרונות. די מאָגערע ערד אונזערע גיט קוים אַרויס פון זיך אַזוי פיל תבואות, וואָס קענען באַפרידיקן נאָר די קלענסטע באַדערפנישן פון אונזער פאָלק. די אַנסאַרן לעבן זייער איינפאַך און טוען זיך אָן אין די פּשוט׳ע מלבושים ווי די קורדן; ביי אונז אין לאַנד וועט איר קיין סמנים פון לוקסוס נישט טרעפן און קיין מינדעסטן צייכן פון עשירות און אַ ברייטן לעבן. נאָר מיר פילן זיך אָבער גליקליך מיט אונזער גורל, און זענען העכסט צופרידן דערמיט, וואָס מיר האָבן

www.libtool.com.cn
געקענט טרייַ בלייבן דעם גרויסן גייסט, וועלכער איז אַזוי שיין און קונציק אויסגעדרוקט אין די מייסטערווערק וואָס זענען פֿאַרבאָרגן אין אונזער גרויסן טעמפּל.

— אייער מאַיעסטעט — האָט זיך אָנגערופֿן טאַנקרעד — מיר וועלן מוזן, ווען איר וועט עס מיר דערלויבן, נאָך אַמאָל זיך אומקערן צו דעם אינהאַלט פֿון איצטיגן געשפּרעך. מיין האַרץ איז איצט אַזוי איבערפֿולט מיט פֿאַרשידענע געפֿילן צוליב דעם, וואָס איך האָב דאָ געהאַט די ערע אַזעלכע וויכטיקע נייַע זאַכן פֿון אייך אויסצוהערן, — אַז איך בין נישט אימשטאַנד ווי געהעריק איז אייער מאַיעסטעט צו ענטפֿערן.

— קומט מיט מיר מיט, — האָט די קעניגין זאַנפֿט זיך געווענדעט צו טאַנקרעדן און ער איז איר נאָכגעגאַנגען.

זיי זענען ביידע אַריינגעגאַנגען אין קליינעם צימער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פֿאַנטעאָן צו יענעם גרויסאַרטיקן טעמפּל, וועלכן זיי האָבן נאָר וואָס פֿאַרלאָזט. אויף יעדן עק פֿונעם צימער איז געשטאַנען אַ סטאַטוע. פֿאַר איינער פֿון יענע סטאַטועס האָבן זיי זיך ביידע אָבגעשטעלט. די סטאַטוע איז געווען פֿון ריינעם גאָלד און עלפֿאַנט ביין און דער גרויס פֿון אַ מענטשן נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די סטאַטוע איז שוין אַלט געווען אַ פּאָר טויזנט יאָר, האָט זי אויסגעזען בכלל ווי זי וואָלט נאָר וואָס פֿון אונטער דער האַנט פֿונ׳ם באַרימטן מייסטער אַרויס.

— צי ווייסט איר, וואָס פֿאַר גאָט-בילד דאָס איז? — האָט די קעניגין טאַנקרעדן געפֿרעגט.

— דאָס איז פֿעבוס אַ פּאָלאָ.

— דער איז אונזער גאָט, — האָט זיך אָנגערופֿן די קעניגין, — דער שוץ-ראַט פֿון אַנטיאָכיה, דער גאָט פֿון אונזערע הייליקע וועלדער.

— זאָל עס זיין, האָט טאַנקרעד אַ פֿרעג געטון, — דער וועלבער אָבגאָט, וועלכן מ׳האָט אַמאָל אין סיריען קרבנות

www.libtool.com.cn

און האָניג און ווײַן פון גאָלדענע בעכער געבראַכט ? וועלכע מ׳האָט קטורת געריכערט.

— איך זע, אַז איר ווייסט אַלץ, אַז עס עקזיסטירט פאַר אייך איבערהויפט קיין פאַרבאָרגענע זאַך נישט, האָט די קעניגין אויסגעדרוקט איר באַוואונדערונג און אַכטונג פאַר טאַנקרעדס וויסנשאַפטן.

— און וואָס איז דאָס פאַר אַ סטאַטוע ? — האָט טאַנקרעד געפרעגט אָנווייזנדיק אויף יענע, וואָס איז געשטאַנען אַקעגענאיבער.

— דאָס איז אַ סטאַטוע, פאַר וועלכער די מתפּללים פון דער גאַנצער וועלט פלעגן אַמאָל קניען. דאָס איז די סירישע געמין, די ווענוס פון סיריען. זי האָט אָבער ביי אונז אַן אַנדער נאָמען, דער נאָמען, וואָס איך טראָג : אַסטאַרע.

---

## דריטער קאַפּיטל.

אונטערן נייעם איינדרוק, וואָס אונזערע ביידע יונגע לייט האָבן איבערגעלעבט נאָכן באַזוך פון׳ם גרויסן טעמפּל מיט די גרויסאַרטיקע סטאַטועס האָבן זיי פאַרפירט אַ לעבהאַפטן געשפּרעך וועגן יידנטום, קריסטנטום און העלעניזם. טאַנקרעד האָט זיין גוטן פריינט ווי אַ לערער פון דער קאַטעדרע, געגעבן גענויע ערקלערונגען וועגן יעדן פון די דריי אמונות. ער האָט פאַקרעדענען דערציילט די געשיכטע פון יעדער רעליגיאָן, פון איר אַנטוויקלונג און באַדייטונג, בעת טאַנקרעד האָט גערעדט וועגן דער געצענדינריי, האָט פאַקרעדן אים געפרעגט :

— און איר, טאַנקרעד, וואָס זענט איר אייגענטלעך : אַ געצנדינער אָדער אַ מענטש פון אַן אַנדער אמונה ?

— כ׳קען זיך -- האָט טאַנקרעד געענטפערט, — גיכער פאַר אַ געצנדינער איידער פאַר אַ קריסט האַלטן, ווייל איך

www.libtool.com.cn

שטאַם פון אַ האָרדע באַלטישע פּיראַטן פון וועלכע קיינער האָט אין קיין היסטאָרישע תקופה גאָר נישט געהערט. אין דער שולע האָט מען מיך אַפילו געלערנט אַז איך מעג זיך איבערנעמען וואָס איך שטאַם פון יענעם ים־רויבער און די וואָס קומען פון יענע מענטשן אַרויס, האַלטן זיך אין ענגלאַנד פאַר׳ן גרעסטן יחוס אָבער איך קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן, וואָס פון אונז, ענגלענדער וואָלט געוואָרען. ווען מיר וואָלטן נישט איבערגענומען דאָס סיריש־אַראַבישע גלויבן און יענע לערע, וואָס די גרויסע אַזיאַטישע געזעצגעבער פון ארץ ישראל אין סיריען האָבן דער מענטשהייט געגעבן. ווען מיר וואָלטן יענע לערע נישט איבערגענומען, וואָלטן מיר געוויס געקומען צו אַזאַ צושטאַנד פון אַכזריות און פערווילדיקייט, אַז מיר וואָלטן זיך איינער דעם אַנדערן די העלזער אָבגעשניטן... און איידער מיר זענען קולטורעלע מענטשן געוואָרן, אויב אונזערע אַמאָליקע ווילדע זיטן זענען פאַרעדעלט געוואָרן און מיר זענען כּלל געוואָרן ציוויליזירטע מענטשן, — האָבן מיר עס צו פאַרדאַנקען נאָר אַזיען, אין ווען מיר האָבן דעם הייליגן גלויבן אין גאָט איבערגענומען.

— מערקווירדיג! מערקווירדיג! — האָט זיך אָנגערופן פאַקרעדען. אין דער העכסטער מדרגה איבעראַשט פון דעם וואָס טאַנקרעד האָט אים דאָ דערציילט — אַ שאָד, וואָס איך בין אַזוי ווייניק געבילדעט און האָב פון אַזעלכע זאַכן ביז היינט גאָר נישט געוואוסט, אַ שאָד, כ׳לעבן... און מיך, טאַנקרעד, קאָן מען אויך פאַר אַ געצנדינער האַלטן?

— איך האַלט נישט, אַז מ׳זאָל קענען ישמעאל׳ס אייניקלען, די מאַכמעדאַנער, צו געצנדינער צו רעכענען, — האָט טאַנקרעד געענטפערט, — איך ווייניגסטנס, זע אין אייך תמיד מיטגלידער פון אַ הייליקער ראַסע, דאָס מוזט איר וויסן, איז נישט קיין קליינקייט. צו אַ גרויסער ראַסע צו געהערן און דאָס אַליין גיט שוין געוויסע רעכט אויף אַכטונג און מאַכט.

— צי איז יוליוס צעזאַר אויך אַ געצנדינער געווען?

www.libtool.com.cn

— געוויס.

— און אַלעקסאַנדער מוקדון ?

— אויך, — האָט טאַנקרעד געענטפערט, דאָס זע.דיען נרעסטע צוויי געצנדיינער, וועלכע די וועלט האָט נאָרנ אַ מאָל פאַרמאָגט. זיי ביידע זענען געווען די פאַרטרעטער פון יענע צוויי גרויסע מיטלענדישע פעלקער, וועלכע האָבן די ערשטע פון אַזיען דעם גלויבן, אין גאָט איבערגענומען די דאָזיקע צוויי גרויסע געצנדינקער, האָבן פיל לענדער איינגענומען אָבער וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן זייערע עראָבערונגען געגן יענע, וואָס דער גלויבן אין איין גאָט האָט שפעטער אין דער גאַנצער וועלט געמאַכט! איר האָט אפשרג עהערט, — האָט טאַנקרעד נאָך אַ קורצע פויזע ווייטער זיין געדאַנק אַנטוויקלט, אַז די דאָזיקע צוויי גרויסע געצנדינער זענען פון זייערע אונטערטאַנען פאַרערט געוואָרן אַלס געטער, אָבער וואָס האָט זיך פון דעם אויסגעלאָזט? די פאַרגעטערונג פון אַלעקסאַנדער מוקדון און יוליוס צעזאַר האָט זייער אַ קורצע צייט געדויערט. זייערע אייניקלעך האָבן זיך שוין אינגאַנצן אָבגעקערט פון דער געצנדינעריי און האָבן איבערגענומען דאָס גלויבן אין איין גאָט — פון אַזיען. און וואָס זענען מיר איצט? — די געוועזענע גריכן און רוימער בעטן איצט צו דעם איין-איינציגן גרויסן גאָט פון דער וועלט.

ווייטער האָט טאַנקרעד פאַר זיין פריינט פאַקרעדען אַנטוויקלט דעם געדאַנק, אַז דאָס איינציגע לאַנד, וואָס איז געבליבן טריי דעם אמת'ן גייסט פון דעם איין-איינציגן גרויסן גאָט איז אַראַביען. בעת די טערקען און די טאַטאַרן, וואָס שטאַמען אויך פון אַזיען האָבן אין זיך שטאַרק באַפלעקט און קאָמפראָמאָטירט דורך זייערע באַרבאַרישע אָנפאַלן אויף אַנדערע אַזיאַטישע און אייראָפּעאישע פעלקער.

פון אַראַביען, האָט טאַנקרעד דערוויזן, מוז די גייסטיגע הילף און די גאולה פאַר דער מענטשהייט קומען. אַראַביען וועט אַרויס מיט אַ קאַמף געגן ,יעם רעשט פון

www.libtool.com.cn

דער טאַטאַרישער הערשאַפט און איר באַרבאַריזם און זיי אָבּרוימען פון וועג.

דער רושם, וואָס דער טעמפּל מיט די אַנטיקן־סטאַטועז האָט געמאַכט אויף טאַנקרעד'ן, איז געווען אַנ'אויסערגעוויינליכער. ער וואָס האָט זיך תמיד אַרומגעטראָגן מיט ערהאַבענע געדאַנקען וועגן דער גאָטהייט, וועגן דער אייבּיקער שיינהייט א. אַז. וו. האָט זיך דאָ אין אונזער לאַנד אָנגעשטויסן אויף אַ זעלטענע ערשיינונג, וועלכע האָט עדות געזאָגט, אַז טיף אין די הערצער פון מענטשן ליגט פאַרבאָרגן דער געדאַנק פון געטליכקייט, ווי שטאַרק און מעכטיק די מענטשליכע באַדערפעניש איז אַ אידעאַל אין לעבן צו האָבּן. אַ גרויסן איינדרוק האָט אויך די ווונדערבאַרע קיניגן אויף טאַנקרעד'ן געמאַכט. די באַגייסטערונג, מיט וועלכע זי האָט אַנטוויקלט דעם געדאַנק פון גאָטהייט און די ווירקונג וואָס דער קולט פון די געטער האָבּן אויף איר לאַנד געהאַט — דאָס איז אַזוי אויסערגעוויינליך ניי און אינטערעסאַנט געווען, אַז ער האָט אויף אַ רגע נישט געקענט פאַרגעסן איר שיינעם געשטאַלט. איר קלאָרער באַגריף וועגן דער ראָלע, וואָס אַזיען שטייט נאָך פאָר צו שפּילן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. איז פּשוט צו באַוווּנדערן, און חוץ עוואַ'ן, האָט טאַנקרעד אַזאַ שיינע און קלוגע און שאַרפזיניקע פרוי נישט באַגעגנט אויף זיין לעבן און קוים געהאָפט ערגיץ צו באַגעגענען. טאַנקרעד'ן איז איינגעפאַלן דער געדאַנק, וואָס פאַר אַ גרויסע און וויכטיקע ראָלע די ווונדערבאַרע אסטאַרטע ביי אַזעלכע זעלטענע אייגנשאַפטן, וואָס זי באַזיצט, וואָלט געקאָנט שפּילן אין דער גרויסער באַוועגונג, וואָס דאַרף זיך אין גיכן דאָ אין אַזיען אָנהויבּן, טאַנקרעד האָט זיך דערביי דערמאָנט, וואָס פאַר וויכטיקע ראָלן פרויען האָבּן איבערהויפּט געשפּילט אין דער געשיכטע פון רעליגיעזע באַוועגונגען און וואָס פרויען האָבּן אין דער דאָזיקער היגזיכט אויפגעטון.

www.libtool.com.cn

דערמאָנענדיק זיך אין דער ראָלע, וואָס פּרויען האָבן געשפּילט אין דער געשיכטע בנוגע פֿאַרשפּרייטן און איינפֿלאַנצן די אמונה אין איין גאָט, איז טאַנקרעד'ן איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק וועגן דעם גורל פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס האָט דאָס ערשטע אויף דער וועלט אַזאַ גלויבן אָנגענומען און פֿון זיך שפּעטער דאָס קריסטענטום אַרויסגעגעבן. ביי דעם דאָזיקן געדאַנק, האָט טאַנקרעד זיך פֿאַרטראַכט איבער דער אונדאַנקבאַרקייט און אַכזריות, וואָס די קריסטן ווייזן די גאַנצע צייט אַרויס בנוגע זייערע ברידער. טאַנקרעד האָט מיט אַ געפֿיל פֿון צאָרן ביי זיך געטראַכט: יידן האָבן באַשאַפֿן קריסטן, דאָס יידנ־טום האָט באַשאַפֿן דאָס קריסטענטום און פֿאַר וואָס זשע באַציען זיך די קריסטן מיט אַזאַ שנאה צו גאָטס פֿאָלק? פֿאַרוואָס האָבן זיי אין מיטל־אַלטער געברענט יידן אויפֿן פֿייער, איינגעאָרדענט אַ אינקוויזיציע און רודפֿ'ן זיי נאָך ביז היינט... פֿאַר וואָס? זענען נישט די יידן זייערע אמת'ע ברידער?

פֿאַקרעדען, עמיר פֿון לבנון, וואָס שטאַמט פֿון מאַכמעד'ס פֿאָנען־טרעגער, האָט נישט געהאַט אַזאַ יראת הכבוד פֿאַר אַראַביען, ווי דער יינגער מאַן פֿון צפון אינזל, פֿאַקרעדען האָט נישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, ווי פֿיל ער דאַרף זיך איבערנעמען מיט דעם, וואָס ער שטאַמט פֿון אַזאַ גרויסן יחוס, און ערשט נאָך דעם ווי טאַנקרעד האָט אים אויפֿגעקלערט, — האָט אַראַביען אין איר פֿאַרגאַנגנהייט אין זיינע אויגן אַנ'אַנדער אויסזען באַקומען. פֿאַקרעדען האָט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין אַז אַזיען, און איבערהויפּט דאָס ווינקל ווי אַראַביען און פּאַלעסטינאַ ליגן, קענען און וועלן נאָך וואַרשיינליך אַ גרויסע ראָלע שפּילן אין דער געשיכטע און מיטהעלפֿן דעם מאָראַלישן אין גייסטיגן ווידערגעבורט פֿון דער געפֿאַלענער און פֿאַרדאָרבענער מענטשהייט, דורכגעדרונגען מיט דעם דאָזיקן געדאַנק, איז דער יינגער עמיר גרייט געווען זיך צו שטעלן אין דינסט אין די רייען פֿון די קעמפֿער

www.libtool.com.cn

פּאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. טאַנקרעד איז אין זיינע אויגן אויסגעוואַקסן זייער הויך. ער האָט דעם יינגן לאָרד געהאַלטן פּאַר אַ ריז פון גייסט און איז געווען גרייט אים נאָכצוגיין, וווהין ער וועט אים נאָר פירן. דאַרום איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרען טאַנקרעד׳ס פּלאַן אַריינצוציען די קעניגין אַסטאַרטא אין זייער פּראָיעקטירטער אונטער־נעמונג וועגן אַ קאָמפּאַניע אויף די אַרומיקע לענדער. אויך פּאַקרעדענען האָט די יינגע שיינע אַסטאַרטאַ אויך זייער אַ שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. איר זעלטענע שיינהייט, קלוגהייט און שאַרפזיניקייט האָבן דעם יינגן עמיר פשוט באַצויבערט. מיט אַ מאַנספּערזאָן אין מזרח־לענדער טרעפט זיך זייער זעלטן, ער זאָל אונטערגעוואָרפן ווערן דעם איינפלוס פון אַ פרוי, אָבער צוואַ און אַסטאַרטאַ זענען געווען אויסערגעוויינלעכע זעלטענע פרויען און יעדע פון זיי האָבן אויף פּאַ[illegible]יעדענען אַזאַ שטאַרקן איינפלוס געהאַט, אַז זיי האָבן באַהערשט זיין גאַנצעס וועזן און ביי יעדער פון די דאָזיקע פרויען וואָלט דער יינגער עמיר ווען זיי וואָלטן נאָר געוואָלט אויסנוצן זייער איינפלוס אויף אים געקענט ווערן אין זייער האַנט אַ ווערקצייג פון זייערע פאַרלאַנגען. און אַפילו קאַפּריזן דיביידע זעלטענע יינגע פרויען זענען אָבער געווען צו נאָבל, אַז זיי זאָלן זיך דערלויבן אויסאיידעל און גרויסמוטיק, צו ערנסט און זאָגן צו שלעכטס...

די באַקאַנשאַפט מיט אַסטאַרטען און דער שטאַרקער רושם, וואָס זי האָט אויף אים געמאַכט, האָבן גורם געווען דערצו, אַז פּאַקרעדען איז אַפילו אָבגעקילט געוואָרן צו דעם גראַנדיעזען פּלאַן, וואָס טאַנקרעד האָט אַהערצו פון זיין פאָטערלאַנד געבראַכט.

דער פּלאַן וועגן דער מאָראַלישער העגאָמאָניע פון אַזיען איבער איראָפּאַ, וועגן דעם קאָסמאָפּאָליטישן רענעסאַנס פון דער מענטשהייט, וועגן יידישן פאָלק און זיין צוקונפט האָט פּלוצלינג פאַר אים פאַרלוירן זיין אַנציונגס־קראַפט און

www.libtool.com.cn

**אים אויפגעהעצט** צו באַפרײדיקן און באַגײסטערן... דער ייִנגער עמיר איז פלוצלינג צו טאַנקרעדן גופא אויך אָבגע־קילט געוואָרן און זײַן מאָראַלישער געשטאַלט, וואָס האָט אַזוי לאַנג אויף אים אַזאַ שטאַרקע ווירקונג געהאַט, איז אין זײַנע אויגן אויך ווי בלאַסער, פשוט׳ער געוואָרן און אין אַלגעמײַן פאַרלאָרן זײַן צויבער־קראַפט. פאַקרעדענען איז איצט אײַנגעפאַלן אין קאָפ אַ געדאַנק אָפּצוזאָגן זיך פון טאַנקרעד׳ס גראַנדיעזן פלאַן וועלכן ער האָט נישט געקענט אין פולן אומפאַנג באַגרײַפן. און אָנשטאָט דעם, דורכצופירן אַ פשוט׳ערן און אײַנפאַכערן פלאַן, וועלכער האָט נאָך זײַן מײנונג אַ פעסטערן רעאַלן באָדן און מער שאַנסן פאַרווירקליכט צו ווערן. פאַקרעדענס פלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, ער זאָל שליסן אַנ׳אָבמאַך מיט דער קעניגין אַסטאַרטאַ און דאַמאָלט, ווען סיריען וועט מיט די אַנסאַרן קעניגין אַרויסשטעלן אַ גוט באַוואָפנטע אַרמעע, קען זײער לײַכט באַשאַפן ווערן אַ מעכטיקע סירישעס קעניגרײַך, מיט אַ נײַער רעליגיאָן, וואָס הערשט צווישן די אַנסאַרן. ער, פאַקרעדען וואָלט שוין געקאָנט דאַמאָלט דערגרײַכן אַ הויכע מדרגה און דער רעזולטאַט פון אַזאַ פאַרווירקליכטן פלאַן וואָלט געווען, אַז ער וואָלט חתונה געהאַט מיט דער קעניגין אַסטאַרטאַ און — אין דעם פאַל איז פאַקרעדענ׳ס פלאַן פאַרבונדן געווען מיט דער האָפנונג אַ הלואה צו קריגן — באַקומענדיג אַ גרויסע הלואה, וועט ער גרינדן אַ נײַע דינאַסטיע פאַקרעדען — אַסטאַרטאַ, וועלכע וועט מיט דער צײַט ווערן די מעכטיגסטע אין דער וועלט. אַזוי האָט זיך פונאַנדערגע־פלאַקערט פאַקרעדענס רײַכע פאַנטאַזיע און אַזוי ווײַט איז זײַן דרײַסטער פלאַן געגאַנגען...

www.libtool.com.cn

# פערטעם קאַפּיטל.

•

דער געדאַנק צו בילדן מיט דער צייט אַ דינאַסטיע פאַקרעדען — אַסטאַרטאַ און אַ מעכטיקע פאַראייניגטע קעניגרייך סיריען — אַנסאַרן האָט אַזוי באַהערשט דאָס גאַנצע וועזן פון דעם יינגן עמיר, אַז ער איז נישט נאָר אָבגעקילט געוואָרן צו זיין גוטן פריינד טאַנקרעד, נאָר אין דער טיף פון זיין האַרצן האָט ער דערפילט אַ נייע געפיל צום יינגן לאָרד, אַ געפיל, וואָס איז נאָענט געווען צו שנאה. דעם יינגן פאַנטאַזיאָר האָט זיך געדאַכט, אַז טאַנקרעד שטערט פאַקרעדינס רייכע פאַנטאַזיע און אַזוי וויטן ציעל... אים האָט זיך אויך געדאַכט, אַז טאַנקרעד וועט בכיון שטערן זיין נייעם פּלאַן און — ווער ווייסט ? — אפשר וועט ער דער שיינער קעניגין אַסטאַרטאַ מער געפעלן ווערן, און זי וועט זיך אין אים פאַרליבן — און דאַמאָלט וועט פון זיין, פאַקרעדענ׳ס פּלאַן, זיך גאָרנישט אויסלאָזען. אַז טאַנקרעד קען און מוז געפעלן יעדע פרוי — אין דעם איז פאַקרעדען געווען זיכער. ער האָט געקענט גוט אַלע גרויסע מעלות טאַנקרעדס זיין זאַנפטעס סימפּאַטישעס אויסזען זיין שיינקייט, און האָט געזען וואָס פאַר אַ איינדרוק ער מאַכט אויף מענטשן און ווי שטאַרק ער איז אַלעמען געפעלן. דערום איז קיין חידוש נישט, וואָס זייענדיק כמעט פאַרליבט אין דער שיינער יינגער קעניגין, האָט פאַקרעדען מורא געקריגן, אַז טאַנקרעד זאָל נישט שטערן זיין גליק, זאָל נישט געפעלן ווערן אַסטאַרטען און זי זאָל זיך אין יינגן שיינעם לאָרד נישט פאַרליבן. אַ געפיל, וואָס איז נאָענט געווען צו אייפערזוכט, האָט זיך אַ ריר געטון אין אַ טיפן ווינקל פון פאַקרעדענס האַרצן...

פאַקרעדען האָט גענומען רעדן מיט אַנ׳אַנדערן טאָן צו טאַנקרעד׳ן, אויף טאַנקרעד׳ס פראַגן פלעגט פאַקרעדען קאַלט און טרוקען ענטפערן. מיט איין וואָרט — נישט מיט יענע

www.libtool.com.cn
וואַרימע און הערצליכע טענער, מיט וועלכע פּאַקרעדענ'ס ווערטער זענען תמיד געווען דורכגעדרונגען בעת ער האָט מיט זיין גוטען פריינט טאַנקרעד גערעדט. טאַנקרעד האָט לכתחלה די דאָזיקע לייכטע ענדערונג אין פּאַקרעדענ'ס פאַרהאַלטען זיך צו אים קוים באַמערקט, ער האָט דערקלערט די ענדערונג דערמיט, וואָס דער יינגער עמיר האָט זיך געפונען ביי נייע אומשטענדען און איז אָבגעריסן געווען פונ'ם געוויינליכען אַרט לעבן, וואָס ער פירט ביי זיך אין דער היים. נאָר, אַז די דאָזיקע ענדערונג אין פּאַקרעדענ'ס באַציונגען צו אים זאָלן האָבן אַלס יסוד אייפערזוכט, איז טאַנקרעד'ן נישט איינגעפאַלן אין קאָפּ.

אויף מאָרגן האָט די קעניגין איינגעלאַדן דיביידע יינגע לייט אויף אַ פאַלקן-יאַגד. די קעניגין, איר סוויטע און די ביידע יינגע געסט האָבן פאַרלאָזן די בערג, ווו די אַנסאַרן-רעזידענץ געפונט זיך און זענען אַוועקגעריטן אויף אַ צען קילאָמעטער פון דאַנען אין די שיינע טאָלן, ווו דער יאַגד איז פאָרגעקומען. פּאַקרעדען האָט שטענדיק געהאַט אַ גרויסן חשק צו אַזאַ מין ספּאָרט און האָט מיט דעם גרעסטן פאַרגעניגן די קעניגינ'ס איינלאַדונג אָנגענומען. אַ געניטער יעגער, האָט דער יינגער עמיר בעת דער יאַגד אַרויסגעוויזן אַ גרויסע געשיקטליכקייט, וועלכע די קעניגין און איר סוויטע האָבן שטאַרק באַוווּנדערט. טאַנקרעד, דאַגעגן, וועלכער האָט צום יאַגד דעם מינדעסטן לוסט נישט געהאַט, האָט געגען זיין ווילן אָנגענומען דער קעניגינס פאָרשלאַג זיך צו באַטייליקן אין יאַגד. אַז די קעניגין מיט ד'י געסט זענען צוריקגעקומען פון דער יאַגד איז פּאַקרעדען געווען דער העלד פון טאָג; דער גאַנצער שלאָס האָט גערעדט פון פּאַקרעדענ'ען. ווי ער האָט האַלטנדיק אויף דער לינקער האַנד אַ פאַלקן (יאַסטזשעמב), האָט ער פשוט באַוויזן וווּנדער ביי דער יאַגד. זיין יינגעס שיינעס געזיכט האָט געשיינט פון צופרידנהייט. דער יינגער עמיר איז צופרידן געווען מער

www.libtool.com.cn

חן אַלץ און זיך געשפּירט פֿאַר גליקליך צוליב דעם, וואָס די קעניגין האָט זיך אַזוי אינטערעסירט מיט זיינע אָרגינעלע מעטאָדן פֿון דער יאַגד און זיי אַרויסגעוויזן אַזוי פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט. צוריקקערנדיק פֿון יאַגד, האָבן די ביידע יינגע לייט געגעסן מיטאָג צוזאַמען מיטן קעפּעריניסן און נאָך מיטאָג האָבן זיי באַקומען אַן אײַנלאַדונג צו קומען אין דער קעניגינ׳ס גאַסט-צימער. דאָ האָבן זיי שוין געטראָפֿן די קעניגין מיט איר שיינער קאַמער-פֿריילײַן ציפּראָס און נאָך עטליכע יינגע פֿרויען, זיי אַלע זענען געזעסן ביי שפּינרעדער און געשפּינט, און נישט אָפּרייסנדיק זיך פֿון דער אַרבעט, פֿאַרפֿירט אַ לעבהאַפֿטן געשפּרעך מיט טאַנקרעד׳ן און פֿאַקרעדינ׳ען. אַזוי האָבן פֿאַרבראַכט די צייט אונזערע ביידע יינגע לייט בעת זיי האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אין דער רעזידענץ פֿון די אַנסאַרן. אַלע פֿרימאָרגן אַ פֿאָלקן-יאַגד, נאָך דער יאַגד אַ גוטן מיטאָג צוזאַמען מיט קעפּעריניסן און נאָך מיטאָג די גאַנצע צייט אין געשפּרעך מיט דער קעניגין און אירע פֿריילײַנס, בעת די לעצטע זענען געזעסן איבער זייער אַרבעט ביי די שפּינרעדער, נאָר זעלטן פֿלעגן ביידע יינגע לייט אין באַגלייטונג פֿון קעפּעריניסן מאַכן אַ שפּאַציר אין די אַרומיקע פֿרוכטבאַרע טאָלן און דאָרט זאַמלען שיינע בלומען. פֿאַקרעדען איז איצט, נאָך דעם ווי די קעניגין האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ אויפֿמערקזאַמקייט צו זיין יאַגד, געוואָרן פֿריילעכער אויפֿ׳ן האַרצן. צייטנווייז האָט ביי אים אין דער טיף פֿון זיין נשמה אַ בליץ געטון שטראַלן פֿון אַ זיסער האָפֿנונג, אַז די שיינע קעניגין איז צו אים נישט גלייכגילטיק.

— אַך, ווי אינטערעסאַנט דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט דערציילט, — האָט זיך די קעניגין שטיל אָבגערופֿן.

— ס׳איז דאַבט זיך, נאָך מער, ווי אינטערעסאַנט, — האָט פֿאַקרעדען באַמערקט, — אָ, שיינע אַסטאַרטאַ! ווען דו וואָלסט געוווסט וואָס איך האָב זיך אָנגעליטן, וואָס איך לייד און וואָס איך האָב געהאַט אויסצו-שטיין — אַלץ צוליב דעם אונבאַקאַנטן גלויבן פֿון מיין מוטער, וועלכע איך האָב געהאַט דאָס אומגליק צו פֿאַרלירן. באַלד

www.libtool.com.cn

זוי איך בין געבוירן געוואָרן. – ביי די דאָזיקע ווערטער פּאַקי־רעדען׳ס האָט זיך אַ הייסע טרער באַוויזן אין זיין אויג.

צוליב דעם אומבאַקאַנטן גלויבן פון מיין מוטער האָט איר, פּרינץ געזאָגט? – האָט זיך די קעניגין צו פּאַקרעדעגען געווענדעט — און דאָס האָט פונדעסטוועגן אייך נישט געשטערט צו קומען אַהערצו כדי אייך אַנ׳אַנדערע אמונה מיטצוהעלפן צו פאַרשפּרייטן, נישט אַזוי?

– איך בין אַהער געקומען מיט אַזאַ כונה? אַזוי מיינט איר, אייער מאַיעסטעטעט? אָ, ניין! נישט דאָס איז געווען מיין ציל יענע אמונה צו פאַרשפּרייטן – האָט פּאַקרעדען מיט אַ איבערצייגנדן טאָן דער קעניגין געענטפערט, אַרויסריידנדיק ז׳ערביי די צוויי ווערטער „יענע אמונה” מיט אַ שאַטירונג פון פאַראַכטונג. זיינע נאָז־לעכער האָבן ביי די דאָזיקע ווערטער געציטערט און ער האָט שפּאָטיש באַמערקט.

– דער דאָזיקער משוגע׳נער ענגלענדער איז אַהערגעקומען כדי די גרונט־יסודות פון אַנ׳אַנדער אמונה דאָ צו פאַרשפּרייטן און פּראָפּאָגאַנדירן און דערצו נאָך פון אַזאַ גלויבן, מיט וועלכן ער האָט קיין שום שייכות נישט. אַ מערקווירדיגע זאַך: מענטשן נעמען אויף זיך די ראָל פון מיסיאָנערן און פּרעדיקן אַנ׳אמונה, צו וועלכער זיי אַליין געהערן נישט... איז דאָס נישט קאָמיש, אייער מאַיעסטעטעט?

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט פּאַקרעדין מרמז געווען אויף דעם, אַז טאַנקרעד איז אַזאַ גרויסער אָנהענגער פונ׳ם יידישן גלויבן, בעת ער גופא איז קיין יוד נישט.

– כ׳מוז אייך, פּרינץ זאָגן דעם אמת – האָט זיך די קעניגין אָנגערופן, אַז איך האָב אייער כונה נישט גאַנץ ריכטיק פאַרשטאַנען; כ׳האָב געמיינט, אַז איר ביידע, איר און דער ענגלישער פירשט זענט אַהערגעקומען, פאַרייניקט דורך איין ציל און דער זעלבער איין־איינציקער כונה.

– דאָס האָט איר געוויס פון דאַרקוש׳ן געהערט, – האָט פּאַקרעדען געענטפערט, ווי באַלד אַזוי מוז איך דער שיינער אַסטאַרטאַ דערציילן אַלע פּרטים פון מיין קומען אַהערצו, טו,

www.libtool.com.cn

איך בעט דיך, מיר דעם גרויסן כבוד פון דיין אויפמערק־זאַמקייט נאָר אויף אַ ווײַלע און הער אויס די רייד פון דיין אָרימען גאַסט. דאַרקוש׳ן פערזענליך האָב איך קיינמאָל נישט געקאָנט און קיין מאָל די געלעגנהייט נישט געהאַט זאָגאַר אים צו זען: דער רייזע־מאַרשאַל פון דעם ייִנגן ענגלענדער, דאַגעגן, איז מיט דאַרקוש׳ן שוין פון לאַנג אָן גוט באַקאַנט און מיר דוכט זיך, זאָגאַר, באַפריינדעט געווען. און יענער האָט דאַרקוש׳ן דערציילט אַלץ, וואָס איר ווייסט שוין וועגן דעם ייִנגן ענגלענדער.

אויף וויפיל דער רייזע־מאַרשאַל האָט אמת געזאָגט און אויב ער האָט אין דעם פאַל געהאַנדלט ערליך אָדער געהאַט דערביי געוויסע זייטיקע כּוונות — וועט די צוקונפט באַווייזן. לעת עתּה אָבער האַלט איך זיך נאָך נישט אין רעכט וועגן דעם מיין מיינונג אַרויסצוזאָגן... וואָס אַנבאַלאַנגט דעם גרויסן פּלאַן וועגן דער צוקונפט פון אַזיען אין דער ראָלע, וואָס דעם דאָזיקן וועלט־טייל שטייט נאָך פאָר צו שפּילן, ווען יענער פּלאַן זאָל דורכגעפירט ווערן — איז נישט איך האָב אים אויס־געטראַכט, נישט אין מיין קאָפּ איז ער געבוירן געוואָרן און גלייב מיר, שיינע־אַסטאַרטאַ, אַז שטרעבנדיק מיט אַלע כּחות פון מיין נשמה און גייסט צו באַזוכן דאָס אַנסאַרן־לאַנד, בין איך געוועזן זייער ווייט צו פאַרבינדן מיין באַזוך פון דיין לאַנד מיט יענעם גראַנדיעזן פּלאַן. און איך האָב זעענדיק, אַז טאַנקרעד באַקומט די מעגלעכקייט דאָס אַנסאַרן לאַנד צו באַ־זוכן. האָב איך זיך אויף אָנגעכאַפּט פאַר די דאָזיקע געלעגנ־הייט און אים געראַטן, ער זאָל פּועל׳ן ביי דיין אַגענט, אַז מ׳זאָל מיר ערלויבן דעם ענגלענדער צו באַגלייטן, וואָס פאַר אַ כּוונה איך האָב דערביי געהאַט, וואָס האָט מיר אַזוי שטאַרק אַהערגעצויגן, — האָב איך שוין געהאַט די ערע דיר איבערצו־געבן און איך גלויב, אַז די פאַרשטייטסט מיינע געפילן גאַנץ גוט און האַלסט מיין כּוונה פאַר אַנ׳ערלעכע און אומשולדיקע. דער ייִנגער ענגלענדער מעג וואָס פאַר אַ האָפנונגען ער וויל צוזאַמענבונדן מיט זיין באַזוך פון דעם אַנסאַרן־לאַנד. איך

www.libtool.com.cn

אָבֿער האָבֿ צו יענע דרייסטע האָפֿנונגען זיינע קיין שום שייכות נישט, און אויבֿ מיר וועט געלונגען זיך צו דערוויסן דעם גרויסן סוד, וואָס מיין מוטערס מוטער איז געווען, וועל איך זיך שעצן פֿאַר גליקליך און דאַמאָלט וועט מקוים ווערן מיין ערהאַבֿנסטע און הייליקע האָפֿענונג, וועלכֿע פֿאַרשאַפֿט מיר גלייכצייטיק גליק און צער. נאָכדעם ווי מיין הייליקער צוועק וועט דערגרייכט ווערן און איך וועל וויסן, ווער פֿון די אַנסאַרן זענען מיינע קרובים, גייט מיר שוין דער יינגער ענגלענדער מיט זיינע פֿאַנטאַזיעס מער נישט אָן און איך וועל זיך פֿון אים אָפּקערן, ווי פֿון אַ מענטשן, וועלכער איז דורך זיין גליענדער פֿאַנטאַזיע מסוגל צו פֿאַרשאַפֿן זיך און זיינע באַקאַנטע אומאַנגענעמליכקייטן און שאַנד...

— זעט איר, — האָט זיך אָנגערופֿן די קעניגין — אין דעם קען איך שוין בשום אופֿן מיט אייך נישט מסכּים זיין. דער יינגער ענגלענדער איז מעגליך אַ גרויסער פֿאַנטאַזיאָר און טראָגט זיך אַרום אפֿשר מיט חלומות, נאָר יעדנספֿאַלס איז ער נישט קיין מענטש, וואָס איז פֿעיק אויף שענדליכע מעשים, וואָס ער זאָל נישט זיין, האָט די קעניגין מיט אַ איבערצייגטן טאָן צוגעגעבן, נאָר אַ ערליכער מאַן איז ער געוויס, אין דעם בין איך זיכער.

נאָר דאָ האָט זיך דער כיטרער פֿאַקרעדען אומגעקוקט, אַז ער האָט אין זיין כאַרקטעריסטיק פֿון טאַנקרעד'ן אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, און כּדי צו פֿאַרניכטן זיין פֿעלער און אָבשוואַכן דעם איינדרוק, וואָס אַזאַ טענדענציעזע כאַראַקטעריסטיק קען מאַכן אויף די קעניגין, האָט ער תּיכּף צוגעגעבן:

— אָבֿער שיינע אַסטאַרטאַ, האָבֿ איך דען געמיינט רכילות אויפֿ'ן יינגן ענגלענדער צו טרייבן, דו האָסט מיך נישט גוט פֿאַרשטאַנען, דער יינגער ענגלענדער איז זייער אַנ'ערליכער יינגער-מאַן מיט די ערהאַבֿנסטע באַגריפֿן וועגן ערע, ער איז זייער אַ שטאָלצער און דערצו נאָך אַ אונפּראַקטישער מענטש, אויף אַ באַוווסטזיניקן שענדליכן טאַט איז ער בשום אופֿן נישט פֿעיק און איז אַזאַ טאַט נישט אומשטאַנד צו באַגיין, און אויבֿ

www.libtool.com.cn

איך האָב זיך אויסגעדרוקט, אַז טאַנקרעד קען נאָך דורך זיינע פלענער זיך שאַנדע ברענגען, האָב איך מיט דעם געמיינט, אַז ער שליסט אָפּטמאָל באַקאַנטשאַפט מיט צווייפל-האַפטע מענטשן און דערנענטערט צו זיך אַזעלכע טונקעלע פּערזאָנען, וואָס קענען אים, אָן זיין ווילן דערצו, ברענגען צו שאַנד און זיין ערליכן נאָמען באַשמוצן... ווער צ. ב. ווייסט נישט, אַז קיין ייד טאָר אין ענגלאַנד נישט ווינען. יידן איז, לויט די ענגלישע געזעצן, ערלויבט צו ווינען נאָר אין עטליכע ענגלישע קאָלאָניעס. און ס'איז פּאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז ער האָט זיך מיט אַזאַ ענערגיע גענומען דורכצופירן זיין גראַנדיעזן רעליגיעז-מיליטעריש-פּאָליטישן צוועק נאָר צוליב דעם וואָס ער איז אין אַ יידישע טאָכטער פון דמשק, וועלכע טאָר קיין ענגלאַנד נישט קומען, שטאַרק פאַרליבט...

— אין אַ יידישע טאָכטער פון דמשק פאַרליבט? — האָט אַסטאַרטע פּאַקרעדענ'ען געפרעגט און איז דערביי בלאַס געוואָרן.

— יאָ, — האָט פּאַקרעדען געענטפערט, און נאָך ווי אַזוי פאַרליבט? ליידנשאַפטליך, שטאַרק, ביז משוגעת... און אָט אין דעם ליגט דער גאַנצער סוד וואָס ער רודערט אַזוי אַרום און טראָגט זיך אַרום מיט'ן פאַנטאַסטישן פּלאַן וועגן אַזיען, און וועגן דער יידן-פראַגע. ער פאַרברענגט גאַנצע טעג מיט יענע דמשקער יידן אין לאַנגע וכוחים וועגן אַזיען און וועגן די מיטלען די יידישע פראַגע ראַדיקאַל איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו ענטשיידן: זיין הויפּט פּלאַן איז, אַז אַזיען זאָל מיט סירישע שווערדן. איינגענומען און עראָבערט ווערן, און וואָס מיינט איר, ערוואַרטעט אונז סיריער, פּאַר דעם דאָזיקן גרויסן קרבן פון אונזער זייט, פּאַר אונזער ענטשיידענדן אַנטייל אין דעם דאָזיקן גראַנדיעזן פּלאַן? — אונז ערוואַרטעט אַ באַלוינונג פאַר אונזער גרויסער טרחה און ראָל, וואָס מיר וועלן אין די טעג פון פסח קענען עסן מצה...

— וואָס איז דאָס אַזעלכס מצה? — האָט די קעניגין געפרעגט.

www.libtool.com.cn

— אַלע יידן פון דער גאַנצער וועלט עסן דאָס בעת די אַכט טאָג פּסח, אַלס אָנדענקן פון דעם, וואָס זייערע אור-אור-ווײדעס האָבן, אַרויסגײענדיק פון מצרים, מיטגענומען מיט זיך דאָס נישט פאַרזויערטע טײג, פון וועלכן זיי האָבן, אַריבער-גײענדיק דעם ים סוף דערנאָך אויסגעבאַקן מצות...

— וואָס איך הער!

— נו איז דאָס נישט קיין גרויסע באַלוינונג פאַר אונזערע העלדנטאַטן, אַסטאַרטע?

— נאָר ווי אַזוי ערלויבט עס די ענגלישע קעניגין איינעם פון אירע פירשטן זיך אין אַ יידן צו פאַרליבן? — האָט אַסטאַרטע געפרעגט, אין דער העכסטער מדרגה זיך אויפרע-גנדיק — וועגן דעם, וואָס זי האָט זיך נאָר וואָס וועגן טאַנקרעד'ס ראָמאַן מיט עוואַ'ן דערוווסט — איז דען מעגליך, אַז די מעכטיקע ענגלישע קעניגין וועט אים ערלויבן חתונה צו האָבן מיט אַ יידישע טאָכטער?...

— בשום אופן נישט — האָט פאַקרעדען מיט אַ איבער-צייגטן טאָן געענטפערט, דאָס ענגלישע געזעץ פאַרווערט שטרענג די ענגלענדער חתונה צו האָבן מיט יידישע טעכטער און בכלל זיך משדך זיין מיט יידן. אין עטליכע טעג אַרום האָבן פאַקרעדין אָנגעהויבן פילן פאַר איבערגליקלעך, די קעניגין האָט ווירקליך אָנגעהויבן אַרויסווייזן צו אים אַ ניינונג און סימפּאַטיע. פאַקרעדען'ס הייסע פאַנטאַזיע האָט זיך שוין צוליב דעם צופלאַקערט. ער האָט זיך שוין צייטנווייז געזען אין דער ראָלע פון אַ מעכטיקן הערשער איבער די ביידע פאַרייניקטע לענדער סיריען-אַנסאַרן און — וואָס וואָלט פאַר אים געווען די העכסטע מדרגה פון גליק, פאַר וואָס ער וואָלט אַלץ אוועקגעגעבן — אַז די געטליך שיינע אַסטאַרטע איז זיין פרוי... און מ'קען נישט זאָגן, אַז דער יינגער עמיר, זאָל נישט האָבן אַסטאַרטען געפעלן: ער איז איר ווירקליך געפעלן געווען אָבער דאָס איז נאָך ווייט געווען פון ליבע צו אים... נאָר, וואָס ס'האָט פאַרגיפטעט זיין גליק, וואָס האָט אַ תל געמאַכט פון זיינע זיסע האָפנונגען און חלומות — איז געווען דער אומשטאַנד,

www.libtool.com.cn

וואָס טאַנקרעד איז אויך דער קעניגין געפעלן געוואָרן, דאָס האָט זיך געוואָרפן יעדן אין די אויגן און די שיינע קעניגין האָט גאָר נישט געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאַרבאָרגן איר לעבהאַפטע סימפּאַטיע, וואָס דער ייִנגער לאָרד האָט דערוועקט אין איר. איבערהויפּט האָט זיך ביי פאַקרעדען׳ען צוברעגט דאָס אייפערזוכטס-געפיל אין יענע מאָמענטן ווען טאַנקרעד האָט מיט דער קעניגין געפירט לאַנגע געשפּרעכן און זי האָט אַרויסגעוויזן צום ייִנגן לאָרד אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, האָט זיך מיט אַזאַ חשק צוגעהערט צו זיינע ערקלערונגען. די קעניגין איז געווען ענטציקט פון טאַנקרעד׳ס גרויסער אינטעליגענץ, פון זיין אויסערגעוויינליכער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון זיינע אָרגינעלע וועלט-אָנשויונגען און אויסערגעוויינליכן אידעאַליזם, פון זיינע הויכע כּוונות און שטרעבונגען, דאָס האָט פּאַקרעדען׳ען שטאַרק געקרענקט, מחמת ער האָט גוט געוווּסט, אַז אויב ער קען מיט טאַנקרעד׳ן קאָנקורירן וואָס אַנבאַלאַנגט שיינהייט און אויסערליכן אויסזען, — שטייט דאָך דער ייִנגער לאָרד מיט פיל קעפּ העכער פון אים אין דער הינזיכט פון בילדונג און גייסטיקער אַנטוויקלונג.

כּדי אָבער וואָס לייכטער זיין ערפאָלג צו דערגרייכן, כּדי וואָס מער צוטרוי ביי דער קעניגין און ביי אירע מקורבים צו געווינען, האָט פּאַקרעדען זיך באַמיט אַריינצוגנב׳ענען און קעפּעריניס האַרצן און זיין פריינטשאַפט צו געווינען, דאָס איז פּאַקרעדענען זייער גרינג אָנגעקומען. פּאַקרעדען האָט פאַרבראַכט עטליכע שעה אין טאָג און אויך ביינאַכט אין דער געזעלשאַפט פון דעם דאָזיקן אַסטאַרטעס איינפלוס-רייכן פּרעמיער-מיניסטער און האָט אים מיט זיינע חניפות און זיין זעלטענער אונטערהאַלטונגס-פעיקייט אַזוי באַצויבערט, אַז קעפּעריניס איז געוואָרן זיין בעסטער גוטער פריינט. פאַר פאָלגנדיק האַרטנעקיג זיין ציל, וואָס מער קעפּעריניסין געפעלן צו ווערן, האָט פּאַקרעדען זיך נישט אָבגעשטעלט פאַר קיין שום מיטל, וואָס קען פירן צו דעם דאָזיקן צוועק, ער האָט דעם פּרעמיער-מיניסטער דערציילט פאַרשידענע זאַכן, וואָס

www.libtool.com.cn

זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, אים איינגערעדט, אַז ער, פאַקרעדען, האָט פיל אָנהענגער צווישן די איינפלוס-רייכסטע אייראָפּעאישע דיפּלאָמאַטן, אַז אין אייראָפּאַ האַלט מען אים פאַר אַ דיפּלאָמאַטישן געניוס, פאַר אַן׳אויפגייענדן גרויסן שטערן אויפן פּאָליטישן הימל... צווישן אַנדערע בבא מעשיות האָט פאַקרעדען קעפּעריניס׳ן אויך דערציילט, אַז דער עמיר בעשיר האָט, ווען פאַקרעדען איז נאָך אַ קינד געווען, אים שטרענג אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך באַמיען שטענדיק אין די בעסטע באַציונגען מיט די אַנסאַרן צו זיין און מיט זיי גוט, ווי די בעסטע שכנים, צו לעבן, חוץ דעם, האָט פאַקרעדען געשענקט קעפּעריניס׳ן אַ פּאָר טייערע בריליאַנטן און האָט אים צוגעזאָגט הרים וגבהות אויף ווייטער, ווען ער, פאַקרעדען וועט זיין פּלאַן אָנהויבן צו פאַרווירקליכן. דאָס אַלץ האָט פאַקרעדען געטון נאָר צוליב דעם, אַז דער איינפלוסרייכער פּרעמיער-מיניסטער פון דער שיינער קעניגין זאָל אים פאַר זיין הערשערין פאָרשטעלן פון דער בעסטער זייט, — אַלס יינגן מאַן, אויף וועלכן די וועלט לייגט אַרויף אַזעלכע גרויסע האָפנונגען און וועלכער באַזיצט גענוג פעיקייט פון די דאָזיקע האָפנונגען צו מאַכן אַ ווירקליכקייט. אויפן פינפטן טאָג, וואָס די בײדע יינגע לייט האָבן פאַרבראַכט אַלס געסט ביי דער שיינער יינגער קעניגין אַסטאַרטא, האָט אַ צופאַל געבראַכט, אַז פאַקרעדען איז געבליבן מיט איר אַליין. די קעניגין האָט פאַרפירט מיט׳ן יינגן עמיר אַ געשפּרעך וועגן סיריען און לבנון׳ אין אים געבעטן, ער זאָל איר גענוי באַשרייבן זיין באַרימטן שלאָס, ווו טאַנקרעד איז געווען ביי אים צו גאַסט. און ס׳איז שווער צו באַשרייבן פאַקרעדענ׳ס גליק, וואָס מיט אים האָט אונערוואַרטעט שנעל פּאַסירט, דאָס גרויסע גליק ווען די שיינע קעניגין האָט אויסגעדריקט איר ווונש, דעם דאָזיקן שלאָס צו באַזוכן און אַזוי אַרום דעם יינגן עמיר פון לבנון אָפּצוגעבן אַ וויזיט.

דאָ האָט פאַקרעדען פאַרשטאַנען אַז׳ אַזאַ גרויסן כבוד, אַזאַ זעלטענע אויפמערקזאַמקייט מצד אַסטאַרטן צו אים האָט

www.libtool.com.cn

ער צו דאַנקען איר פּרעמיער קעפּעריניס׳ן, וועלכער האָט, ווי ס׳ווייזט אויס, מיט דער קעניגין שוין געהאַט אַ לאַנגן געשפּרעך וועגן אים און אים פאָרגעשטעלט פאַר אַן׳אידעאַל פון חכמה, פאַר אַ יינגן מאַן, וועלכער גייט מיט ריזן-שריט אַ קעגן אַ גלענצנדער צוקונפט.

— וואָס ס׳האָט מיך באַזונדערס איבערראַשט — האָט די קעניגין פאַקרעדענען געזאָגט, איז — וואָס דאַרקוש, מיין טייערער דינער אין דמשק, האָט מיר מיטגעטיילט, אַז איינער פון די יינגע פירשטן, וואָס האָבן אַזאַ הייסן ווונש זשידנדאַריקס צו באַזוכן, איז אַן׳אָנהענגער פון אונזער רעליגיאָן און האַלט שטאַרק פון אונזערע געטער. וואָס איר האָט שוין די געלעגנהייט געהאַט צו זען אין אונזער הייליקן טעמפּל. פון מיין געשפּרעך אָבער, האָט אַסטאַרטאַ ווייטער באַמערקט, וואָס איך האָב מיט דעם ענגלישן פירשט וועגן דעם געהאַט, זע איך נישט אַרויס, אַז ער זאָל אַן׳אָנהענגער פון אונזער גלויבן זיין.

פאַקרעדען האָט דעם מאָמענט געהאַלטן פאַר גינסטיק ענגלאַנד צו קאָמפּראָמיטירן און דערמיט — אונדירעקט אויך דעם יינגן לאָרד, דער קעניגינ׳ס גאַסט.

— פון ענגלאַנד, — האָט פאַקרעדען באַמערקט איז קיין ראיה נישט צו ברענגען, אויך מיר אַ לאַנד און אויך מיר מענטשן! אַ לאַנד, וואָס איז אונפּרוכטבאַר, ווי די וויסטע, ווו ס׳וווינען כמעט ווילדע מענטשן. דאָס דאָזיקע אינזל-לאַנד באַשטייט בלויז כמעט פון פעלזן און איז אינגאַנצן גרויס, ווי די אינזל מאַלטאַ, און דערצו נאָך נישט אַזוי גוט באַפעסטיקט, ווי מאַלטאַ. אַלץ וואָס ענגלאַנד מוז פאַר זיין אייגענעם געברויך האָבן, מוזן זיי פון אַנדערע לענדער באַציען, געטריידע, למשל, פון רוסלאַנד, ווייַן פון שפּאַניען. מ׳האָט מיר זאָגאַר אין ביירוט דערציילט, אַז דאָס בוימוואָל אַפילו, וואָס ווערט אויף זייערע פאַבריקן אויסגעאַרבעט וואַקסט אויך נישט אין ענגלאַנד גופא, נאָר ווערט אַהין געבראַכט פון אינדיען און עגיפּטן, נאָר-וואָס מענטשן קענען אויסטראַכטן! דאָס גלויב

www.libtool.com.cn

איך שוין נישט, וואָס דאַרף מען מער, האָט פּאַקרעדען ווייסער זיין געדאַנק אַנטוויקלט, זייער רעליגיאָן שטאַמט אויך פון דער פרעמד און לאָרד טאַנקרעד האָט מיר אַליין דערציילט, אַז זייער גלויבן שטאַמט פון סיריען, דערום איז קיין חידוש נישט, וואָס די ענגלענדער האָבן זייער ערציונג פון די קינדער איבערגענומען פון די אַלטע גריכן.

— אָרימע ענגלענדער! האָט זיך די קעניגין אָבגערופן, אויסהערנדיג פּאַקרעדענס שילדערונג פון ענגלאַנד, אַ רחמנות אויף זיי! און ס'קען זיין אַז דעריבער רייזען טאַקע די ענגלענדער אַזוי פיל אַרום איבער דער גאַנצער וועלט: וואָרשיינליך ווילן זיי זיך מער בילדן און צוקוקנדיק ווי אַנדערע פעלקער לעבן, די זיטן און מנהגים פון די דאָזיקע פעלקער איבערצונעמען.

— אָבער דאַרקוש, — האָט פּאַקרעדען באַמערקט, — האָט יעדנפאַלס נישט געהאַט קיין טעות, באַהויפּטנדיק אַז איינער פון אייערע געסט, מאַיעסטעט, געהער צו די אַנסאַרן.

— ווי אַזוי?

— ווייל איינער פון די יינגע פירשטן, וועלכע האָבן אַזאַ שטאַרקן חשק געהאַט, די רעזידענץ פון אייער מאַיעסטעט צו באַזוכן, געהער אין געוויסער הינזיכט צו דעם אַלטן שיינעם גלויבן פון די אַנסאַרן, אָבער דער דאָזיקער יינגער פרינץ איז יעדנפאַלס נישט אייער ענגלישער גאַסט, נישט דער ענגלישער פירשט, וואָס האָט דעם גרויסן כבוד געהאַט פון אייער מאַיעסטעט אַן אוידיענץ צו באַקומען.

— איך פאַרשטיי איך נישט, עמיר פון לבנון, וואָס באַדייטן אייערע ווערטער, רעדט אַביסל קלאָרער.

— אָ, שיינע אַסטאַרטא! — האָט זיך אָבגערופן פּאַקרעדען, — ווי באַלד אַזוי וועל איך דיר באַלד דעם גאַנצן אמת דערציילן, אַלזאָ, זייט וויסן, אייער מאַיעסטעט, אַז מיין מוטער איז אַן אַנסאַרער טאָכטער געווען. פרעגט וועגן דעם קעפּעריניסען: ער ווייסט דערפון און וועט אויך מיינע ווערטער באַשטעטיגן.

www.libtool.com.cn

— אייער מוטער אַנ׳אַנסאַרער! וואָס איך הער! צו זעלכער פאַמיליע האָט זי געהערט? האָט די העכסט ערשטוינטע קעניגין אין דער גרעסטער איבערראַשונג פאַקרעדענען געפרעגט.

— אַך — האָט זיך אָבגערופן פאַקרעדען! דאָס גראַדע איז דער גרויסער יסוד און זאָרג פון מיין לעבן. די געבירט פון מיין מוטער איז איינגעהילט אין אַ געדיכטן נעבל פון געהיימניסן. מיין מוטער איז געשטאָרבן און איך בין נאָך גאָר אַ קליין ברוסט-קינד געווען. אין אַ קורצע צייט אַרום איז אויך מיין פאָטער געשטאָרבן. ווען אַרום און האָט געבושעוועט דער פורכטבאַרער קריג און בלוט האָט זיך ווי וואַסער געגאָסן, אַזוי אַרום איז פאַר מיר ביז היינט געבליבן אַ סוד, ווער די מוטער פון מיין מוטער איז געווען. איינס ווייס איך נאָר זיכער — אַז זי איז אַנ׳אַנסאַרערן געווען. און אָט, וואָס ס׳האָט מיך אַזוי מעכטיג געיאָגט אין אייער לאַנד, אָט וואָס מיך האָט אַהער צו די הויכע בערג געצויגן... די ראַסע פון מיין מוטער און ווונדערשיינער גלויבן זענען די טרוים פון מיין לעבן געווען. כ׳האָב וועגן דעם קיין רגע אַפילו נישט פאַרגעסן און באַשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַקומען אַ מעגליכקייט דאָס אַנסאַרן לאַנד צו באַזוכן, כדי דאָרט, אויפן אָרט, ווו מיין מוטער איז געבוירן געוואָרן, זיך צו דערוויסן, ווער אירע עלטערן זענען געווען און צו וואָס פאַר אַ פאַמיליע זי האָט געהערט.

דער ווערט לעבעדיקערהייט פאַרברענט אָדער מ׳האַקט אַזאַ מענטשן אָב דעם קאָפּ. נאָר נישט קוקנדיק אויף דעם, האָט פאַקרעדען מיט אַ געוויסער כונה צוגעגעבן, געפינען זיך אין ענגלאַנד אַזעלכע מענטשן, וואָס זענען עובר אויף דעם דאָזיקן געזעץ און געפינען אַ מיטל, ווי אַזוי די שרעקליכע שטראָף אויסצומיידן... זיי זענען זיך אַממערסטן נוהג אַזוי. זיי פּ רלאָזן זייער פאָטערלאַנד אויף שטענדיק און האָבן חתונה מיט זייער געליבטער אין אַזאַ לאַנד, ווו דאָס געזעץ פאַרבאָט נישט קיין קריסט חתונה צו האָבן מיט אַ יידישער

www.libtool.com.cn

טאָכטער אָדער פּאַרקערט, אַ קריסטן מיט אַ יידן געוויינליך טאָרן אַזעלכע פּאַרעטער שוין קיין מאָל אין זייער פּאָטערלאַנד זיך נישט צוריקקערן. דער יינגער ענגלענדער, וואָס האָט איצט דעם גרויסן כבוד ביי אייער מאַיעסטעט צו גאַסט צו זיין, ווייסט, ווי ס'ווייזט אויס שוין קיינמאָל אין ענגלאַנד נישט קומען, מחמת ער וויל חתונה האָבן מיט דעם דמשק'ער יידישן פריילין, אין וועלכער ער איז ווי איך האָב שוין געהאַט די ערע אייך צו זאָגן, שטערבליך פאַרליבט.

— וואָס איך הער! — האָט די קעניגין ווידער איר באַוווּנדערונג אויסגעדריקט, — ווערנדיק אַלץ בלאַסער און בלאַסער...

— און דאָס לעכערליכע אין דער דאָזיקער געשיכטע, האָט פאַקרעדען ווייטער דערציילט, — דאָס לעכערליכע איז, צו צוזען, מיט וואָס פאַר אַ געמאַכטע אומשולדיגער מינע דער יינגער ענגלענדער איז אַהער געקומען, כדי נאָך אונזער הילף, זיין פּלאַן דורכצופירן, זיך צו ווענדן, דער דאָזיקער כלומר'שט אומשולדיקער יינגער מאַן איז געקומען צו מיר אין מיין לבנון-שלאָס, נאָכדעם צו אייער מאַיעסטעט, מיר זאָלן מיטהעלפן זיינע מכלומר'שטע גראַדיעזע, פּלענער מכח אַזיען. און כ'וועל דיר שיינע אַסטאַרטא, דעם אמת זאָגן, אַז מיך פאַרדריסט זייער די גאַנצע געשיכטע. באַזונדערס זיין ראָמאַן מיט דעם יידישן מיידל פון דמשק, ווי ערלויבט זיך עס אַ מענטש פון אַ פרעמדן גלויבן, זיך פאַרליבן און פאַרפירן אַ יידיש מיידל און ווי קען מען עס ביי זיך פּועל'ן צוליב אַ יידיש מיידל צו ברענגען אַזעלכע קרבנות, ווי ענטזאַגן זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל אין זיין היימאַט זיך צוריקצוקערן, מיר דאַכט זיך, אַז אַ מענטש מיט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד וואָלט בשום אופן אַזאַ משוגנ'דיקן שריט נישט באַגאַנגען...

— איז ער, — זאָגט איר, אין יענעם מיידל אַזוי שטאַרק פאַרליבט אַז ער האָט בדעה מיט איר חתונה צו האָבן? האָט די קעניגין נאָך אַ מאָל איבערגעפרעגט.

www.libtool.com.cn

– איז דאָס דמשק׳ער מיידל דען אַזאַ זעלטענע שיינהייט ? וואָרשיינליך איז זי זייער אַ שיינע.

– דער ענגלענדער, נאַטירליך, האַלט זי פאַר אַזעלכע, ער מיינט, אַז קיין שענערע און קלוגערע פאַר איר איז אין דער גאַנצער וועלט נישט צו געפונען.

– וואָס איז זי : אַ בלאָנדינע אָדער אַ ברונעטקע ? האָט די קעניגין געפרעגט...

– אין זיינע געדיכטע, וואָס דער ענגלענדער האָט פאַר־פאַסט לכבוד דעם דמשק׳ער יידישן מיידל, פאַרגלייכט זי דער ענגלענדער מיט דער לבנה און די שטערן און ווייל ער דערמאָנט דאָ די נאַכט, ווען די לבנה און שטערן שיינען אויפן הימל, איז דערפון געדרונגען, אַז דאָס מיידל איז אַ ברונעטקע.

– איך האָב פיינט די יידן – האָט די קעניגין באַמערקט, – נאָר מ׳האָט מיר דערציילט, אַז די יידישע פרויען זענען ס׳רוב זייער שיינע, איז דאָס אמת ?

נאָר פאַקרעדען האָט אויף דער לעצטער פראַגע נישט געגעבן קיין קלאָרע תשובה און דערשפירנדיק, אַז אַסטאַרטא איז אַ יידן־פיינדין, האָט ער געפונען פאַר גויטיק צו באַ־מערקן :

– מיר האָבן בדעה אַלע יידן פון סיריען צו פאַר־טרייבן,

– און דאָ האָט זיך פאַקרעדען גענומען אַנטוויקלען פאַר אַסטאַרטן דעם געדאַנק מכח אַ צוקונפטיקער סירישער מלוכה. פאַקרעדען האָט דער קעניגין געגעבן אָנצוהערן, אַז מיט דער הילף פון איר מיליטער קען עס לייכט דערגרייכט ווערן און זי די שיינע אַסטאַרטא, קען מיט דער צייט ווערן אַ הערשערין פון דיביידע פאַרייניקטע לענדער סיריען און אַנסאַרן. פאַק־רעדען האָט וועלנדיק איבערצייגן די קעניגין, אַז דאָס איז אַ זאַך, וואָס קען זייער לייכט מקוים ווערן, האָט אויסגעטראַכט אַ בבא מעשה וועגן דעם לעצטן ווילן וואָס זיין מוטער זאָל כלומר׳שט האָבן אויסגעדריקט. זיין מוטער׳ס לעצטער ווילן

www.libtool.com.cn

זאָל האָבן באַשטאַנען אין דעם, אַז די אַנסאַרן מוזן זיך פאַרייניקן מיט סיריען און אַז אַ אַנסאַרישע פרוי מוז מיט דער צייט ווערן די ערשטע קעניגין פון די דאָזיקע ביידע פאַרייניקטע לענדער.

די קעניגין האָט אָבער ווייניק אויפמערקזאַמקייט געשענקט פאַקרעדענס מעשות און ערקלערונגען... זי האָט אויף קיין רגע אַפילו זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם געפיל, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געדריקט איר האַרץ און פאַרביטערט איר שטימונג נאָכדעם, ווי זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דער ייִנגער ענגלענדער איז אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין דער יידישער טאָכטער פון דמשק...

---

## פינפטעם קאַפּיטל.

טאַנקרעד און פאַקרעדען האָבן אויף עטליכע טעג פאַרלאָזט די געהיימניספולע רעזידענץ פון די אַנסאַרן און האָבן באַרייזט די דערפער און שטעדלעך, וואָס ליגן אין די טאָלן און אויף די בערג-זייטן, כדי זיך צו באַקענען מיט דער באַפעלקערונג און אירע פירער. דאָ איז אונזערע ביידע ייִנגעלייט אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיט בערג-שבטים פון וועלכע זיי האָבן קיינמאָל אַפילו נישט געהערט.

די נייע איינדרוקן, וואָס ביידע ייִנגעלייט האָבן איבערגעלעבט, אַרומבלאָנדזשענדיק איבער די פאַרוואָרפענע וועגן, וואָס פאַרייניקן די דערפער פון אַנסאַרן, זענען געווען אַזעלכע אויסערגעוויינליכע, אַז ס'האָט שוין געלוינט איבערצוטראָגן די שווערע אונבאַקוועמליכקייטן און אונאַנגענעמליכקייטן, מיט וועלכע די רייזע אין אַ פאַרוואָרפענעם אַזיאַטישן ווינקל איז געוויינליך פאַרבונדן. פאַקרעדען האָט כמעט אין גאַנצן פאַרגעסן אין יענעם געפיל, וואָס ער האָט די לעצטע צייט געטראָגן אין האַרצן בנוגע טאַנקרעד'ן, דאָס אייפערזוכט צוליב'ן שרעק, אַז אַסטאַרטע זאָל דעם ייִנגן ענגלענדער אויסקלויבן

www.libtool.com.cn

פון זיי ביידע און אים זיך פאַרליבן. הגם פאַקרעדען האָט געהאַט נייע רעיונות, אַז ער לעבט נישט אין טעות און, אַז די קעניגין איז שוין כמעט אין טאַנקרעד'ן פאַרליבט, האָט איצט דאָס דאָזיקע אייפערזוכטס-געפיל אויפגעהערט צו קוועלן אים. אַלס געבוירענער אַזיאַט האָט פאַקרעדען געגלויבט, אַז דאָס, וואָס איז באַשערט מוז פאַסירן, ממה נפשך האָט זיך דער ייִנגער עמיר ביי זיך געטראַכט מען זאָל מיך הערן און ס'זאָל געגרינדעט ווערן אַ נייע דינאַסטיע פאַקרעדען — אַסטאַרטא, וועט עס דאָך סיי ווי סיי געשען... אויך מיט מיינע באַמיונגען קענען נאָר מיטהעלפן, אַז דאָס זאָל וואָס גיכער און לייכטער געשען, איז אָבער, פאַרקערט, מיר נישט באַשערט צו ווערן אַסטאַרטאס מאַן — איז וואָס פאַר פעולה וועלן האָבן מיינע אינטריגעס און אונערליכע אַרבעט בנוגע טאַנקרעד'ן און מיינע באַמיונגען אים צו קאָמפּראָמעטירן אין אַסטאַרטאס אויגן?...

אַזוי האָט זיך דער ייִנגער עמיר געטראַכט, אַריינפאַלנדיק אין אַ מין חרטה געפיל, וואָס ער האָט זיך ערלויבט אַזוי פיל רכילות אויף טאַנקרעד'ן און אין אַזעלכע געדאַנקען איז פאַקרעדען מיט זיין מכלומר'שטן גוטן פריינט טאַנקרעד צוגעפאָרן צו דעם אייגענעם טויער פון דער קעניגינס רעזידענץ. דאָ האָבן אויף די ביידע ייִנגע לייט שוין געוואַרט צענדליקער דינער און האָבן, גייענדיק פאַר זיי מיט פאַקעלן, זיי דורכגעפירט דורכ'ן פינסטערן ברייטן טונעל.

ווען די ביידע ייִנגע לייט זענען דורכגעגאַנגען דעם טונעל און זענען אַרויס אויפן ברייטן שיינעם הויף פון דער קעניגינ'ס שלאָס, האָבן זיי אַנ'איבערראַשענדעם בילד דערזען: אַ גרופּע אַנטוואָפנטע טערקישע סאָלדאַטן איז געשטאַנען אין מיטן הויף צווישן קעמלען, וואָס זענען אויף די קני געלעגן אויף דער ערד, באַלאָדן מיט פאַרשידענע פעק, און דער זייט פון עטליכע טייערע געזאָטלטע פערד. אַרום דער דאָזיקער גרופּע טערקישע סאָלדאַטן זענען אַרומגעגאַנגען עטליכע אַנסאַרישע באַוואָפנטע וואַך-סאָלדאַטן

www.libtool.com.cn

— וואָס זאָל עס באַדייטן ? וואָס קען עס זיין ? איז אונזערע ביידע ייִנגע לייט איינגעפאַלן אין קאָפּ, און אויף זייערע פראַגעס מכח דעם האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז די אַנסאַרישע וואַך-סאָלדאַטן, וואָס שטייען ביי דער גרעניץ, האָבן גענומען אין געפאַנגגשאַפט דעם האַרעם פון אַלעפּאַרי פּאַשאַ מיט אַ גרופּע באַוואָפנטע טערקישע סאָלדאַטן. וואָס האָט דעם האַרעם, דורכפאָרנדיק ביז די אַנסאַרישע גרעניץ, באַגלייט.

— מיר האָבן — האָט איינער פון זיי אַנסאַרער וואַך-סאָלדאַטן מיט שטאָלץ די פרינצן דערציילט, — דעם גאַנצן האַרעם און זיינע באַוואָפנטע באַגלייטער אין געפאַנגנשאַפט גענומען, בעת ער האָט איבערגעשניטן דעם טאָל, נישט ווייט פון אונזער גרעניץ, און זיי אַלע געבראַכט צו אונזער קעניגין אַלס געפאַנגענע.

— די מלחמה הייבט זיך אָן ! — האָט פאַקרעדען כמעט אויסגעשריען, מיינענדיק דערמיט, אַז טערקיי וועט געוויס אַזאַ זאַך נישט פאַרשווייגן און וועט אַרויסשיקן אַ מיליטערישע עקספּעדיציע אין אַנסאַרן-לאַנד, די אַנסאַרן פאַר זייער חוצפה צו באַשטראָפן און דעם געפאַנגענעם האַרעם צו באַפרייען.

— יאָ, — האָט טאַנקרעד מסכים געווען — ס'האַלט דערביי, אַז ס'זאָל אויסברעכן אַ שטיקל ווייבערישער קריג...

— פאַרוואָס אַ ווייבערישער קריג ? — האָט פאַקרעדען געפרעגט, קוקנדיק טאַנקרעד'ן גלייך אין די אויגן אַריין, כדי צו וויסן, וואָס ער מיינט מיט דעם.

— ווייל די טערקן וועלן אפשר פירן אַ מלחמה מיט דער אַנסאַרער קעניגין צוליב פרויען... פאַרשטייסטו מיך ?

— אַהאַ, האָט זיך אָבגערופן פאַקרעדען און איז אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר נאָך אַ קורצער פּויזע, האָט ער זיך אָבגערופן :

— דאָס איז נאָר אַנ'התחלה און מ'קען ערוואַרטן, אַז אין גיכן וועלן אַרום די דאָזיקע בערג אָנהייבן צו ריידן די ביקסן מיט די האַרמאַטן פון דער טערקישער אַרמעע... ס'וואָלט

www.libtool.com.cn

געזען אַ באַוויז פון אַ באַזונדערער שוואַכהייט און פּחדנות מצד דער טערקישער רעגירונג, ווען זי וואָלט אַזאַ דרייסטן טאָט, וואָס די אַנסאַרישע וואַך האָט זיך ערלויבט, איבּערגע-לאָזט אָן אַ באַפרידיגונג, אַז אַזאַ דרייסטע באַהאַנדלונג געגן אירן אַ הויכגעשטעלטן באַאַמטן זאָל אַריבער גיין גלאַט... ווען פּאַקרעדען מיט טאַנקרעד'ן זענען אַריינגעגאַנגען צו זיך אין צימער אַריין זיך אָפּרוען פונ'ם ווייטן וועג, איז צו זיי אַריינ-געקומען קעפּעריניס זיי צו באַגריסן צו זייער צוריקקער פון זייער רייזע איבער דער פּראָווינץ. דער פּרעמיער-מיניסטער האָט זיך אָבער איצט געהאַלטן נישט אַזוי ווי שטענדיק, ער האָט געגן זיין געוויינהייט, זייער ווייניק גערעדט און יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט געמוזט אַרויסריידן, האָט ער ווי אָבגע-וויגן, און אָבגעמאָסטן — אַזוי פּאָרזיכטיק און צוריקהאַלטנדיק איז ער געווען, און וויפיל אונזערע ביידע יינגע לייט האָבן זיך נישט געסטאַרעט פון קעפּעריניס'ן עפּיס זיך צו דערוויסן מכּח דעם אַלעפּאַרי פּאַשאַ'ס האַרעם, וואָס די אַנסאַרישע וואַך האָט גענומען אין געפאַנגנשאַפט און אַהערצו צוזאַמען מיט זייערע באַגלייטער צוגעשטעלט — איז זיי עס בשום אופן נישט געלונגען. קעפּעריניס האָט קונציק אויסגעמידן צו געבן די יינגע לייט, וועלכן ס'איז ענטפער אויף זייערע פראַגעס, אַזוי, אַז זיי האָבן זיך טאַקע לחלוטין גאָר נישט דערוויסט וועגן דער דאָזיקער געהיימניספולע געשיכטע. ווען זיי האָבן פאַר אָבענט נאָך אַמאָל זיך מיט קעפּעריניס'ן געזען, איז פּאַק-רעדען, וועלכער האָט צו דער דאָזיקער געשיכטע אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערע נייגעריקייט און אויפמערקזאַמקייט, צוגעשטאַנען שטאַרק צו דעם פּרעמיער-מיניסטער און דורך פּאַרשידענע שטיקלעך ווידער אין זיין געשפּרעך מיט אים אויף דער גע-שיכטע מיט'ן האַרעם פונ'ם אַלעפּאַרי פּאַשאַ. און צו פּאַקרעדען האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז אַזאַ זאַך איז שווער צו האַלטן לאַנג פּאַרבאָרגן און אַז די געשיכטע מיט דער געפאַנגנשאַפט פון דעם פּאַשאַ'ס האַרעם וועט נאָך צווינגען מ'זאָל וועגן איר רעדן אויך מיט געווער.

www.libtool.com.cn

— קעפּעריניס ענטפערט! וואָס ס׳וועט נאָך אַרויסקומען דערפון קענען מיר נישט וויסן...

טאַנקרעד׳ן איז העכסט אונאַנגענעם געווען צוזען ווי דער עקשנות׳דיקער פּאַקרעדען באַמיט זיך, אַרויסצוקריגן פון קעפּעריניס׳ן דעם סוד וועגן דעם געפאַנגענעם האָרעם, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס קעפּעריניס האָט אים שוין געגעבן קלאָר אָנצוהערן, אַז ער קען בשום אופן נישט ביז אַ געוויסער צייט דעם דאָזיקן סוד מגלה זיין. מורא האָבנדיק, אַז פּאַקרעדען זאָל מיט זיין ווייטערער עקשנות נישט אַרויסברענגען קעפּעריניס׳ן פון זיך, האָט טאַנקרעד אַ פרעג געטון דעם פּרעמיער-מיניסטער:

— נו, ווי גייט עס דער קעניגין?

— די גענעדיקע קעניגין האָט קעפּעריניס געענטפערט, איז איצט נישט מיט אַלעמען, זי שפּירט זיך אַ ביסל נישט געזונט און איז שטאַרק באַזאָרגט.

— נישט געזונט און באַזאָרגט, זאָגט איהר? האָט פּאַקרעדען זיך אָנגערופן, ווענדנדיק זיך צו קעפּעריניס׳ן.

— יאָ, די קעניגין איז נישט געזונט, הגם זי פילט זיך שוין בעסער ווי זי האָט זיך אין דער פרי געשפּירט, נאָר, וואָס ס׳איז נאָך שלימער פון אַלעס, — זי איז שטאַרק באַזאָרגט און אין אַ שלעכטער שטימונג.

— אפשר — האָט פּאַקרעדען געפרעגט — דאַרף די קעניגין אונזער הילף — זענען מיר צו יעדער צייט גרייט איר צו העלפן מיט געווער און חיל אין אַ גענוגנדער צאָל. גוט גע-שעצטער קעפּעריניס, איבער מיינע ווערטער דער גנעדיקער קעניגין. ווי אויך אונזער ביידנס ווונש, אַז זי זאָל געזונט ווערן.

— מ׳מוז מודה זיין, — האָט קעפּעריניס געזאָגט, — אַז גע-וויסע אָנגעלעגנהייטן וועלן ערלעדיקט ווערן מיט געווער, אָבער דאָס וועט געטון ווערן נישט פריער, ווי ס׳וועלן אויסגעפּרובירט און ערשעפּט ווערן אַלע פרידליכע מיטלען, און נישט אַנדערש — ווען די פרידליכע מיטלען וועלן די געווינשטע פּעולה נישט

www.libtool.com.cn

האָבן. דער ענין, — האָט קעפּעריניס ווייטער אַזוי נעבלהאַפּט
און אונדייטליך גערעדט, – האַלט נאָך נישט אַזוי שלעכט,
מ'זאָל שוין איצט דאַרפן זיך מכין זיין צו שאַרפע אַרויסטרעטן
און צו באַנוצן דעם כח פון געווער... מיר פירן לעת עתה
אונטערהאַנדלונגען און אויך אונזער געגנער וועט נישט אַרויס-
ווייזן קיין עקשנות, וועט איינגיין אויף אונזערע געזעצליכע
און יושר'דיקע פאָדערונגען, אויב ער וועט זיך באַציען צו
אונז מיט דער געהעריקער אַכטונג — דאַן וועט דער אינצידענט
(וואָס'אַראַ אינצידענט אייגנטליך מ'מיינט דאָ האָט נאָך קעפּע-
ריניס אַלץ נישט אַרויסגערעדט...) ערלעדיקט ווערן אויפן
פרידליכן אופן און די שווערדן וועלן בלייבן ליגן רויק אין
זייערע שיידן, ווי ביז-איצט. אויב אָבער, האָט קעפּעריניס
ווייטער מיט רמזים גערעדט וועגן דער געפאַנגענשאַפט פון דעם
אַלעפּאַרי פּאַשאַ'ס האַרעם — אויב מ'וועט מיט אונז נישט וועלן
האַנדלען מיט גוטן וועלן מיר אויף בייזעס מוזן ענטפערן מיט
ביינער און אונזער געווער אָנווענדן געגן שונא...

ווען קעפּעריניס האָט ענדליך דערציילט וועגן דער פּאָ-
ליטישער סיטואַציע, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין אַנסאַרן-
לאַנד צוליב דעם וואָס די סאָלדאַטן האָבן גענומען אין גע-
פאַנגענשאַפט דעם האַרעם פון אַלעפּאַרי פּאַשאַ מיט אַן'אָבטיילונג
פון טערקישע סאָלדאַטן, האָט פּאַקרערען אים אין זיין און
טאַנקרעד'ס נאָמען נאָך אַמאָל געבעטן איבערגעבן דער קעניגין
זייער גרוס, פּאַקרעדען האָט חוץ דעם, פון זיין זייט נאָך אַמאָל
ציגעגעבן, אַז ווען נאָר די קעניגין וועט נויטיק האָבן זיין
הילף, וועט ער קיין רגע אַפילו נישט וואַרטן און איר צו-
שטעלן וויפיל זי וועט נאָר דאַרפן באַוואָפנטע סאָלדאַטן, כדי
איר חוצפה'דיקן שונא גוט אָבצולערנען.

– איך וואָלט – האָט זיך פּאַקרעדען אָבגערופן, אויף דער
קעניגינס אָרט אַזוי געטון: דער האַרעם וואָלט איך בשום אופן
נישט אָבגעלאָזט און אים געהאַלטן אין געפאַנגענשאַפט ביז
ס'זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף געמאַכט ווערן צו יענע
קאָנפליקטן, וואָס קומען פון צייט צו צייט פאָר צווישן דער

www.libtool.com.cn

טערקישער רעגירונג און די אַנסאַרן. מ'מוז דאָך איין מאָל פאַר אַלע מאָל קלאָר און דייטליך פעסטשטעלן, וואָס יעדער צד פאַרלאַנגט, די דאָזיקע פעסטשטעלונג פון די פאָדערונגען וואָס ביידע שטעלן אַרויס, וועט מוזן ברענגען די באַלדיקע ענטשיידונג וואָס יעדער צד קען נאָכגעבן און וואָס נישט, און דער רעזולטאַט פון דעם וועט זיין, אַז מיר וועלן וויסן אויף וואָס פאַר אַ וועלט מיר זענען: צי מיר דאַרפן זיך גרייטן צו אַ מלחמה אָדער קענען ווייטער לעבן אין פרידן און צי מיר דאַרפן מורא האָבן פאַר אונזער שכן, דעם טערק, אָדער נישט. הכלל קלאָרהייט אין דעם ענין איז פאַר אונז נויטיק ווי דאָס לעבן און טאָמיר, האָט פאַקרעדען ווייטער אַנטוויקלט זיין געדאַנק, טאָמיר וועט די טערקישע רעגירונג זיך איינשפּאַרן און נישט וועלן נאָכגעבן די אַלטע און נייע גזעצליכע פאָדערונגען און פּרעטענזיעס פון אייער גנעדיקער קעניגין, — דאַן קען זי רעכענען אויף מיין הילף, מיין מיליטער וועט קעמפן פאַר די אינטערעסן פון די אַנסאַרן, פּונקט ווי פאַר מיינע אייגענע. כ'וועל באַלד, ווען דער קריג זאָל אויסברעכן, מעלדן מיין אָנקעל פראַנציז-על-קאַזין — און יינג-סיריען וועט זיך מיט אַ מאָל אַ ריר טון און וועט זיך שטעלן אויף די פיס... פערציק פלאַם פייערן וועלן אין דער נאַכט אויפלאַקערן אויף די בערג ביי ביירוט און דער אָבערסט ראָזאַ וועט באַלד אַ דאַמפער צו סיר טאַניג אַרויסשיקען, וועלכער וועט אים ברענגען אַ ידיעה וועגן דער רעוואָלוציע, וואָס איז אין לבנון אויסגעבראָכן... גלייכצייטיק וועלן אַרויסגעשיקט ווערן אַנדערע באָטעס אין וועלכע ס' וועט געשילדערט ווערן די לאַגע.

די געדאַנקען וועגן אַנ'אויפשטאַנד אין לבנון האָבן דעם יינגן עמיר אין אַזאַ התלהבות אַריינגעבראַכט, אַז ער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין, פאַרגעסנדיק יעדן עטיקעט, איבער'ן צימער, אַהין און אַהער מיט פעסטע טריט, זשעסטוקולירנדיק דערביי מיט די הענט. פאַקרעדען איז שיעור נישט אַראָב פון זינען ביי דעם געדאַנק. אַז זיין היילִיקסטער רעיון וועט, קען זיין, אין גיכן פאַרווירקליכט ווערן...

www.libtool.com.cn

ווען די זון איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען, האָט מען אונזערע ביידע יינגע לייט מיטגעטיילט, אַז די קעניגין האָט אויסגעדריקט איר ווונש, זיי ביי זיך צו זען, און אַז די ביידע פּרינצן זאָלן אַזוי גוט זיין און זיך מטריח זיין תּיכף צו איר צו קומען, אַסטאַרטא האָט זיך שוין צו יענער צייט באַרויקט און איז געקומען צו זיך נאָך דער ידיעה וועגן טאַנקרעד׳ס ראָמאַן מיט עוואַ׳ן, די שיינע אַסטאַרטא האָט די ביידע יינגע געסט זייער פריינטליך אויפגענומען, זי האָט זיי אויסגעפרעגט, וואָס זיי האָבן אין דער פּראָווינץ געזען און געהערט, ווי זיי איז געפעלן דאָס פאָלק, זיינע זיטן א. א. וו. אויספרעגנדיק זיי פון דעם אַלעם, האָט די קעניגין אירע ביידע געסט מיטגעטיילט, אַז בשעת זייער אָבוועזנהייט איז דאָ ביי איר אויך געשען אַ ווייכטיקע נייעס, אַז נעכטן אָוונט האָבן אירע וואַך-סאָלדאַטן. וואָס שטייען ביי דער גרעניץ, גענומען אין געפאַנגנשאַפט און אַהערגעבראַכט אַ טייל פון האַרעם פונ׳ם אַלעפּאַרי פּאַשאַ, דערביי האָט די קעניגין צוגעגעבן, אַז דערפון קען עפּיס אַרויסקומען.

– כ׳האָב שוין – האָט זיך אָבגערופן פאַקרעדען, וועגן דעם מיט קעפּעריניס׳ן גערעדט און אים איבערגעגעבן, אַז אין פאַל ווען די טערקישע רעגירונג וועט אייער מאַיעסטעט צוליב דעם מאַכן אומשטענדן, ביז איך גרייט מיין גאַנצעס לבנון-מיליטער אַרויסצושיקען אייך צו הילף און דאַן ווען אייער מיליטער וועט זיך פאַראייניקן מיט מיינעם, איז קיין שום יסוד נישט פאַרהאַן מורא צו האָבן פאַר די טערקן; מיר וועלן פון זיי אַ תּל מאַכן. דאָס איז זיכער און קלאָר, ווי דער טאָג.

– אייער הילף, געשעצטער פּרינץ – האָט זיך אָבגערופן די קעניגין – איז אין גאַנצן איבעריק... יעדנפאַלס, בין איך אייך זייער דאַנקבאַר פאַר אייער ערליכע כּונה מיר צו הילף צו קומען, נאָר, ערשטנס האָב איך דעם מינדעסטן חשק נישט צו פירן וואָס׳אַרא ס׳איז און מיט וועמען ס׳איז מלחמה. און צווייטנס, ווען ס׳וואָלט שוין, אין ערגסטן פאַל, געקומען צו

www.libtool.com.cn

אַ קריג, באַזיץ איך אַליין געגוג באַוואָפנט מיליטער, כּדי דעם אָנפאַלער אָנצולערנען און אים האַלטן פֿון אַנסאַרן־לאַנד פֿון דערווייטן.

איבערהויפּט ווילט זיך מיר נישט קיין מלחמות פירן און די געשיכטע מיט דעם פּאַשאַ׳ס האַרעם, וואָס איז צו מיר אין געפאַנגענשאַפט אַריינגעפאַלן, וועל איך זיך סטאַרען וואָס גיכער צו ליקווידירן און וועל עס בשום אופן נישט אויסנוצן אַלס אַ טרומף אין מיין האַנט. נאָר לאָמיר בעסער וועגען עפּיס אַנדערש רעדן.

צווישן מיינע געפאַנגענע געפינט זיך אַ זעלטן שיין מיידל, וועלכע איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. זי איז נישט קיין טערקין, נאָר דאַכט זיך אַן אַרמענערין פֿון אַ גרוי־סער שטאָדט. זי איז זייער באַזאָרגט און האַלט אין איין וויינען פֿון פאַרצווייפלונג און צער אַזוי אַז מיין האַרץ ווערט פֿון רחמנות צו איר פּשוט צוריסן... די סיבה פֿון איר צער און פאַרצווייפלונג איז, ווי איך האָב זיך דערוווסט, נישט אַזוי איר געפאַנגענשאַפט, נאָר דאָס, וואָס בעת דער שיסעריי, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן מיינע און די טער־קישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן דעם האַרעם באַגלייט, איז שטערבליך פאַרוווּנדעט געוואָרן אירער אַ ברודער, אָדער אַ חתן, אָדער אפשר אַ שוועסטער — דאָס איז נאָך נישט קלאָר. כ׳האָב די געפאַנגענע באַזוכט, זי געטרייסט און באַמיענדיק זיך פאַרלייכטערן איר גורל האָב איך איר פאָרגעלייגט מיין פריינדין צו ווערן. אָבער ס׳האָט גאָר נישט געהאָלפן: זי האַלט אין איין וויינען און איר פאַרצווייפלונג האָט גאָר קיין שיעור נישט. און איר וואָלט זען, האָט די קעניגין צונגעגבן, ווי איר פּאַסן די טרערן וואָס פאַר אַ חן זיי גיבן צו אירע וווּנדער־שיינע אויגן. אַך וואָס פאַר אויגן, וואָס פאַר אויגן! האָט די קעניגין געענדיגט אין דער גרעסטער ענט־ציקונג, און התפּעלות.

ציפּרעס, וועלכע איז אַרויס פֿון צימער בעת די ביידע

www.libtool.com.cn

יינגע לייט זענען צו דער קעניגין אַריינגעגאַנגען, האָט זיך צוריק געקערט צו איר הערשערין, ציפּראָס געזיכט האָט אַרויסגעוויזן, אַז זי איז שטאַרק אויפגערעגט און אי־בעררא̈שט, זי האָט דער קעניגין עפּעס שטילערהייט איבער־געגעבן. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן דער שיינער געפאַנגענער, וועגן וועלכער די קעניגין האָט אירע ביידע געסט, נאָר וואָס דערציילט. ליב קריגנדיק די געפאַנגענע און ווילנדיק, ווי ווייט מעגליך, צו פאַרלייכטערן איר גורל, האָט די קעניגין איבערגעלאָזט ביי איר אין צימער די שיינע ציפּראָס, זי זאָל זען ווי ווייט מעגליך צו טרייסטן דאָס יינגע שיינע מיידל. זי בעטן זיך בערויקן און ווירקן אויף איר, אַז זי זאָל צוליב טון דער קעניגין, אָננעמען איר פּריינטשאַפט און קומען צו איר אין די אַפּאַרטאַמענטן אַלס גאַסט. די שיינע געפאַנגענע האָט זיך לאַנג געלאָזט בעטן און ענדליך האָט זי נאָכ־געגעבן ציפּראָס בקשה און האָט אויסגעדריקט איר ווונטש צו באַזוכן די קעניגין אין מיט איר צו פאַרברענגען. נאָר האַלטנדיק די שיינע געפאַנגענע פאַר אַ טערקין, האָט אַסטאַר־טאַ געמיינט, אַז זי וועט נישט וועלן אַריינקומען צו איר אין צימער, בעת דאָרטן וועלן זיך געפונען מאַנספּערזאָנען. אַסטאַרטאַ האָט תיכף געשיקט וועגן דעם אָנפרעגן די געפאַנ־גענע. די לעצטע האָט געענטפערט, אַז ס׳מאַכט נישט אויס, וואָס ביי דער קעניגין געפונען זיך מאַנספּערזאָנען, אַז זי זשענירט זיך נישט דערמיט און איר גלויבן דערלויבט איר זיך צו געפינען אין דער געזעלשאַפט פון פרעמדע מאַנס־פּערזאָנען און אַז אין עטליכע מינוט אַרום וועט זי אַריינ־קומען צו דער קעניגין. וועלענדיק געבן די מעגליכקייט אירע ביידע געסט צו זען די דאָזיקע זעלטענע יינגע פרוי, האָט די קעניגין בכיון פאַרהאַלטן ביי זיך טאַנקרעד׳ן און פאַקרעדענען, ביז די שיינע געפאַנגענע וועט אַריינקומען.

אַסטאַרטאַ האָט געגעבן אַ צייכן טאַנקרעד׳ן, ער זאָל

www.libtool.com.cn

צו איר נענטער צו גיין, בעת קעפּעריניס איז געשטאַנען פון דערווייטן און געפירט אַ ערנסטן געשפּרעך מיט פּאַקרעדענען. קעפּעריניס האָט דאַן איבערגעגעבן דעם יינגן עמיר דעם רעזולטאַט פונ׳ם געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט דער קעניגין וועגן דעם פּלאַן צו פאַרייניקן ביידע לענדער, סיריען מיט׳ן אַנסאַרן-לאַנד. דער דאָזיקער געדאַנק, ווי קעפּעריניס האָט פּאַקרעדענען פאַרזיכערט, האָט אויף דער קעניגין אַ גרויסן איינדרוק געמאַכט און איז איר זייער געפעלן.

— דער פּלאַן אייערער, עדלער עמיר, האָט קעפּעריניס דערביי באַמערקט, איז נישט שווער דורכצופירן און צו פאַרווירקליכן און פאָדערט גאָר נישט קיין באַזונדערע פּאָליטישע פאַרבאַנדן צו גרינדן און קיין באַזונדערע דיפּלאָמאַטישע שטיקלעך. די פאַרייניגונג פון פּאַקרעדענען מיט אַסטאַרטאַן קען פאָרקומען אין דער שטיל, אָן געפילדער נישט דערוועקנדיק ביי קיין מלוכה שום אונצופרידנהייט דערמיט, מיט איין וואָרט האָט קעפּעריניס געענדיקט, ס׳איז נישט נאָר שווער דורכצופירן, און סיריען ווי דעם אַנסאַרן-לאַנד שטייט פאָר אַ גלענצנדע צוקונפט.

— וואָס זענט איר אַזוי פאַרטראַכט? — האָט די קעניגין טאַנקרעד׳ן געפרעגט, — קוקנדיק אויף אייך דאַכט זיך, אַז איר טרוימט וועגן עפּעס. — מ׳זאָגט, אַז אונזער גאַנץ לעבן איז אַ חלום. — האָט טאַנקרעד געענטפערט.

— זייער אָפט, — האָט די קעניגין זיך אָנגערופן — קומט מיר אין קאָפּ אַריין דער געדאַנק, אַך ווי גוט וואָלט עס געווען, ווען דאָס גאַנצע לעבן זאָל אַ טרוים זיין, צום באַדויערן אָבער קומט אונז זינדיקע מענטשן אויס אָפטער אַזעלכע שמערצן איבערצולעבן, וואָס נאָר אין דער ביטערער ווירקליכקייט קען עס געשען...

— אָבער, — האָט טאַנקרעד געפרעגט, — איר זענט דאָן ווייט פון שמערצן און דאגות, מאַיעסטעט? נישט אמת?

די קעניגין איז פון טאַנקרעד׳ס פראַגע אַ ביסל רוי

www.libtool.com.cn

געוואָרן און אים אויף זיין פראַגע קיין קלאָרע תשובה נישט געגעבן. זי האָט אים דערציילט, אַז בעת זיין אָבוועזנהייט, האָט זיך איר געחלומ׳ט אַ חלום, וועלכער באַאונרויקט זי זייער, און מאַכט שווער איר געמיט — טאַקע באמת? — האָט טאַנקרעד די קעניגין געפרעגט, — וואָס זשע האָט זיך אייך געחלומ׳ט, אויב מיר איז ערלויבט צו וויסן?

— מיר האָט זיך געחלומ׳ט — האָט די קעניגין געענטפערט, — אַז די יידן האָבן איינגענומען אונזער רעזידענץ-שטאָדט. איר האָט, עדעלער פרינץ, האָט די קעניגין מיט אַ שמייכעלע צוגעגעבן, אַזוי פיל מיט מיר וועגן די יידן גערעדט, אַז איך זע זיי אַפילו אין שלאָף...

— די יידן, מאַיעסטעט, פאַרדינען, מ׳זאָל אַזוי אָפט פון זיי דענקען, מחמת דאָס ערהאַבנסטע און דאָס גליק פון דער גאַנצער וועלט נעמען זיך פון יענעם אמת, וועלכן זיי האָבן דאָס ערשטע מאָל די וועלט פּראָקלאַמירט, מיט איין וואָרט, אַז די וועלט האָט די יידן זייער פיל צו דאַנקען און מוז פון זיי דענקען מיט די בעסטע געפילן פון אַכטונג און טיפער דאַנקבאַרקייט.

— פונדעסטוועגן, — האָט אַסטאַרטא באַמערקט, — וואָלט מיך זייער פאַרדראָסן, ווען מיין חלום וואָלט מקוים גע-וואָרן...

— הלואי — האָט טאַנקרעד געענטפערט — זאָלן אייערע חלומות זיין אַזוי אַנגענעם ווי אַנגענעם און גליקליך אייער לעבן איז.

— פון וואַנען ווייסט איר, — האָט די קעניגין געפרעגט, אַז מיין לעבן איז פרייליך און גליקליך? אָ, עדעלער פרינץ, האָט די קעניגין לייכט אָבזיפצנדיק באַמערקט, איר האָט אַ טעות, האַלטנדיק מיך פאַר אַ גליקליכע פרוי. איך האָב אויך אַמאָל געמיינט, אַז איך בין גליקליך, נאָר איך אַליין האָב אויך געלעבט אין טעות... מיין „גליק״ וואָלט איך דעם ערגסטן שונא מיינעם נישט געוווּנשן...

www.libtool.com.cn

— כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, — האָט זיך אָבגערופן דער ייִנגער לאָרד — דאָס וואָלט איך קיין מאָל נישט גע-גלויבט, אַז איר זאָלט זיך פֿאַר אומגליקלעך פילן. פֿאַרוואָס ערלויבט מיר אייך צו פרעגן, זענט איר אומגליקלעך?

— פֿאַרשידענע דאגות, פֿאַרשידענע שמערצן, — האָט זיך די קעניגין אַראָבלאָזנדיק די אויגן געענטפֿערט — דאגות, וואָס זענען אפשר אַזוי נישט גרינגלעך און נישט דויער-האַפט ווי דאָס גליק — ביידע קומען זיי און פֿליען אַוועק ווי אַ פֿויגל...

— ווי יענע טויב, וואָס איר האָט קיין דמשק געשיקט, — האָט טאַנקרעד צוגעגעבן.

— פֿאַרוואָס האָב איך זי געשיקט?..

— ווייל איר זענט די בעסטע און די גוט-האַרציקסטע פֿון אַלע פרויען, — האָט טאַנקרעד באַמערקט.

— ניין, עדעלער פּרינץ, נישט דערפֿאַר, וואָס איך בין אַ גוטהערציקע, נאָר דערפֿאַר, וואָס איך בין אַ אונפֿאָרזיכטיקע און אַ לייכטזיניקע.

— ווען די גרויסע טאַטן און פּלענער, וועלכע מיר האָבן שוין אַרומגערעדט, וועלן פֿאַרווירקלעכט ווערן, וועט איר מאַיעסטעט נישט באַדויערן, וואָס איר האָט די טויב קיין דמשק געשיקט און אייער ערלויבניש אויף אונזער באַזוך געגעבן.

— אַך, האָט די קעניגין מיט אַ טרויעריקן טאָן געענט-פֿערט — איך בין נישט געבוירן גרויסע טאַטן אויסצופֿירן, כ׳בין מער נישט ווי אַ פרוי און מוז מיך מיט שיינע טאַטן באַגנוגנען און מיט זיי צופֿרידן זיין...

— טרוימט איר נאָך אַלץ מאַיעסטעט, פֿון דער סירישער נעטין? — האָט טאַנקרעד די קעניגין געפֿרעגט.

— ניין, נישט פֿון דער סירישער געטין האָט אַסטאַרטא געענטפֿערט. זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, איז עס טאַקע אמת אַז די ייִדישע פֿרויען זענען אַזעלכע שיינע אין דער גאַנצער וועלט?

www.libtool.com.cn

— זיי זענען באַקאַנט פאַר זייער שיינע, — האָט טאַנקרעד געענטפערט, — אַזוי, ווייניקסטנס האַלטן אַלע.

— און אייער מיינונג וועגן דעם? — האָט די קעניגין אַ וואָרף טוענדיק אויף טאַנקרעד'ן אַ פאַרשענדן בליק, אים געפרעגט.

— כ'האָב עטליכע יידישע פרויען געקענט, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער זעלטענער שיינקייט, — האָט טאַנקרעד געענטפערט.

— צי זענען זיי, — האָט די קעניגין ווייטער געפרעגט, ענליך צו יענע כטאַטועז, וואָס געפונען זיך אין אונזער טעמפל?

— יידן זענען אַנ'אַנדערע ראַסע, — האָט טאַנקרעד געענטפערט, — אָבער דאָס מוז מען מודה זיין, אַז די גריכן ווי די יידן געהערן צו די העכסטע טיפן פון דער מענטשהייט.

— אָבער איר האַלט פון יידן מער ווי פון גריכן?

— כ'ווייס אַליין נישט, — האָט זיך אָנגערופן טאַנקרעד נאָר איין זאַך ווייס איך, אַז איך שעץ און שטעל זייער הויך די שיינקייט.

— נאָר, אָט קומט באַלד אַריין מיין געפאַנגענע. אָט וועט איר זי באַלד זען. זי איז דאַכט זיך, אַנ'אַרמענערין, אָבער אַזאַ שיינהייט, וואָס איז זעלטן צו טרעפן, ווי קומען אונזערע שיינע פרויען, און איך צו דער דאָזיקער וווּנדערבאַרער שיינהייט, ס'קען זיין, אַז יענע שיינע יידישע טאָכטער, אין וועלכער איר זענט, ווי מ'האָט מיר דערציילט שטאַרק פאַרליבט איז אויך נישט אַזוי שיין און גראַציעז ווי מיין געפאַנגענע...

טאַנקרעד האָט מיט דער גרעסטער ערשטוינונג אַ קוק געטון אויף די קעניגין! פון וואַנען ווייסט זי וועגן עוואַ'ן, וועגן וועלכע זי האָט נאָר וואָס אים געגעבן אָנצוהערן! ווער האָט עס איר וועגן דעם געקענט דערציילן? אָבער אין דער רגע האָט זיך געעפנט די טיר און אַ צימער איז אַריין ציפראָס מיט דער געפאַנגענער. די קעניגין האָט גע-

www.libtool.com.cn

נעבעטן די געפאַנגענע זיך זעצן, ווען די געפאַנגענע האָט
זיך אַנידערגעזעצט, האָט זי אַראָפּגענומען פון איר געזיכט
דעם געדיכטן שלייער, און ווי גרויס איז געווען טאַנקרעדס
און פּאַקרעדענס איבערראַשונג, ווען זיי האָבן דערזען
עוואַס געטליך-שיינע געזיכט...

## זעקסטעס קאַפּיטל.

אין די בערג און פעלזען, וואָס ריגלען אַרום די
רעזידענץ פון אַנסאַרען-לאַנד, האָבן זיך געפונען די רעגי-
רונגס-געביידעס, די שאַך-קאַמער, געפענגניס און אַנדערע.
די אַלע בנינים זענען דורך קאָרידאָרן און אונטערערדישע
גאַלעריען פאַרייניקט געווען מיטן קעניגליכן פּאַלאַץ. אין
איינעם פון די געצעלטן, אין אַ הויכן פעלז, איז געווען דאָס
געפענגניש. און אויף אַן׳אַלטע האַרטע קאַנאַפּע איז דאָרט
געלעגן, נישט רירנדיק זיך, בעסאָס שיינע טאָכטער עוואַ,
וועלכע איז איר גאַנץ לעבן געוויינט געווען צו אונבאַגרע-
ניצטער פרייהייט, צום גרעסטן לוקסוס און איצט איז זי אין
אַ העכסט טרויערדיגער און פאַרצווייפלטער לאַגע פון אַ גע-
פאַנגענע.

ווי קומט די שיינע עוואַ צו דער קעניגין אַכטאַרטאַ
אין געפאַנגענשאַפט? די געשיכטע דערפון איז אַזוי געווען:
מיט צוויי וואָכן פריער האָט עוואַ אין באַגלייטונג פון איר
פאָטער און עטליכע דינער געמאַכט אַ רייזע פון דמשק קיין
חַלעפּאַ. אין מיטן וועג, נישט ווייט פון דער שטאָדט האָמס האָט
זיך מיט עוואַס קאַראַוואַן פאַרייניגט אַן׳אָפּטיילונג טערקישע
סאָלדאַטן, וועלכע דער פּאַשאַ פון אַלעפּאָ, אַ פריינד פון
עוואַס חתן, הלל, האָט אַרויסגעשיקט, כדי זיי זאָלן באַגליי-
טען און אָבהיטן פון יעדער געפאַר זיין כלה און דעם מחותן,
אויף זייער נסיעה קיין אַלעפּאָ. ווייל יענער וועג, וואָס
עוואַס קאַראַוואַן האָט געדאַרפט דורכגיין, איז צו יענער צייט,

www.libtool.com.cn

צוליב די מחלוקות פון די טערקן מיט אַ אַנסאַרן שבט, נישט געווען זיכער און ס׳פלעגן דאָרט אָפט פאָרקומען אָנפאַלן אויף רייזנדער. נאָר גישט קוקנדיק אויף די אַלע פאָרזיכטס-מיטלען, האָט מיט צוואַן און איר פאָטער אויף דער דאָזיקער רייזע געטראָפן אַנ׳אומגליק, אויף אַ מרחק פון אַ האַלבן טאָג רייזע פון אַלעפּאָ זענען אויף זיי פון אַ פאַרבאָרגענעם אָרט אָנגעפאַלן באַוואָפנטע סאָלדאַטן פון דעם דערמאָ:טן אַנסאַרן-שבט. צווישן די טערקישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן דעם קאַראַוואַן באַגלייט און די אַנסאַרן איז אויסגעבראָכן אַ שיסעריי, בעת וועלכער אַדאַם בעסאָ איז ערנסט פאַרוווּנדעט געוואָרן, צוואַ און אירע דינער האָבן די אַנסאַרן-סאָלדאַטן גענומען אין געפאַנגענשאַפט און זיי געבראַכט צו דער קעניגין אַסטאַרטאַ אין איר רעזידענץ, האַלטנדיק אַז די געפאַנגענע פרויען זענען פון דעם אַלעפּאַרי פּאַשאַס האַרעם. און מ׳קען זיך פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַ האַרץ צוואַ איז אַהערגעקומען, זעענדיק, ווי איר הייס-געליבטער פאָטער איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, בעת ער האָט זיך אַזוי מוטיג געשטעלט אַנטקעגן די אָנפאַ״ער, כדי זיין טאָכטער צו ראַטעווען פון זייערע הענט. איר פאַרצווייפלונג איז געווען אָן אַ שיעור...

ווען צוואַ איז גקומען צו זיך און זיך אַביסל בארויקט, האָט מען איר דערציילט, אַז דאָ, אין דעם אָרט, ווו זי געפונט זיך אין געפאַנגענשאַפט, פאַרברענגען איצט אַלס געסט פון דער קעניגין, טאַנקרעד און פאַקרעדען. פאַר צוואַן איז די ידיעה וועגן דעם געווען אַ העכסט אַנגענעמע איבעראַשונג. און אין איר האַרץ האָט אַ בליץ געטון אַ האָפנונג, אַז די ביידע יינגע-לייט, וואָס דאָס שיקזאַל האָט געבראַכט אַהער פונקט, ווען זי איז דאָ אַריינגעפאַלן אַלס געפאַנגענע וועלן זיין אירע רעטער און זי וועט דורך זיי נצול ווערן פון אַנ׳אומגליק. דערוויסנדיק זיך, אַז די ביידע יינגע-לייט, אירע בעסטע גוטע פריינט, זענען איצט צו גאַסט ביי אַסטאַרטאַן, האָט צוואַ ווייטער זיך שוין נישט איינגעשפאַרט

www.libtool.com.cn

און באַלד איינגעוויליגט אויף דער קעניגינס פאַרלאַנג און פאָרשלאַג, אַז די געפאַנגענע זאָל אין די קעניגליכע אַפּאַר־טאַמענטן־באַהאַנדלט ווערן, ווי די קעניגינס אַ פריינדין. עווא האָט געבעטן מורא האָבנדיק אַז די יינגע־לייט זאָלן נישט אָוועקפאָרן פון דאַנען איידער זי וועט זיך מיט זיי זעען, אַז מ׳זאָל איר ערלויבן תיכף אַריינצוגיין צו דער קעניגין, און אָט צוליב וואָס ציפּראָס איז געהאַט אַריינגעקומען צו דער קעניגין, בעת זי האָט זיך אונטערהאַלטן מיט אירע ביידע יינגע געסט, און זייענדיק אויפגערעגט, ביי איר הערשערין געפרעגט, צי זי וויל זי אויפנעמען.

ווען די געפאַנגענע האָט זיצנדיק שוין ביי דער קעניגין, אַראָבגענומען פון איר געזיכט דעם שלייער, און די ביידע יינגע־לייט האָבן, צו זייער גרויסער איבעראַשונג דערקענט עוואַ׳ן, האָבן זיי זי הייס באַגריסט און אָנגעהויבן מיט איר צו רעדן, ווי מיט אַן׳אַלטער גוטער פריינדין, די קעניגין האָט זיך אָנגעשטויסן, ווער דאָס דאָזיקע זעלטן שיינע מיידל איז. און דאָס איז געווען גענוג, אַז איר רחמנות צו דער שיינער געפאַנגענער, אַז איר סימפּאַטיע און פריינטליכקייט, וואָס זי האָט נאָך פריער מיט עטליכע שעה געהאַט צום דאָזיקן שיינעם מיידל, זאָלן אין אַ רגע פאַרשווונדן ווערן און זיך פאַרוואַנדלן אין די ערגסטע שנאה.

— אַזוי! האָט זיך די שיינע אַסטאַרטא ברענענדיק פון צאָרן און אייפערזוכט געטראַכט: אָט דאָס איז זי, די יידן פון דמשק, וואָס האָט דעם עדעלן פּרינץ פון ענגלאַנד אַזוי דעם קאָפּ פאַרדרייט, אָט דאָס איז זי, האָט אַסטאַרטא זיך געטראַכט, וואָס שטערט מיין גליק. נו, זי וועט שוין פון דאַנען קיין לעבעדיקע נישט אַרויסגיין.

די קעניגין וואָס איז שוין געווען פאַרליבט אין טאַנקרעדן „ביז די אויערן", האָט צוגערופן צו זיך פּאַקרעדענען און אין זייער אַנ׳אויפגערעגטן צושטאַנד מיט אים געהאַט אַ קורצן געשפּרעך, נאָכדעם האָט זי עפּיס טאַנקרעד׳ן געפרעגט, און אַז ער האָט אויף אירע עטליכע פראַגן געענטפערט האָט זי

www.libtool.com.cn

זיך אָנגעצונדן ווי פייער פון כּעס און אייפערזוכט, הגם זי האָט זיך שטאַרק באַמיט צו באַהאַלטן, וואָס ביי איר אויפ'ן האַרצן טוט זיך. נאָך דעם איז אַסטאַרטא, אויפגערעגט אין העכסטן גראַד, אַרויס מיט אירע דינערינס פון צימער, נישט געזעגנדיק זיך אַפילו מיט אירע ביידע געסט — אַזוי גרויס און שטאַרק איז געווען די איבעררטאַשונג אירע און דאָס געפיל, וואָס די דאָזיקע איבעררטאַשונג האָט אַרויסגערופן.

אין עטליכע מינוט אַרום האָבן די הויף-דינער באַקומען אַ באַפעל, אַוועקצופירן עוואַ'ן אין אַ ווייטן קאַזעמאַט, דאָרט זי פאַרשפאַרן און זי באַהאַנדלען שטרענג און אכזריות'דיק ווי אַ געפערליכער פערזאָן. אָט אין וואָס ס'איז פלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אַסטאַרטאס פריינטשאַפט צו דער שיינער געפאַנגענער פון דמשק! עוואַ איז געווען פאַרשפאַרט, אונטער דער שטרענגסטער וואַך, אין קאַלטן און נאַסן קאַזעמאַט אויף אַ האַרטער קאַנאַפּע אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג... זי האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, טראַכטנדיק וועגן דעם רעטעניש, וואָס דאָ האָט מיט איר פאַסירט. וואָס זאָל באַדייטן די ענדערונג, וואָס איז אַזוי פלוצלינג איינגעטרעטן אין די באַציונגען פון דער קעניגין צו איר? ערשט מיט אַ טאָג פאַר דעם האָט די קעניגין מיט אַזאַ סימפּאַטיע, כּמעט מיט אַ שוועסטער-ליבע זיך באַצויגן צו איר, האָט איר אויסגעדריקט איר אויפריכטיקעס מיטליידסגעפיל און צוגעזאָגט אַ הייסן אַנטייל אין איר גורל צו נעמען אין זען ווי ווייט מעגליך אים צו פאַרלייכטערן. די נייגונג און סימפּאַטיע פון דער קעניגין צו איר געפאַנגענער איז ווירקליך אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז אַסטאַרטאַ האָט פאָרגעלייגט עוואַ'ן איר פריינטשאַפט, זי זאָל שטענדיק זיך געפונען אין איר געזעלשאַפט און זיך האַלטן נישט ווי קיין געפאַנגענע, נאָר ווי דער קעניגינס אַ חבר'טע — און דאָס האָט די קעניגין געמיינט מיט'ן גאַנצן האַרצן, אין דעם קאָן קיין מינדסטער ספק נישט זיין. וואָס זשע, האָט עוואַ ביי זיך געטראַכט, האָט אַזוינס פאַסירט, וואָס די קעניגין איז פון אַ גוטע פריינדין פלוצלינג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מיין ערגסטן שונא וואָס

www.libtool.com.cn

איז גרייט אין מיין בלוט זיך צו באָדן ? וואָס האָט דאָ אַזוינס געקאָנט פּאַסירן ?...

אַז די סיבה דערפון איז געווען אייפערזוכט צו טאַנקרעד׳ן — איז עוואַ׳ן אַפילו אין קאָפּ נישט איינגעפאַלן. צו דער געפאַנגענער האָט מען צוגעשטעלט ציפּראָס, וועלכע האָט געמוזט אַכטונג געבן אויף איר און זי באַהאַנדלען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט, און ווי עוואַ האָט זיך נישט געסטאַרעט זיך צו דערוויסן ביי ציפּראָס׳ן די סיבה, וואָס די קעניגין האָט פּלוצלינג זיך געענדערט צו איר איז עס איר בשום אופן נישט געלונגען : די שיינע ציפּראָס, פאָלגנדיק דעם שטרענגן באַפעל פון דער קעניגין, איז געווען שטום, ווי די וואַנד, און קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט, וואָס אַנבאַלאַנגט די סיבה פון דער קעניגינס צאָרן בנוגע דער געפאַנגענער. עוואַ האָט געפּרובט וועגן דעם זיך דערוויסן ביי די דינסט־מיידלעך וואָס פלעגן איר דערלאַנגען עסן, נאָר אויך ביי זיי האָט זי גאָר נישט געקאָנט ערפאַרן — זיי האָבן אויך ווי ס׳ווייזט אויס, באַקומען אַ שטרענגן באַפעל, מיט דער געפאַנגענער זיך נישט אַריינלאָזן אין געשפּרעכן און איר ענטפערן נאָר אויף די פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות נור צו עסן טרינקען און שלאָפן.

אין אַזאַ שווערער און ביטערע לאַגע, האָט זיך געפונען די שיינע עוואַ, די בת יחידה פון דעם גרויסן סירישן עושר און איינפלוס־רייכן באַנקיר אַדאַם בעסאָ. דאָס ערגסטע איז פאַר עוואַ׳ן געווען, דאָס אומבאַשטימטע, וואָס איר שטייט נאָך דאָ פאָר : אפשר וועט אַרויס פון דער קעניגין אַ באַפעל איר דעם קאָפּ אָפּצוהאַקן, אָדער זי צו קוועלן און מאַטערן, ווער ווייסט ? איינס איז פאַר עוואַ׳ן געוועזן קלאָר, אַז די קעניגין וועט זי שוין נישט שאַנעווען און מיט איר זיך אָברעכנען אויף אַנ׳אכזריותדיקן אופן. פאַרטיפט אין די טרויריקסטע געדאַנקען וועגן איר שרעקליכער לאַגע, האָט עוואַ פּלוצלינג דערהערט אַ לייכטן קלאַפּ אין טיר פון איר געצעלט. לכתחלה איז עוואַ׳ן איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דאָס איז מען געקומען

www.libtool.com.cn

זי פאַרנעמען, ערגעץ אַוועקפירן... מ'האָט אין טיר נאָך אַ לייכטן קלאַפּ געטון און באַלד האָט עוואַ דערקענט פאַקרעדענס קול. זי האָט געעפנט די טיר — און אויפ'ן שוועל האָט זיך ווירקליך באַוויזן דער ייִנגער עמיר.

— עוואַ! — האָט פאַקרעדען ציטערנדיק אַרויסגערעדט — וואָס איז דאָ געשען? ווי פילסטו זיך דאָ?

— איך ווייס נישט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען — האָט עוואַ געענטפערט, באַמיענדיק זיך נישט צו פאַרלירן קיין מוט און רעדן רויִק מיט פאַקרעדענען.

פאַקרעדענס געזיכט האָט אַרויסגעוויזן אַז ער איז שטאַרק אויפגערעגט צוליב דעם, וואָס דאָ האָט מיט עוואַ'ן פאַסירט, וואָס די קעניגין זוכט זיך אין איר נוקם צו זיין.

דו מוזט תיכּף — האָט פאַקרעדען געזאָגט צו עוואַ'ן, — מיט מיר פון דאַנען אַוועקגיין, דו מוזט באַלד, קיין מינוט נישט פאַרלירנדיק, אַנטלויפן, דו הערסט? אָבער קיין רגע ווייטער נישט פאַרבלייבן, אַלזאָ, שנעלער עוואַ, טו זיך אָן און קום, ווען נישט ביזטו אַ פאַרפאַלענע.

— אָבער אום גאָטעס ווילן! — האָט זיך אָבגערופן עוואַ — וווהין וועל איך מיט דיר גיין און פאַרוואָס מוז איך פון דאַנען אַנטלויפן? מ'האָט דאָך מיך אין געפאַנגנשאַפט גענומען בלויז צוליב אַ רויבערישן צוועק, כּדי אַ גוטן אויסלייז-געלד פאַר מיר צו באַקומען; קיין אַנדערער צוועק דערצו איז נישט געוען. וואָס זשע אייגנטליך האָט איר מורא צו האָבן? די רויבער וועלן באַקומען זייער אויסלייז-געלד און מ'וועט מיך אָבלאָזן.

— אָבער עוואַ, ווי גאָט איז דיר ליב; פרעג נישט קיין קשיות און פאָלג מיין עצה. אַנטלויף, אַנטלויף תּיכּף, ווען נישט וועט פון דיר קיין זכר נישט בלייבן.

— אָבער אום גאָטעס ווילן, פאַקרעדען, — האָט זיך עוואַ איינגעשפּאַרט און זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט, אָבער דו מוזט מיר זאָגן, וואָס דאָ איז געשען. ערשט נעכטן איז די קעניגין געווען צו מיר אַזוי גוט אַזוי ליבנס-ווירדיג און

www.libtool.com.cn

פריינדליך און פלוצלינג אזאַ ענדערונג! איז דען מיין לעבן אין סכנה, וואָס איך מוז אַנטלויפן?

— יאָ.

— פאַרוואָס אָבער, פאַקרעדען, וואָס איז דאָ אַזוינס פאָר־געקומען?

נאָר אַנשטאָט איר צו ענטפערן, האָט פאַקרעדען אַ געשריי געטון, בעטנדיק עוואַן אַז זי זאָל קיין רגע מער נישט פאַר־בלייבן און תיכף מיט אים אַנטלויפן.

— איך באַשווער דיך מיט גאָט דעם אַלמעכטיקן, דו זאָלסט תיכף מיט מיר נאָכגיין.

— מיין לעבן איז מיר שוין סיי ווי סיי נמאס, האָט עוואַ געענטפערט, לאָז שוין זיין ווי עס איז, איך וועל זיך נישט רירען פון אָרט, איידער דו וועסט מיר נישט דערציילן, וואָס דאָ האָט פאַסירט און וואָס מאַכט אַזוי נויטיק מיין אַנט־לויפן פון דאַנען.

זעענדיק, אַז ער וועט ביי עוואַן נישט פועלן זי זאָל אים פאָלגן איידער ער וועט איר נישט דערציילן דעם אמת, האָט פאַקרעדען געמוזט עוואַן דערציילן די גאַנצע מעשה וועגן דער קעניגינס אייפערזוכט.

— שטעל דיר פאָר, — האָט פאַקרעדען געזאָגט, — אַז די קעניגין האָט זיך פאַרליבט אין טאַנקרעד׳ן און זייענדיק זיכער, אַז ער איז אין דיר פאַרליבט ברענט זי פון אייפער־זוכט צו דיר!...

— אָבער, ווי האָט זי זיך געקאָנט דערוויסן, אַז טאַנקרעד איז אונזערער אַ גוטער פריינט? איך האָב מיט דער קעניגין אפשר אַ פערטל שעה, נישט מער גערעדט און וועגן טאַנקרעד׳ן האָב איך קיין וואָרט אפילו נישט געזאָגט, ווי זשע איז דער קעניגין איינגעפאַלן אין קאָפּ אַז טאַנקרעד איז אין מיר פאַר־ליבט? ניין, פאַקרעדען, זאָג וואָס דו ווילסט, און מיר גלויבט זיך נישט, אַז דאָס זאָל די אמת׳ע אורזאַכע זיין, וואָס איך מוז פון דאַנען אַנטלויפן.

— אָ, — וואָס טוט מען מיט איר? איז פאַקרעדען געווען

www.libtool.com.cn

אין פֿאַרצווייפֿלונג, זעענדיק עוואַס עקשנות, דו פֿרעגסט שוין וואַנען ווייסט די קעניגין, אַז טאַנקרעד האָט ביי אייך אין הויז פֿאַרקערט? שטעל זשע דיר פֿאָר אַז עמיצער האָט איר וועגן דעם איבערגעגעבן און דערציילט, אַז איר ביידע, דו און טאַנקרעד זענען איינע אין דער אַנדערער פֿאַרליבט...

– ווען זשע האָט מען עס איר דערציילט?

– שוין לאַנג, – האָט פֿאַקרעדען געענטפֿערט. מ'האָט איר דערציילט, אַז דער ענגלישער יינגער לאָרד איז שוין זאָגאַר אַ חתן געוואָרן פֿאַר בעסאָס טאָכטער.

פֿאַקרעדען, לייקן נישט פֿון מיר און זאָג מיר דעם גאַנצן אמת: נישט דו האָסט דער קעניגין דערציילט, ווי טאַנקרעד איז אין מיר פֿאַרליבט און איך אין אים? דו ביזט צלזאָ שולדיק אין מיין אונגליק? וואָס פֿאַר אַ כּוונה דו האָסט דערביי געהאַט ווייס איך נישט. איינס אָבער ווייס איך זיכער, אַז די שאנעוועסט נישט קיין פֿריינט און קיין פֿיינט דאַמאָלט, ווען ס'האַנדלט זיך נאָר וועגן דיינע אייגענע אינטערעסן און צילן. איך בעט דיך, גיי אַוועק פֿון דאַנען און לאָז מיך דאָ ווידער אַליין. איך בין גרייט איבערצוטראָגן דער קעניגינס צאָרן און זיך איבערגעבן מוטיג און אָן ווידערשטאַנד מיין ביטערן גורל.

געפֿונענדיק זיך אין אַ פֿאַרצווייפֿלטער לאַגע, האָט פֿאַקרעדען עוואַן דעם גאַנצן אמת דערציילט.

– מיין ליבסטע עוואַ, כ'וועל דיר מער קיין ליגן נישט זאָגן און דיר דעם גאַנצן ריינעם אמת דערציילן. כ'בין אַ שלעכטער, פֿאַרדאָרבענער מענטש און אַ נאַר נאָך דערצו... טאַקע איך אַליין בין שולדיק אין דיין אומגליק, טייערע עוואַ, און דו קענסט זיך נישט פֿאָרשטעלן ווי שטאַרק איך האָב חרטה פֿון דעם און ווי איך פֿיל זיך אומגליקלעך צוליב דעם... און טאָמער ווילסטו וויסן, ווער איז דער אמתער שולדיק אין דיין אומגליק? ער, דער משוגענער ענגלענדער – ער האָט עס מיר אַזוי שטאַרק איינגערעדט און געפֿועלט ביי מיר איך זאָל מאַכן מיט אים די רייזע צו דער שיינער אַסטאַרטאַ אין די רעזידענץ פֿון אַנסאַרן לאַנד, כּדי מיט איר איבערצוריידן

www.libtool.com.cn

וועגן דעם פּלאַן. וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט מכּח פאַרייניקן סיריען מיטן אַנסאַרן לאַנד, מיט פּיל צרות איז אונז ביידע געלונגען צו קריגן אַן ערלויבניש אַהערצו צו קומען, איך האָב מיט דער שיינער אַסטאַרטאַ געגוי איבערגערעדט וועגן מיין פּלאַן, ער איז איר זייער געפעלן געוואָרן. מיט דער צייט וואָלט זייער מעגליך געווען צו בילדן אַ נייע דינאַסטיע פּאַק-רעדען – אַסטאַרטאַ – איך וואָלט מיט דער שיינער אַסטאַרטאַ חתונה געהאַט און וואָלט מיט דער צייט געזעסן אויפן טראָן פון די פאַרייניקטע לענדער... דאַרף זיך אָבער טרעפן, אַז די קעניגין פאַרליבט זיך שטאַרק אין טאַנקרעדן, אַזוי, אַז ס׳קאָן שוין קיין רייד נישט זיין, זי זאָל מיט מיר חתונה האָבן... מיין פּלאַן איז, אַזוי אַרום צו גאָרנישט געוואָרן... זעלבסט-פאַרשטענדליך האָט די מעשה מיר שטאַרק פאַרדראָסן... זוכענדיק אָן אים זיך נוקם צו זיין, האָב איך אויף דעם פּרענק אָנגערעדט פאַר אַסטאַרטאַן פיל רכילות, ווי ווייט מעגליך אים צו קאָמפּראָמעטירן אין אַסטאַרטאַס אויגן. כ׳האָב דער קעניגין אויך דערציילט, אַז ער איז פאַרליבט שטערבליך אין אַ אַנדערע ייִנגע און בילד שיינע פרוי. און ווי אַזוי מיר איז איינגעפאַלן דיין נאָמען דאַמאָלט אָנצורופן – ווייס איך אַליין נישט...

הכּלל עוואַ, איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, אַז דיין לעבן איז אין געפאַר און דו מוזט תּיכּף פון דאַנען אַנטלויפן.

– מיין לאַגע, — האָט עוואַ געזאָגט, — איז אַ טרויעריקע און אַ שרעקליכע, נאָר כ׳זאָרג זיך נישט וועגן זיך אַליין. איך טראַכט איצט נאָר וועגן מיין ליבן פאָטער, וואָס איז בעת׳ן אָנפאַל אויף אונז פאַרווונדעט געוואָרן און ווער ווייסט, וואָס ער מאַכט איצט.

– יאָ, ליבע עוואַ, וואָס קאָן מען טון... אָבער הער, וואָס איך פאַרלאַנג פון דיר. וועגן מיין אייגענעם דורכפאַל וויל איך איצט לחלוטין נישט טראַכטן... איצט בין איך מחויב נאָר וועגן דיר צו טראַכטן און זען, וואָס שנעלער דיך צו ראַטעווען... אַלזאָ איך בעט דיך, זיי מיר מוחל מיין נישט ווילנדיקן

www.libtool.com.cn

חטא געגן דיר, איך בעט דיך טויזנט מאָל מיר מוחל צו זיין...
די פראַגע איז נאָר איצט ווי אַנטלויפט מען פון דאַנען, ווי ראַטעוועט מען דיך ?

– צי מיינסטו טאַקי, פאַקרעדען, באמת, אַז מיין לעבן איז אין אַ סכנה ?

– יאָ, — האָט פאַקרעדען געענטפערט.

– אָבער דו קאָנסט נישט, פאַקרעדען, די מאַכט פון אמת. לאָז מיר די גאַנצע אָנגעלעגנהייט מיט דער קעניגין איבערצוריידן און דו וועסט זען, ווי דאָס וועט מיר העלפן און מיר וועלן נישט דאַרפן אַנטלויפן פון דאַנען: די קעניגין וועט מיך אַליין באַפרייען פון מיין געפאַנגענשאַפט און מיר דערלויבן פון דאַנען אַהיים זיך צוריקצוקערן.

– אונמעגליך! – האָט פאַקרעדען געענטפערט אין דער גרעסטער אויפרעגונג און פאַרצווייפלונג.

– פאַרוואָס איז דען דאָס אונמעגליך? – האָט עווא געפרעגט.

– ווייל די קעניגין איז איצט פון כעס און צאָרן נישט ביים פולן זינען... קעפעריניס, איר פרעמיער-מיניסטער וועלכער איז מיר אַזוי איבערגעגעבן און האָט אויף דער קעניגין אַ גרויסן איינפלוס האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אַסטאַרטאַ ברענט איצט פון צאָרן, אַזוי אַז אַפילו ער, איר מעכטיקער מיניסטער, האָט איצט מורא צו איר נאָענט צוצוגיין, דו פאַרשטייסט? הכלל, דו טאָרסט בשום אופן נישט צו דער קעניגין גיין און פאַר איר זיך פאָרשטעלן, דאָס קאָן נאָך די לאַגע פאַרערגערן, מחמת — כ'וועל דיר שוין דעם גאַנצן אמת דערציילן, – אַסטאַרטאַ מיינט אַז דו לעבסט שוין נישט...

– וואָס רעדסטו? די קעניגין האַלט אַז איך בין שוין טויט?

– יאָ.

– און ווו איז דיין פריינט און באַגלייטער? – האָט עווא געפרעגט: ווייסט ער עפעס פון דער דאָזיקער שרעקליכער געשיכטע?

www.libtool.com.cn

– קיינער ווייסט דערפון נאָרנישט, קיין לעבעדיקער
מענטש, אַ חוץ מיר. די קעניגין האָט מיך נעכטן אַרויסגערופן
אויף אַ געשפּרעך וועגן דעם ענין, איך האָב זיך באַמיט אויף
איר ווירקן, זי זאָל אויפהערן אויף דיר אין כּעס צו זיין און
איר איינצורעדן, אַז נישט דו ביזט דאָס מיידל, אין וועלכן
טאַנקרעד איז שטאַרק פאַרליבט, ס'איז אָבער לחלוטין אונ-
מעגליך געווען די קעניגין איבערצורייידן, און זי איז געבלי-
בן ביי איר מיינונג און, וואָס ס'איז נאָך ערגער פון אַלץ ביי
איר שרעקליכן באַשלוס וועגן דיר – דיך פון דער וועלט אומ-
צוברענגען. הכּלל, ליבע עוואַ ס'איז שוין נישט פאַראַן קיין
שום עצה, ווי אַזוי אויף די קעניגין צו ווירקן, זי זאָל זיך
אויף דיר מרחם זיין, דיין גורל איז שוין ביי איר אונטער-
געשריבן און פאַרחתמ'עט... שטעל דיר פאָר, אַז אַסטאַרטאַ
האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז אין משך פון אַ מעת לעת מוזטו
אומגעבראַכט ווערן... און כּדי צו קענען דיך ראַטעווען, האָב
איך אויסגעטראַכט אַ מעשה און דערציילט דער קעניגין, אַז
איך בין כּלומר'שט צופרידן, וואָס דו וועסט דאָ דערמאָרדעט
ווערן, מחמת דיין פאָטער האָט כּלומר'שט מיינע עלטערן
באַרויבט, און צוגענומען ביי זיי זייער האָב און גוטס און
נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט
געפלויגן. כ'האָב אויך דערביי געשאָלטן דאָס גאַנצע יידישע
פאָלק, צו וועלכן דו געהערסט און דאָס אַלץ האָב איך געטון,
כּדי זיך אַרויסצושטעלן פאַר דיינעם און דיין פאָטערס אַ בלוי-
טיקן שונא און שטעל דיר פאָר די קעניגין האָט געגלויבט
אַלץ, וואָס איך האָב איר וועגן דיר דערציילט און גלויבנדיק,
אַז איך וויל זיך אָן דיר נוקם זיין, האָט זי מיר איבערגעגעבן
די ראָל, וועלכע זי האָט פריער אַ ביסל געהאַט איבערגעגעבן
איינע פון איר שקלאַפן, די ראָל פון...

– כ'פאַרשטיי, פאַקרעדען, די קעניגין האָט דיר איבער-
געגעבן אַנ'אויפטראַג די זאָלסט מיין תּלין זיין, אמת?

– דו האָסט געטראָפן עוואַ, און איך זעענדיק אין דעם
אַ מיטל דיך צו ראַטעווען פון טויט האָב איך געמוזט איינ-

www.libtool.com.cn

שטימען אין דעם אויפטראַג דיך אומצובר ענגען – אָנצונעמען..

– כ׳זאָג דיר נאָך אַמאָל, – האָט עוואַ געענטפערט, אַז מיר איז שוין אַלץ איינס, וואָס מיר ערוואַרט. און וואָס פאַר אַ זין האָט איצט פאַר מיר דאָס לעבן, ווען יענער, וואָס האָט מיר דאָס לעבן געגעבן, איז שוין דאַכט זיך נישט צווישן די לעבעדיקע, ווען מיין טייערער פאָטער איז אַזוי טראַגיש צוליב מיר אומגעקומען.

– אָ, עוואַ, עוואַ! קוועל מיך נישט אַזוי, ווען נישט וועל איך פון זינען אַראָב. ווען אַ ייִנגער מאַן טוט פאַר דיר אַזוי פיל, ווי איך טו, ווען ער איז גרייט אַזוי פיל קרבנות פאַר דיר צו ברענגען! זיך אָבצוזאָגן פון אַ קעניגרייך, פון אַ טראָן און אויפגעבן אַלע זיינע גרויסע פלענער, – איז זייער נישט ריכטיק אים אַזוי צו באַהאַנדלען, ווי דו באַהאַנדלסט מיך. יאָ, טייערע עוואַ, דו האָסט מיך שטענדיק נישט גוט באַהאַנדלט און באַגאַנגען אַנ׳עולה קעגן מיר. ביי די דאָזיקע ווערטער האָט פאַקרעדען זיך צעוויינט.

– הער עוואַ, ווייטער: זאָלסט וויסן זיין, אַז איך האָב אונטערגעקויפט קעפעריניס׳ן, און ער האָט מיר אויסגעשטעלט אַ פאַס, איך זאָל קאָנען פון דאַנען דורך דעם געהיימניספולן טונעל אַרויסגיין און פון דאָרט – אַוועק ווו די אויגן וועלן מיך טראָגן, אַלזאָ, אָט האָסטו דאָ מאַמעלוקן-קליידער, נעם גיכער און טו זיך איבער אין זיי, אין דרויסן שטייען און וואַרטן אויף אונז צויי פערד מיר וועלן פון דאַנען אַנטלויפן און אין אַכט און פערציק שעה אַרום זענען מיר שוין אין זיכערהייט.

– איך וויל נישט אַנטלויפן פון דאַנען און דו טאָרסט אויך נישט פון דאַנען אַנטלויפן, ווי קענסטו פועל׳ן ביי זיך דאָ איבערצולאָזן דיין בעסטן גוטן פריינט, דעם ענגלענדער, נאָך דעם, ווי ער איז צוליב דיר אַהער געקומען?

– זעסטו, – האָט פאַקרעדען געענטפערט, וואָס גייט מיך דער ענגלענדער אָן? חוץ דעם, איז איבערהויפט נישטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר אים; ס׳וועט מיט אים דאָ אין מיין אַבוועזנהייט,

www.libtool.com.cn
גאָר נישט פּאַסירן, דאָס ערגסטע, וואָס קאָן מיט אים געשען, איז, אַסטאַרטא וועט אים ביי זיך פאַרהאַלטן אַלס געפאַנגענעם, און אויב דאָס וועט געשען, וועט אים דאָ גאָר נישט פעלן, אָבער מיר, עווא, טאָרן דאָ ווייטער קיין רגע אַפילו נישט בלייבן, קום מיט מיר. אין עטליכע שעה אַרום וועט שוין, וואַרשיינליך, דאָס אַנטלויפן פון דאַנען אוממעגליך זיין, קום, וואָס גיכער, דערמאָן זיך אָן דיין פאָטער וועלכער לעבט נאָך געוויס און וועט געזונט ווערן.

עוואַ האָט ביי די דאָזיקע ווערטער פאַקרעדענס זיך שטאַרק צעוויינט.

– מיין פאָטער, מיין טייערער, מיין ליבער פאָטער! – האָט עוואַ אויסגעשריען, ברעכנדיק מיט די הענט אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג – ער וועט אונז שוין מער נישט אָנזען: כ'האָב געזען, ווי ער איז פון אַ פיינטליכער קויל געפאַלן זיך באַגיסנדיק מיט שטראָמען בלוט.

– ניין, האָט זיך אָבגערופן פאַקרעדען, דיין פאָטער לעבט נאָך. איך האָב גערעדט מיט עטליכע פון די טערקישע געפאַנגענע, וואָס מ'האָט אַהער צוזאַמען מיט דיר געבראַכט, זיי דערציילן, אַז ער איז נישט שטערבליך פאַרוואונדעט, זאָגאַר נישט געפערליך און ס'זענען פיל האָפנונגען, אַז ער זאָל אין גיכן געזונט ווערן.

– זיי האָבן אים געזען זאָגסטו, האָט עוואַ איבערגע- פרעגט פאַקרעדענען.

– אָבער פון וואַנען קאָנען זיי וויסן, האָט עוואַ ווידער געפרעגט, אַז ער איז נישט געפערליך פאַרוואונדעט?

– כ'וועל דיר ווייזן דעם מאַן, וועלכער האָט מיט דיין פאָטער גערעדט, ער וואַרט אויף אונז אין דרויסן ביי אונזערע פערד, קום, טו אָן דיין מאַנטל און דאָס מאַמעלוקן-קלייד, קום, ווי גאָט איז דיר ליב.

– אָבער, — האָט זיך עוואַ אָבגערופן: ס'איז דאָך קיין יושר נישט טאַנקרעדען דאָ אַליין איבערצולאָזן, ער איז אונזער גאַסט געוועזן, מיר טאָרן אים דאָ נישט איבערלאזן.

www.libtool.com.cn

— ווי באַלד אַזוי, — האָט פּאַקרעדען געענטפערט, מוזטו טאַקע צוליב אים אַליין פון דאַנען אַנטלויפן, דאָ קענסטו אים קיין שום נוצן נישט ברענגען און זייענדיק אין זיכערהייט, קענסטו אים נאָך צוהילף קומען. איך, צום ביישפּיל קען נאָך אַמאָל אַהערקומען, ווען מען וועט דאַרפן...

— אויב אַזוי, האָט זיך עוואַ אָנגערופן, — ווען איך וועל איצט מיט דיר אַנטלויפן, מוזטו דיין ערן-וואָרט געבן, אַז ווי מיר וועלן נאָר די גרעניץ אַריבערפאָרן, זאָלסטו צו אים זיך צוריקקערן ?

— יאָ, כ׳שווער דיר.

## זיבעטעם קאַפּיטל.

עוואַ׳ס פּלוצלינג׳דיקע ערשיענען אין דער רעזידענץ פון דער אַנסאַרן קעניגין און דאָס אומגליק, וואָס מיט איר און איר פאָטער האָט געטראָפן אויפ׳ן וועג צווישן דמשק און אַלעפּאַ, האָבן אויף טאַנקרעד׳ן דעם שווערסטן איינדרוק גע־מאַכט. ער האָט לאַנג נישט געקענט קומען צו זיך פון דער איבעררעשונג, וואָס עוואַ׳ס ערשיינען אַלס געפאַנגענע, האָט אים געמאַכט. באַלד ווי זיי האָבן פאַרלאָזט די קעניגין האָט זיך טאַנקרעד געווענדעט צו פּאַקרעדענען נאָך אַן עצה, וואָס מ׳דאַרף איצט טון, כדי עוואַ׳ן צו העלפן. אָבער טאַנקרעדס מי האָט קיין שום פּעולה נישט געהאַט. פאַר די גאַנצע צייט, וואָס טאַנקרעד קען פּאַקרעדענען, האָט ער אים נאָך אין אַזאַ לאַגע ווי איצט קיינמאָל נישט געזען. דער יינגער עמיר האָט זיך פאָלשטענדיק אין די עטליכע שעה געענדערט, אַז ס׳איז אים שווער געווען צו דערקענען ; ער האָט ווי פאַרלוירן זיין פאַרשטאַנד און מוט און איז אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון פאַרצווייפלונג, און דאָס אַלץ זעגען אויך געווען די פאָלגן פון דער איבעררעשונג וואָס עוואַ׳ס ערשיינען דאָ, אַלס גע־פאַנגענע, האָט אויף אים געמאַכט.

www.libtool.com.cn

וואָס איז מיט דעם פּאַקרעדענען ? האָט זיך טאַנקרעד געטראַכט: איז עס מעגליך, ער זאָל זיך אַזוי נעמען צום האַרצן עוואַ׳ס אומגליק ? צי האָט ער זי דען אַזוי ליב, אַז איר אומגליק זאָל אים קאָנען אַזוי אַרן און אַזוי שטאַרק אויף אים ווירקן ? טאַנקרעד האָט נאָך אַ מאָל אָנגעהויבן מיט פּאַקרעדענען צו רעדן וועגן עוואַ׳ן און וואָס זיי האָבן ביידע צו טון, אום זי צו ראַטעווען, נאָר פון עטליכע אויסדריקן פּאַקרעדענ׳ס איז קלאָר געווען, אַז ער האָט שטאַרק מורא, אַז מיט עוואַ׳ן זאָל דאָ, צווישן די דאָזיקע געצנדינער, נישט פּאַסירן קיין אומגליק. זעענדיק, אַז מיט פּאַקרעדענען וועט ער זיך נישט קאָנען צוזאַמען רעדן און אַז אויף זיין עצה, און הילף איז נישטאָ וואָס צו האָפן, האָט טאַנקרעד אָנגעהויבן צו זוכן אַנ׳עצה, ווי אַזוי זיך צו דערנענטערן צו דעם מעכטיקן קעפּעריניס, כדי אים אַנ׳עצה צו פרעגן, וואָס זיי דאַרפן טון אום עוואַ׳ן צו ראַטעוון, ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז קעפּעריניס האָט זיך בכוון באַהאַלטן פון די בײדע ייִנגע-לייט, באַזונדערס פון טאַנקרעד׳ן און זיי אויסגעמידן צו זעען און מיט זיי זיך צו באַגעגענען, קעפּעריניס, וואָס פלעגט פריער טאָג און נאַכט פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון דער קעניגינ׳ס ביידע געסט און זיך מיט זיי אַזוי פריינטליך אונטערהאַלטן, איז, ווי אין גאַנצן פאַרשוואונדן געוואָרן פונ׳ם קעניגליכן הויף.

דער ייִנגער לאָרד האָט געוואָלט איבעררעדן מיט קעפּעריניס׳ן און אים בעטן ער זאָל זיך משתדל זיין פאַר דער קעניגין, זי זאָל באַפרייען עוואַ׳ן פון געפאַנגענשאַפט, נאָר דער פּרעמיער-מיניסטער איז ווי אויף צו להכעיס, פאַרשוואונדן געוואָרן און אַ גאַנצן טאָג זיך נישט באַוויזן. איבערהויפּט האָט דעם גאַנצן טאָג, אויף מאָרגן נאָך דעם אָוונט, וואָס די ביידע ייִנגע-לייט האָבן זיך באַגעגנט מיט עוואַ׳ן אין דער קעניגינס צימער, געהערשט אַ געהיימניספולע שטילקייט, מ׳האָט אין גאַנצן הויף און אין די קעניגליכע געביידעס קיין לעבעדיקע נשמה נישט געזען.

www.libtool.com.cn

טאַנקרעד האָט ענדליך באַשלאָסן, וואָס גיכער צו קריגן אַ אוידיענץ בײַ דער קעניגין, כּדי מיט איר איבערצורעדן וועגן עוואַן. ער איז זיכער געווען, אַז ווען ער וועט דער קעניגין דערציילן, ווער עוואַ איז און דערצו אַסטאַרטאַן נאָך פֿאַרזיכערן, אַז ער איז אין עוואַן גאָרנישט פֿאַרליבט, און אַז ער בעט פֿאַר איר ווי אַ גוטער פֿריינט פֿון איר פֿאָטער, — וועט ער בײַ דער קעניגין געוויס פּועלן זי זאָל עוואַן באַפֿרייען. נאָר ווי באַקומט מען איצט אַנ'אוידיענץ בײַ דער קעניגין? בעטן קעפּעריניסן, ער זאָל בײַ אַסטאַרטאַן פּועלן זי זאָל אים אַ אוידיענץ געבן? נאָר ווו געפֿינט מען דעם דאָזיקן מעכטיקן מיניסטער? נאָר טאַנקרעדס איבערגעגעבענער דאָלמעטשער באַראָני איז אויך דאָס מאָל אים געקומען צו הילף. זעענדיק טאַנקרעדס פֿאַרצווייפֿלונג און באַדויערנדיק שטאַרק די שיינע עוואַ, וועלכע ער האָט גוט געקענט, האָט באַראָני דורך דער קאַמער-פֿריילין ציפּראָס, זיך דערוווּסט, אַז די קעניגין גייט הײַנט אין גרויסן טעמפּל מיט איר סוויטע. דאָרט אָבצורעכטן אַ תּפֿלה, באַראָני האָט ציפּראָסן געבעטן אָנצוווענדן אַלע מעגליכקייטן עוואַן צו באַפֿרייען. ציפּראָס, וואָס האָט פֿון איר זייט, אויך ליב באַקומען די שיינע עוואַ און האָט זיך צו איר שטאַרק צוגעבונדען. האָט די אומגליקליכע געפֿאַנגענע שטאַרק באַדויערט און פֿאַרזיכערט באַראָנין, אַז ווען ס'וואָלט זיך אָן איר געווענדעט, וואָלט זי זיך פֿאַר קיין קרבן נישט אָבגעשטעלט, כּדי עוואַן צו באַפֿרייען; צום גרויסן באַדויערן אָבער קען זי, ציפּראָס, גאָר נישט אויפֿטון פֿאַר דער אומגליקליכער געפֿאַנגענער. ווען באַראָני האָט בײַ ציפּראָס געפֿרעגט אַנ'עצה, וואָס טאַנקרעד האָט צו טון כּדי אַנ'אוידיענץ בײַ אַסטאַרטאַן צו באַקומען, האָט דאָס קאַמער-פֿריילין אים אײַנגערוימט אַ סוד, אַז אַסטאַרטאַ וועט הײַנט גיין אין טעמפּל אַרײַן און דאָס איינציקע מיטל צו קריגן די מעגליכקייט מיט איר צו רעדן, איז זיך לאָזן גיין אויפֿן וועג, וואָס פֿירט צום טעמפּל.

טאַנקרעד האָט זיך געלאָזט גיין אויפֿן וועג, וואָס פֿירט צום גרויסן טעמפּל. נישט באַגעגנדיק אָבער די קעניגין אויפֿן

www.libtool.com.cn

וועג, איז טאַנקרעד צוגעגאַנגען צום טעמפּל און דאָ האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די קעניגין איז יעצט אינווייניק און דאָרט ווערט איצט אָבגעריכט אַ גאָטעס-דינסט. טאַנקרעד איז אַריינגעגאַנגען אין טעמפּל אַריין. טאַנקרעד האָט אַ וואָרף געטון אַ בליק אין דער זייט און דאָרט דערזען די שיינע אַסטאַרטאַ, וועלכע איז געשטאַנען אויף די קני און הייס געבעטן. טאַנקרעד האָט זיך שוין געהאַט געלאָזט אַוועקגיין פון דעם דאָזיקן אָרט, מורא האָבנדיק צו שטערן דער קעניגין אין איר געבעט, נאָר דאָ האָט זיך אַסטאַרטאַ אויפגעהויבן און איר בליק האָט זיך געטראָפן מיט טאַנקרעדן. די קעניגין האָט געמאַכט עטליכע טריט צום אָרט, ווו טאַנקרעד איז געשטאַנען און בשעת זיי זענען שוין איינער פון דעם אַנדערן אויף אַ מרחק פון דריי-פיר טריט געווען, האָט זיך טאַנקרעד טיף פאַרנייגט פאַר דער קעניגין און געבעטן ביי איר ענטשולדיגונג, וואָס ער האָט איר, נישט ווילנדיק, געשטערט אין איר תפלה.

— דערזעענדיק, — האָט טאַנקרעד זיך פאַר אַסטאַרטאַן ענטשולדיקט, — אַז איר זענט מתפלל, האָב איך שוין געוואָלט פון דאַנען אַרויסגיין, כדי אייך נישט צו שטערן.

— פאַרוואָס עפּעס אַרויסגיין פון דאַנען? — האָט אַסטאַרטאַ אים איבערגעשלאָגן זיינע רייד.

ווייל ס'זענען פאַראַן מינוטן, ווען מ'פילט דאָס שטאַרקסטע באַדערפעניש איינער אַליין צו בלייבן און די אָנוועזנהייט פון אַנ'אַנדער מענטשן איז אין אַזעלכע מינוטן אונערטרעגליך.

די קעניגין האָט געבעטן טאַנקרעדן ער זאָל זי באַגלייטן און זיי זענען ביידע פון טעמפּל אַרויסגעגאַנגען. נאָר ביים הויפּט טויער פון טעמפּל איז אַסטאַרטאַ שטיין געבליבן און זיך פאַרטראַכט. איצט האָט טאַנקרעד, זעענדיק ווי די קעניגין באַציט זיך צו אים אַזוי גוט און פריינטליך, געהאַלטן די געלעגנהייט פאַר גינסטיק מיט איר אַ געשפּרעך וועגן עוואַן צו פאַרקניפּן אין זי בעטן, זי זאָל איר געפאַנגענע באַפרייען, אָדער לכל הפחות איר גורל פאַרלייכטערן. טאַנקרעד האָט דער קעניגין איבערגעגעבן, ווער איר געפאַנגענע איז, פון וואָס פאַר-

www.libtool.com.cn

אַ הויז זי קומט אַרויס, ווער איר פֿאָטער און וואָס פֿאַר אַ זעלטענער און איינפּלוסרייכער מאַן ער איז. איבערהויפּט האָט זיך טאַנקרעד באַמיט צו ווירקן אויף אַסטאַרטאַס האַרץ און דערוועקן בײַ איר דאָס רחמנות-געפֿיל. ער האָט אויך שטאַרק געלויבט די געפֿאַנגענע, דערציילט אַסטאַרטאַן, אַז אַזאַ שיינע קלוגע און דענקנדע ווי עוואַ איז אפֿילו אין אייראָפּאַ שווער צו באַגעגענען, נאָר ווי ער האָט עוואַן נישט געלויבט, מיט וואָס פֿאַר אַ באַגייסטערונג ער האָט וועגן איר נישט גערעדט, האָט אַסטאַרטאַ דאָך נישט אַרויסגעזען פֿון טאַנקרעדס ווערטער, אַז ער זאָל זיין אין איר שטאַרק פֿאַרליבט. טאַנקרעד האָט אויך דער קעניגין דערציילט וועגן דער גרויסער טובה, וואָס עוואַ האָט אים געטון, בעת ער איז געפֿערליך קראַנק געווען, ליגנדיק צווישן טויט און לעבן אין שייך עמלק׳ס לאַגער, ווי זי האָט אים דורך אַ שלאָף-מיטל דאָס לעבן געראַטעוועט און שפּעטער געפּועלט בײַ איר זיידן. ער זאָל זיך ענטזאַגן פֿון זיין פֿאָדערונג, אַז טאַנקרעדס עלטערן זאָלן באַצאָלן פֿאַר אים צוויי מיליאָן פּיאַסטער אויסלייז-געלד, און טאַנקרעד איז אַזוי אַרום באַפֿרייט געוואָרן פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט.

— איצט — האָט טאַנקרעד זיין רעדע געענדיקט, איצט קאָן אייער מאַיעסטעט שוין פֿאַרשטיין, ווי ווייט איך בין איבעראַשט געוואָרן, דערזעענדיק זי אין געפֿאַנגענשאַפֿט בײַ אייך. כ׳קאָן אייך נישט איבערגעבן, וואָס פֿאַר אַ מיטלייד זי האָט בײַ מיר דערוועקט, נאָר דער איינציקער טרייסט פֿאַר איר און אירע עלטערן קאָן זיין, אַז זי געפֿונט זיך דאָ אין גוטע הענט, אַז זי איז נישט אַריינגעפֿאַלן צו שלעכטע מענטשן אַזעלכע וועלכע וועלן זי געוויס באַהאַנדלען מענטשליך, דערום נויט איך טאַקע אויס די געלעגנהייט, וואָס אייער מאַיעסטעט האָט מיך וועגן דער געפֿאַנגענער אויסגעהערט און בעט אייך, איר זאָלט זיך איבער איר דערבאַרמען און זי באַפֿרייען.

— איך פֿאַרשטיי אייער בקשה גאַנץ גוט, — האָט אַסטאַרטאַ געענטפֿערט מיט אַ רויקן טאָן.

www.libtool.com.cn

טאַנקרעד האָט אַ קוק געטון אויף דער קעניגין. איר געזיכט, ווי איר שטימע, האָבן זיך איצט אין גאַנצן געענדערט. אַן׳אויסדרוק פון שרעקליכסטן צאָרן און פאַרבאָרגענעם כעס האָט ער אויף דער קעניגינס געזיכט דערזען. ווען טאַנקרעד האָט אויף דער קעניגין דאָס צווייטע מאָל אַ קוק געטון, איז זי געוואָרן בלאַס און, האָט אין אַלגעמיין געמאַכט אַן׳איינדרוק פון אַ פרוי, וואָס ליידט זייער פיל.

— יאָ, — האָט זיך אַסטאַרטא אָפּגערופן, באַמיענדיק זיך רעדן וואָס רויקער, — איך פאַרשטיי עס גאַנץ גוט אָבער איך וועל געגן דעם געזעץ נישט גיין און גאָר נישט טון. אום איר לאַגע און גורל צו פאַרלייכטערן, איך וואָלט דערמיט געהאַנדלט געגן די געזעצן פון אייער לאַנד און באַגאַנגען אַ חטא געגן אייער פאָטערלאַנד. דאָס קאָן איך זיך נישט ערלויבן. דאָס ערלויבט מיר נישט מיין ערע און מיינע לאָיאַלע באַציִונגען צו פרעמדע לענדער און איך וועל עס דאַרום אויך נישט טון.

— אַ חטא געגן מיין פאָטערלאַנד, זאָגט איר, מאַיעסטעט? איר וואָלט באַפרייענדיק אייער געפאַנגענע, עובר געווען אויף די געזעצן פון אַ פרעמדן לאַנד? וואָס באַדייטן אייערע ווערטער?

— איצט ווייס איך שוין אַלץ. אייערע פלענער זענען ווירקליך פלענער פון אַ העלד און איר האָט נאָך דערצו בדעה אונז צו באַגליקן דורך זיי. יאָ, עדעלער פרינץ, איך האָב זיך שוין דערוווּסט וועגן אַלע פרטים פון אייערע גרויסע פלענער. אייערע פלענער באַשטייען אין דעם, אַז מיר, אַנסאַרן, זאָלן אייך צו שטעלן באַוואָפנטע סאָלדאַטן און אַז אייער פלאַן וועט דורך כח פון אונזער מיליטער פאַרווירקליכט ווערן, און אייך וועט געלונגען מיט אַן׳ערפאָלג אים אַ דורכצופירן, — וואָס זשע וועלן מיר אַנסאַרן פון דעם פאַר אַ נוצן האָבן, וואָס וועט אונז פון דעם אַרויסקומען. און וואָס וועט זיין דער פועל יוצא פון אייער ערפאָלג?, — איר וועט דערמיט פועל׳ן, אַז אויף דעם סירישן טראָן וועט אַרויפגעזעצט ווערן אַ פערזאָן, וואָס

www.libtool.com.cn

האָט אַפילו נישט דאָס רעכט אין אייער לאַנד, אין ענגלאַנד, אַריינצופאָרן. איר מיינט, אַז איך ווייס נישט אין וואָס אייער הויפּט-ציל באַשטייט? איצט זעט איר שוין אַז פאַר מיר זענען נישטאָ קיין פאַרבאָרגענע זאַכן, און אייער הויפּט-כּונה בנוגע דער פּערזאָן, וואָס איר ווילט אַרויפזעצן אויף דעם סירישן טראָן איז מיר אויך באַקאַנט. איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל, אַז איר רעכנט דורך אונזער מיליטערישער הילף, אַרויפזעצן אויפ'ן טראָן אַ פּערזאָן, וואָס האָט אַפילו נישט קיין ווינרעכט אין ענגלאַנד...

— אָבער מאַיעסטעט, וועמען מיינט איר? ווער איז דער פּערזאָן, וועגן וועלכער איר מאַכט מיר אַזעלכע רמזים?..

— איך רעד דאָ וועגן דער יידישער טאָכטער, מיט וועל-כער איר ווילט חתונה האָבן, — האָט די קעניגין געענטפערט, — איך רעד וועגן דער יידן מיט וועלכער איר ווילט געגן די מענטשליכע און געטליכע געזעצן, חתונה האָבן.

— איר מיינט דאָ אייער געפאַנגענע?

— יאָ.

— איר האָט אַ טעות, מאַיעסטעט — האָט טאַנקרעד מיט אַ פעסטער איבערצייגטער שטימע געענטפערט — און ווי אַזוי קענט איר גלויבן, אַז איך זאָל חתונה האָבן מיט בעסאָ'ס טאָכטער. איך בין דאָך אַ קריסט, וואָס וועט זיין גלויבן בשום אופן נישט ענדערן. אמת טאַקי, אַז בעסאָ'ס טאָכטער איז אַ פריילין פון זעלטענער שיינקייט און מעלות, אָבער דאָס איז נאָך נישט קיין באַווייז, אַז איך בין אין איר פאַרליבט און פאַר איר אַ חתן געוואָרן, חוץ דעם דאַרף מען נישט פאַר-געסן, אַז פריילין עוואַ בעסאָ איז שוין אַ כּלה פאַר אַ אַנדערן יינגן מאַן, איר חתן איז דער יינגער הלל בעסאָ, אירער אַ גע-שוועסטער קינד.

— איז זי שוין, זאָגט איר, פאַרלאָבט מיט אַן אַנדערן? — האָט די קעניגין געפרעגט, פילנדיק, אַז אַ שווערער שטיין פאַלט איר אַראָב פון האַרצן...

— זי איז שוין לאַנג מיט דעם יינגן בעסאָ פון אַלעפּאָ

www.libtool.com.cn

פֿאַרלאָבט און ווען ניִשט דער טרויריקער צופֿאַל, וואָס זי איז אַרייַנגעפֿאַלן אַהער אין געפֿאַנגענשאַפֿט וואָלט עוואַ שוין איבט געווען דעם ייִנגן הלל׳ס פֿרוי, מחמת די טעג האָט געזאָלט זייַן איר חתונה. זי מיט איר פֿאָטער זענען שוין געהאַט געפֿאָרן קיין אַלעפּאָ צו דער חתונה, נאָר דאָ האָט זיך אין מיטן וועג געטראָפֿן דאָס אומגליק מיט איר, וואָס מ׳האָט זי גענומען אין געפֿאַנגענשאַפֿט און איר פֿאָטער איז בעת׳ן אָנפֿאַל שווער פֿאַרווּנדעט געוואָרן. אָבער איך האָף, האָט טאַנקרעד צוגעגעבן, אַז זי וועט דאָ לאַנג נישט בלייבן, אַז אייער מאַיעסטעט וועט זי אין גיכן באַפֿרייען. דאַמאָלט וועט זי זיך צוריקקערן צו איריקע און וועט מיט איר קוזין חתונה האָבן.

אַסטאַרטאַ׳ס געזיכט האָט זיך ביי די דאָזיקע טאַנקרעד׳ס ווערטער פֿאַרענדערט, עס האָט אינגאַנצן פֿאַרלאָרן זיין שמערצליכן און נקמה-זוכנדן אויסדרוק. פֿאַרטראַכטנדיק זיך אַ ווײַלע, האָט די קעניגין טאַנקרעד׳ן געפֿרעגט:

– איז דאָס אַלץ אמת, וואָס איר האָט דערציילט?

– אמת, כ׳שווער אייך ביי גאָט, אָבער — האָט טאַנקרעד זיך צו אַסטאַרטאַן געווענדעט, — ערלויבט מיר, אייער מאַיעסטעט, אייך צו פֿרעגן: ווער האָט אייך דאָס אַלץ וועגן עוואַ׳ן און מיר דערציילט? ווער האָט אייך אַזעלכע ליגנס איבערגעגעבן?

אַ פֿערזאָן, — האָט אַסטאַרטאַ געענטפֿערט, — וועלכער איז דער געפֿאַנגענער און איר פֿאַמיליע אַ דם שונא.

אַסטאַרטאַ איז אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן. טאַנקרעד האָט אָבסערווירט די קעניגין.

– איך זע, – האָט זיך די קעניגין אָנגערופֿן, אַז איר קענט קיין ליגן נישט זאָגן, אַז וואָס איר רעדט מיינט איר טאַקע.

– פֿאַרוואָס זאָל איך ליגן זאָגן! האָט טאַנקרעד געפֿרעגט — און צוליב וואָס זאָל איך עס טון. אָבער ס׳איז אינטערסאַנט, ווער האָט מיך אַרייַנגעמישט אין דער דאָזיקער געשיכטע, ווער האָט מיין נאָמען געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט די אַלע

www.libtool.com.cn

מעשיות, וואָס מען האָט אייער מאַיעסטעט דערציילט? אין אָט צוליב דעם ליידט אויך עוואַ אונשולדיקערהייט.

— כ׳קען שוין אָבער ליידער פֿאַר מיין געפֿאַנגענע גאָר נישט אויפטון, — האָט אַסטאַרטאַ מיט פֿאַרצווייפלונג געענט־פֿערט, — ס׳איז שוין צו שפּעט עפּיס פֿאַר איר צו טון און זי צו ראַטעווען...

— וואָס זאָלן אייערע ווערטער באַדייטן, אייער מאַ־יעסטעט? — האָט טאַנקרעד מיט אַ פֿאַרצווייפלטער שטימע געפרעגט.

— יאָ, ס׳איז שוין צו שפּעט... ס׳איז שוין נאָך אַלעמען... בעסאָ׳ס טאָכטער איז שוין אויף יענער וועלט...

— אָ, גאָט, וואָס הער איך, — האָט טאַנקרעד כמעט אויסגעשריגן, — איז עס אמת, וואָס איר האָט געזאָגט?

אַסטאַרטאַ האָט טרויריק אַ שאָקל געטון מיט׳ן קאָפּ, אַלס צייכן, אַז עוואַ לעבט שוין מער נישט.

— קעניגין! — האָט טאַנקרעד אין דער שרעקליכער איבעררראַשונג און פֿאַרצווייפלונג אַ געשריי געטון, אַ כאַפּ־טוענדיק אַסטאַרטאַן פֿאַר דער האַנט — וואָס איז דאָ אַזעלכס געשען? גאָט אין הימל, וואָס איז דאָ פֿאָרגעקומען?

טאַנקרעד איז בלאַס געוואָרן ווי די וואַנט און איז נאָענט געווען צו פֿאַלן אין חלשות. נאָר זעענדיק, וואָס פֿאַר אַ ווירקונג אויף טאַנקרעד׳ן האָט געהאַט די ידיעה וועגן עוואַ׳ס טרויריקן סוף, האָט אַסטאַרטאַ איצט פֿאַרשטאַנען, וואָס עוואַ איז פֿאַר אים געווען... דאָס אייפערזוכטס־געפיל האָט זיך אין איר פּלוצלינג אָנגעצונדן נאָך מיט אַ שטאַר־קערן כח: ווי פריער, און זי האָט זיך ווי טריומפירנדיק אָנגערופֿן

— יאָ, בעסאָ׳ס טאָכטער לעבט שוין מער נישט און איך באַדויער זי נישט, מחמת איר האָט זי ליב געהאַט...

— גרויסער גאָט! — האָט טאַנקרעד אויסגעשריגן מיט אַ שמערצליכן פֿאַרצווייפלטן קול און זיין געזיכט מיט ביידע

www.libtool.com.cn

הענט באַדעקט. איך האָב זי ליב געהאַט, ווי מ׳האָט ליב דאָס לעבן, כ׳האָב זי ליב געהאַט מיט אַלע כחות פון מיין נשמה און גייסט, כ׳האָב זי ליב געהאַט...

נאָר דאָ איז טאַנקרעד ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון גרויס צער און ביטערער פאַרצווייפלונג, אַז ער האָט מער קיין זילבע נישט געקענט אויסריידן... קומענדיק אין עט־ליכע מינוט אַרום אַ ביסל צו זיך, האָט ער די קעניגין אַ פרעג געטון:

— ווען האָט דער שרעקליכער אומגליק געטראָפן?

— איז דען דאָס אומגליק ווירקליך אַזוי שרעקלעך?

— שרעקלעך, ווי ס׳זענען שרעקלעך די ווערטער, וואָס אייער מויל האָט נאָר וואָס אַרויסגערעדט. אָ! — האָט טאַנ־קרעד אויסגעשריגן. פאַרשאָלטן זאָל זיין די שעה, וואָס איך בין אַהערגעקומען...

— ניין, ניין, ניין! — האָט אַסטאַרטא זיך אָנגערופן, — אום גאָטעס ווילן; פון אייער מויל זאָל איך קיין קללה נישט הערן!...

— ס׳גלויבט זיך מיר אָבער נישט, אַז עוואַ לעבט שוין נישט, ס׳איז נישט אמת, ס׳קען נישט זיין... זי לעבט נאָך...

— ווען איר טויט זאָל אויף מיין קאָפּ אַ קללה ברענ־גען, — האָט אַסטאַרטאַ געענטפערט, — וואָלט איך בעסער גע־וואָלט, אַז ס׳זאָל טאַקע זיין אַ ליגן און זי זאָל נאָך לעבן...

— זאָגט מיר, ווען האָט עס פּאַסירט, ווען האָט זי אויפגעהערט צו זיין צווישן די לעבעדיקע?

— מיט אַ שעה צוריק.

— כ׳קען בשום אופן נישט גלויבן, אַז דאָס זאָל האָבן געשען, — האָט טאַנקרעד באַמערקט אַביסל באַרויעגדיק זיך, כ׳גלויב נישט, מחמת ס׳איז, דאַכט זיך נישט פאַרהאַן קיין האַנט, וועלכע זאָל וואַגן אויף איר זיך אויפצוהויבן, אום זי דער׳הרג׳ענען... כ׳גיי אַרויף צו איר, ס׳איז נאָך נישט שפּעט און וועל זעען, וואָס מיט איר טוט זיך.

www.libtool.com.cn

— ליידער איז שוין צו שפעט — האָט זיך אָנגערופן אַסטאַרטאַ — אַ פיינטליכע האַנט האָט שוין די זאַך אָבגעטון און זי אומגעבראַכט...

— אַ פיינט זאָגט איר ? נאָר ווו האָט בעסאָ׳ס טאָכטער צווישן איר פאָלק אַ פיינט. ניין, — האָט טאַנקרעד מיט אַ פעס־טער איבערצייגטן טאָן צוגעגעבן. עוואַ האָט נישט געקאָנט האָבן און האָט קיינמאָל קיין שונא נישט געהאַט.

— איר האָט אַ טעות, עדעלער פרינץ האָט אַסטאַרטאַ געענט־פערט. זי האָט געהאַט אַ דם־שונא, אַ פיינט, וואָס האָט לאַנג געטראָגן ביי זיך אין האַרצן די שרעקליכסטע שנאה צו איר און איר פאָטער, — אַ פיינט, וואָס האָט לאַנג געברענט מיט אַ שרעקליכן נקמה־געפיל צו איר און געזוכט אַ געלעגנהייט און מעגליכקייט אָן איר זיך נוקם צו זיין. דער דאָזיקער מענטש איז געווען אַ קרבן פון איר ראַסע און איר פאַמיליע. זיי האָבן דעם דאָזיקן מענטשן אומגליקליך געמאַכט, און אין תהום פון יאוש אַריינגעוואָרפן. אָט דער בלוטיקער שונא בעסאָ׳ס האָט זיך אָן איר אויף אַן אונברחמנות׳דיקן אופן נוקם געווען און ס׳איז שוין דעריבער קיין שום האָפנונג נישטאָ זי צו ראַטעווען.

— כ׳בין אויסער זיך פון צער און פאַרצווייפלונג, — האָט טאַנקרעד געזאָגט, אָבער ווער האָט דאָס געקאָנט זיין דער מענטש, וואָס האָט זיך אָן איר נוקם געווען?

— אייער פריינט, אָדער וויניקסטנס, דעם וואָס איר האַלט פאַר אַ פריינט — דער עמיר פון לבנון

— פאַקרעדען ?...

— יאָ.

— ער עוואַ׳ס אַ שונא און איר מערדער ! — האָט טאַנ־קרעד אויסגערופן, — דאָ האָט געמוזט אַ טעות פאָרקומען און כ׳קען בשום אופן נישט גלויבן, אַז ער זאָל איר מערדער זיין, לאָמיר גיין צום קאַזעמאַט און זיך איבערצייגן, צי דאָ איז אַ מיספאַרשטענדניש פאָרגעקומען אָדער נישט.

www.libtool.com.cn

— שטעלט אייך פאָר, — האָט די קעניגין געזאָגט, אַז פאַקרעדען האָט זיך אַליין אַרויסגערופן צו זיין איר תליון. ער — פאַרשטייט איר מיך? — האָט דערמיט געוואָלט שטילן זיין נקמה-דורשט צו איר און אומברענגענדיק זי פון דער וועלט, געפונען אין דעם אַ באַפרידיגונג פאַר די גרויסע שמערצן און עולות, וועלכע איר פאָטער האָט פאַקרעדענען פאַרשאַפט, מאַכנדיק אים אומגליקליך אויף זיין גאַנץ לעבן.

— זיין נקמה-דורשט צו שטילן דערמיט, וואָס ער וועט דער׳הרג׳ענען זיין בעסטע פריינדין, וועלכע ער האָט ליב געהאַט ווי אַ שוועסטער און מיט וועלכע ער איז צוזאַמען דערצויגן געוואָרן — ווי איז דאָס מעגליך? אומצוברענגען עוואַ׳ן, וועלכע איז זיין בעסטע ראַטגעבערין געוועזן, וועלכע ער האָט אַזוי געליבט און געשעצט און מיט וועלכע ער וואָלט געוויס חתונה געהאַט, ווען די געזעצן פון איר גלויבן וואָלטן ערלויבט אַ יידישע טאָכטער חתונה צו האָבן מיט אַ מאַכמעדאַנער... ניין, איך גלויב נישט, אַז דאָס זאָל זיין אמת.

אין דער זעלבער רגע איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו דער קעניגין ציפּראָס און אין אַ שטאַרקער אויפרעגונג צו דער קעניגין געזאָגט:

— גנעדיקע קעניגין, — איך בין ווי איר האָט מיר געהייסן, צו דער באַשטימטער צייט געקומען צו פאַקרעדענען כדי אויסצופירן דעם אויפטראַג בנוגע דער געפאַנגענע. נאָר אַריינגייענדיק אין שלאָס האָב איך אים דאָרט נישט געטראָפן... כ׳האָב זיך באַלד געלאָזט גיין צו דער געפאַנגענער, אָבער זי איז שוין אין איר תפיסה נישט געוועזן און איך האָב זי שוין דאָרט נישט געקענט געפונען.

— נישט געקענט געפונען? — האָט אַסטאַרטאַ אין דער גרעסטער איבערראַשונג אַ שאַרפן קוק טוענדיק אויף ציפּראָס׳ן, זי געפרעגט.

— אויף דער פאָדלאָגע איז געלעגן איר קליידט, וואָס זי פלעגט שטענדיק טראָגן, כ׳רעכן אַז זי האָט זיך איבער-

www.libtool.com.cn

געטון אין אַנ׳אַנדער קלייד און איז פון דאָרט אַנטלאָפן.

— יאָ, — האָט זיך די קעניגין אָנגערופן: איצט הויב איך שוין אָן צו פאַרשטיין וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האָט אונז אַלעמען אָבגענאַרט און איצט איז שוין פאַר מיר אַלץ קלאָר ווי דער טאָג... יאָ, דער עמיר פון לבנון האָט מיך מיאוס אָבגענאַרט און מיר דערציילט זאַכן, וואָס זענען נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, און איך, נאַרישע פרוי, האָב אַלץ געגלויבט און צו אים אַזאַ צוטרוי געהאַט, צו דעם דאָזיקן שווינדלער און פאַרברעכער, אַ חרפה און אַ שאַנד: ער האָט עס מיר דערציילט, אַז איר זענט אין בעסאָס טאָכטער שטערבליך פאַרליבט און זאָגאַר פאַרלאָבט מיט איר. ער האָט עס מיך געוואָרנט, איך זאָל נישט מיטהעלפן אייער פּלאַן צו פאַרווירקליכן, דער פּלאַן, וועלכער זאָל כלומר׳שט האָבן באַשטאַנען אין דעם, אַז איר׳ זאָלט מיט דער צייט ווערן דער קעניג פון סיריען און זי אייער קינפטיקע פרוי — אָקעניגין, זי וועלכע די געזעצן פון אייער לאַנד דערלויבן אַפילו נישט אַז זי זאָל אפילו איין טאָג פאַרברענגען אין ענגלאַנד.

— דאָס איז געמיין, — האָט זיך אָנגערופן טאַנקרעד, — וואָס פאַר אַ ליגן, וואָס פאַר אַנידערטרעכטיקע רכילות ער האָט אייך דערציילט.

— און דאָך איז דאָס אַלץ לטובה געווען, — האָט אַסטאַרטאַ באַמערקט, איך פיל זיך איצט, ווי אַ שטיין זאָל האָבן אַראָבגעפאַלן פון מיין האַרצן.

— אַלזאָ הייסט עס, — האָט טאַנקרעד געזאָגט, — אַז עוואַ איז אַנטלאָפן פון דאַנען אין זיין באַגלייטונג... כ׳וואָלט אָבער בעסער געוואָלט, אַז אַנ׳אַנדערער זאָל זיין אויף זיין אָרט, אַז אַנ׳אַנדערער זאָל איר באַגלייטער זיין...

— כ׳זע, — האָט זיך אַסטאַרטאַ אָנגערופן, אַז בעסאָס טאָכטער קען אייך פון קאָפּ נישט אַרויס, אַז איר האַלט אַלץ אין איין טראַכטן וועגן איר; אויב אַזוי וואָלט איר געדאַרפט

www.libtool.com.cn

איר נאָכיאָגן זי אונטער אייער שוץ נעמען און צושטעלן צו איר פאָטער.

טאַנקרעד האָט אַ קוק געטון אויף אַסטאַרטאַן, זייערע בליקן האָבן זיך געטראָפן. די קעניגינס אויגן זענען געווען טרויריק, אָבער פול מיט ליבע צו אים...

— איצט זע איך, אַז איך מוז פון דאַנען אַוועקפאָרן...

מיין באַזון, גנעדיקע קעניגין, האָט געבראַכט דערצו, אַז איר האָט אַזוי פיל עגמת נפש און אונאַנגענעמליכקייטן געהאַט, פאַר די צייט, וואָס איך האָב ביי אייך פאַרבראַכט און אייער גאַסטפריינדליכקייט גענאָסן, האָט איר אַזוי פיל מאָראַלישע ליידן איבערגעטראָגן. אפשר וועלן מיטן מאָמענט, וואָס איך וועל פון דאַנען אָבּרייזן, אייערע ליידן אויפהערן.

— פאַרוואָס זאָלט איר עפּעס פון דאַנען אַוועקפאָרן? און פון וועמען ווילט איר אַנטלויפן? פון שונאים? איר האָט דאָך דאָ אָבער קיין שונאים נישט, און ווי אַנטלויפט מען עס פון אַן אָרט, וואו מ׳האָט אייך אַזוי ליב... עדעלער פרינץ, איר זוכט אַ טראָן צו דערשלאָגן, אונזערער אַנסאַרער טראָן איז אפשר צו אַ קליינער פאַר אייך און איר זענט ווערט אַ גרויסן און מער אָנגעזעענעם טראָן, נאָר איך וואָלט אייך אַן׳עצה געגעבן זיך באַגנוגנען מיט אונזער טראָן און אים אָננעמען. איר ברויכט דאָך סאָלדאַטן, כדי אייער פלאַן דורכצופירן — די אַנסאַרן זענען מוטיג און טאַמפער, ווען איר ווילט שטייען זיי פון מאָרגנדיקן טאָג אָן אין אייער רשות און זיי וועלן פאַר אייך אין פייער און אין וואַסער אַריין גיין, ווו איר וועט זיי נאָר הייסן. אמת טאַקע, אַז מיין שלאָס קאָן זיך מיט די פּרעכטיקע שלעסער פון אַנטיאָ-כיען נישט פאַרגלייכן, אָבער מיין רעזידענץ, איז אונמעגליך איינצונעמען און זי וועט זיין אַן׳אויסגעצייכנטער שטיצ-פונקט פאַר אייך.

— כ׳קאָן אייך, מאַיעסטעט נישט איבערגעבן — האָט טאַנקרעד זיך אָנגערופן, — וואָס פאַר אַ׳עגמות נפש איך האָב

www.libtool.com.cn

צוליב דעם וואָס איך בין נישט ווילנדיק געווען אַ ווערקצייג פון פאַרשידענע אינטריגעס און נאַרישקייטן... מיין אַלטן מיוחסדיקן און אומבאַפלעקטן נאָמען האָבן מענטשן געמאַכט פאַר אַ ווערקצייג פון קליינלעכע אַפערעס און אַוואַנטורעס... נאָר אַ סוף, אַנ׳עק צו דעם דאָזיקן לעבערלעכן שפּיל, איך מוז תּיכף פון דאַנען אַוועקפאָרן אין דער וויסטע און, אָבי־וואַשנדיק פון זיך דעם שמוץ וואָס איז צו מיר צוגעשטאַנען, ווידער קומען צו אַזאַ צושטאַנד פון מאָראַלישער און זעלי־שער ריינקייט. אין וועלכער איך האָב זיך געפונען דעם טאָג, וואָס איך בין אין הייליקן לאַנד געווען. יאָ דאָרט אין אַראַביען, אין דער וויסטע וועל איך מיין פאַרלאָרענע זעלישע און גייסטיקע ריינקייט ווידער געפונען און אָבלעבן, ווייל נאָר אַראַביען קען דער וועלט און אַלע מענטשן אַ נייעם לעבן און אַ נייע פרישע און געזונטע מאָראַל געבן.

אין דער דאָזיקער רגע האָט ציפּראָס, וואָס איז גע־שטאַנען אין דער זייט פון דער קעניגין, צו איר אַ ווינק געטון.

— גנעדיקסטע קעניגין, האָט ציפּראָס געזאָגט, איך זע פון דער ווייטן אונזער שטענדיק געטרייען שליח פליען צו אונז.

אַסטאַרטאַ האָט אַקוק געטון אויפן הימל און דערזען אין דער הויך עפּעס אַ שוואַרצן פלעק, נאָר פאַר טאַנקרעדס אומגעאיבטן אויג איז דער פלעק אויפן הימל געבליבן אומבאַמערקט.

דאָס איז געווען אַ פויגל, וואָס האָט געפלאַטערט אין דער הויך אַראָפּלאָזנדיק זיך אַלץ נידריקער און נידריקער צום אָרט, וווּ די קעניגין איז געשטאַנען.

— דאַכט זיך, אַז דאָס איז אונזער געטרייע טויב קאַ־ראַגוז, — האָט אַסטאַרטאַ געזאָגט — וועלכע ברענגט אונז תּמיד פריילעכע בשורות.

— דאָס איז קאַראַגוז, — האָט ציפּראָס באַמערקט, ווען

www.libtool.com.cn

די טויב איז שוין געווען אויף אַ הויך פון אַ האַלב קילאָמעטער, — איך דערקען אים באַלד, יאָ, אָבער דאָס איז נישט דער קאַראַגוז פון דמשק, נאָר פון אַלעפּאַ, איך דערקען אים דורך דעם רינג, וואָס ער טראָגט אויפן האַלדז.

די טויב האָט זיך דערווייל אַראָבגעלאָזט זייער נידעריק און שוועבנדיק אין דער לופט עטליכע מינוט האָט זי זיך אַראָבגעלאָזט אויף דער ערד.

ציפּראָס האָט ביי דער טויב פון מויל אַרויסגענומען אַ בריוול. דאָס בריוול האָט אין זיך ענטהאַלטן אַזאַ קורצע אָבער זייער וויכטיקע ידיעה: „דער פּאַשאַ האָט בדעה מאָרגן אין דער שפּיץ פון פינף טויזנט סאָלדאַטן צו פאַרלאָזן אַלעפּאַ און אונזער לאַנד צו באַפאַלן".

— זעט איר, — האָט זיך אַסטאַרטאַ צו טאַנקרעד'ן געווענדעט, — עס וואָלט איצט פאַר אייך געפערליך געווען דאָ ווייטער צו פאַרבלייבן... מיר דאַרפן דעם שליח אונזערן דאַנקבאַר זיין, וואָס דורך אים האָבן מיר וועגן דעם זיך באַצייטנס דערוווסט. ס'איז נאָך גענוג צייט, איר זאָלט קענען פון דאַנען אַנטלויפן, כדי אויסצומיידן די געפאַר, וואָס אונז שטייט דאָ פאָר. יאָ איר קענט נאָך אַנטלויפן פונם לאַנד, ווי מ'זעט אייך אַזוי גערן און ווי איר ווילט נישט אָננעמען דעם טראָן. איצט קענט איר אונזער לאַנד פאַרלאָזן, ווייל ס'וואָלט געווען פאַר אייך געפערליך צו פאַרבלייבן אין אַנ'אָרט. ווי מ'ערוואַרט יעדע שעה אויף אַנ'אָנפאַל פון די טערקן.

— ניין, — האָט טאַנקרעד געענטפערט — אין אַ שעה פון געפאַר, וואָס איז געקומען פאַרן לאַנד ווי מ'האָט מיך אַזוי גוט אויפגענומען, טאָר איך עס נישט פאַרלאָזן. דער אַטאַק פון די טערקן קען צו גאַנץ אונערוואַרטעטע געשעענישן פירן... איך בין איצט מחויב דאָ צו פאַרבלייבן און פאַרבלייב דאָ ביז די סכנה וועט אַריבערגיין. איך וועל אין דער שפּיץ פון אייער מיליטער אַרויס געגן די אָנפאַלער און

www.libtool.com.cn

הויפטזעכליך זיי אָנלערנען פאַר דעם אונרעכט, וואָס זיי באַגייען נעגען איין.

## אכטעם קאַפּיטל.

– וואָס הערט זיך עפּיס נייעס ? – האָט אַדאַם בעסאָ גע־פרעגט ישכר בן שלום דעם בעסטן דאָקטאָר פון אַלעפּאָ וועל־כער האָט באַהאַנדלט דעם פאַרוואונדעטן בעסאָ׳ן, דעם אָנגע־זעענעם פאָרשטעער פון די סירישע יידן.

– ס׳איז פאַרהאַן נייעס, – האָט ישכר בן שלום געענט־פערט, – אָבער די ידיעה איז נאָך צו אונז נישט געקומען, מיר ערוואַרטן זי יעדע מינוט.

ישכר בן שלום איז געווען נישט נאָר אַ דאָקטאָר נאָר אַ פילאָזאָף אויך. דער דאָזיקער סירישער געלערטער איז גע־ווען אַנ׳אַלטער מאַן מיט אַ ווייסער באָרד און אַ פּאָר קלוגע שוואַרצע אויגן. נישט קוקנדיק, וואָס ער איז שוין געווען אַ עלטערער מענטש, האָט ער נאָך אויסגעזען ווי אַ מאַן אין די גליענדע יאָרן.

– דו זאָגסט, – האָט זיך בעסאָ אָנגערופן, אַז די ידיעה איז נאָך נישט אָנגעקומען ? הייסט עס, אַז מיר ווייסן נאָך נישט וואָס פאַר אַ ידיעה דאָס וועט זיין...

– כ׳האָב געזוכט, האָט ישכר בן שלום געענטפערט, – אין די הייליקע קבלה ספרים, ווילנדיק זיך דערוויסן, וואָס פאַר אַ ידיעה מיר וועלן באַקומען, כ׳האָב דריי מאָל געעפנט דאָס הייליקע בוך און האָב דאָרט דריי ווערטער געפונען, דער ערשטער אות פון יעדן וואָרט איז דער נאָמען פון אַ פּערזאָן, וועלכע וועט אַהער אין צימער קומען און יעדע פון די דאָזיקע פּערזאָנען וועט אַ ידיעה ברענגען – אָט דאָס האָב איך זיך פונ׳ם הייליקן ספר דערוווסט.

– אָבער וואָס פאַר אַ נאַכריכט וועט עס זיין ? האָט דער קראַנקער בעסאָ געפרעגט, אַ גוטע אָדער אַ טרויריקע ?

www.libtool.com.cn

– כ'האָב וועגן דעם זיך אויך געסטאַרעס אין די הייליקע ספרים זיך צו דערוויסן, — האָט ישכר בן שלום געענטפערט, און בין דערגאַנגען, אַז די ידיעה וועט זיין אַ גוטע.

– פאַר וועמען אַ גוטע? צי פאַר דעם פּאַשאַ וועט זי זיין אַ גוטע אָדער פאַר מיר? האָט בעסאָ געפרעגט ווערנדיק אונגעדולדיק: אָדער וועט די ידיעה זיין אַ גוטע פאַר'ן פאָלק פון אַלעפּאַ, אָבער נישט פאַר דער פאַמיליע בעסאָ?

– דער אויבערשטער וועט אייך באַשיצן, האָט ישכר בן שלום געענטפערט, פאַרגלאָצנדיק די אויגן ווי בעת אַ תפלה? ער וועט זיינע געטרייע דינער נישט פאַרלאָזן, עדלער בעסאָ. לאָז מיך אָבער, האָט זיך ישכר שוין אַלס דאָקטאָר צו בעסאָ'ן געווענדעט, — אַרומבינדן דיין פאַרוואונדעטע האַנט, דאָס וועט דיר פאַרלייכטערן דיינע שמערצן.

– אָ, ליבער ישכר, — האָט זיך אָנגערופן דער קראַנקער אַדאַם בעסאָ: – וואָס טויט מען אָבער, אַז איך האָב וווּנדן, וואָס זענען טיפער פון יענע, וועלכע דו קורירסט, און טראָג אין האַרצן שמערצן, וואָס צו זיי איז קיין מעדיצין ניטשאָ?

די אייזנע געדולד, מיט וועלכער די מענטשן פון די מזרח-לענדער צייכענען זיך אַזוי אויס, האָט אַדאַם בעסאָ נישט פאַרלאָרן אַפילו אויף קיין רגע איצט, ווען ער האָט אַזעלכע שרעקליכע פיזישע שמערצן געליטן. דער פאַרוואונדע-טער אַדאַם בעסאָ האָט נישט געקלאָגט און נישט געזיפצט פון די ווייטאָגן, וואָס די פאַרוואונדעטע האַנט האָט אים פאַר-שאַפט. פאַרזונקען אין געדאַנקען, איז ער אויף זיין בעט גע-לעגן און רויק דערוואַרט דעם רעזולטאַט פון די מיטלען, וועלכע זענען אָנגענומען געוואָרן, כדי עוואַ'ן צו באַפרייען פון געפאַנגענשאַפט. אַדאַם בעסאָ האָט געהאַט גוטע אויסזיכטן, אַז די דאָזיקע מיטלן זאָלן געקרוינט ווערן מיט דעם גע-ווונשטן דערפאָלג.

די אייפלוסרייכע באַציונגען פון די בעסאָ'ס (דמשק און אַלעפּאַ) און די זייער אָנגעזעענע און גרויסע ראָלע וואָס זיי האָבן געשפּילט אין גאַנץ סיריען, האָבן געבראַכט דערצו, אַז

דער אַלעפּאַרי פּאַשאַ האָט זיך אַקטיוו אַריינגעמישט אין עוואַ'ס גורל און געמאַכט אַ פּראַקטישן שריט בעסאָ'ס טאָכטער צו באַפרייען און אירע אָנפאַלער צו באַשטראָפן. אייגנטליך האָט דער אַלעפּאַרי פּאַשאַ, ווי די גאַנצע טערקישע רעגירונג איבערהויפּט, שוין לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט צו שיקן אַ מיליטערישע עקספּעדיציע אין אַנסאַרן לאַנד, מיט וועלכן זי האָט נישט גוט געלעבט און זיך געקליבן צו מאַכן אַן אָנפאַל אויף דעם דאָזיקן לאַנד. נאָר, ווי דער שטייגער איז אין טערקיי, האָט מען דעם דאָזיקן שריט, וואָס מ'האָט שוין עטליכע מאָל געהאַט באַשלאָסן צו מאַכן, אָפּגעלייגט פון חודש צו חודש און שפּעטער — פון יאָר צו יאָר. איצט אָבער, נאָך דעם, ווי די אַנסאַרן האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ חוצפּה און גענומען אין געפאַנגענשאַפט אַן אָפּטיילונג פון טערקישן מיליטער, איז שוין אוממעגליך געווען אַזאַ זאַך איבערצולאָזן אומבאַשטראָפט, און די מיליטערישע אַקציע ווייטער אָפּצולייגן. מ'האָט איצט אַוועקגעשיקט אין אַנסאַרן-לאַנד דריי אייראָפּעאיש אויסגעבילדעטע פּאָלקן, אַרטילעריע און אַ שטאַרקע אָפּטיילונג פון קאַוואַלעריע. די אַלע אָפּטיילונגען האָבן באַקומען אַ באַפעל צו באַפאַלן דאָס גרעניץ-געביט פון די אַנסאַרן, אַהין אַריינדרינגען און מאַרשירן ווייטער. ביז זיי וועלן אַ נייעם באַפעל באַקומען, וואָס זיי האָבן אין פיינטליכן לאַנד ווייטער צו טון. עוואַ'ס חתן, הלל בעסאָ האָט זיין פעטער איבערגעלאָזט אין זייבע עלטערנס הויז אין אַלעפּאַ, ווען ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו פאַרבעסערן אין זיין געזונט-צושטאַנד, נאָך די ווונדן, וואָס ער האָט באַקומען בעת'ן אָנפאַל. דער יונגער בעסאָ האָט זיך אָנגעשלאָסן צום מיליטער, וואָס האָט מאַרשירט אין אַנסאַרן-לאַנד. ער האָט געברענט פון כעס און נקמה-געפיל געגן די אַנסאַרן וועלכע זענען בנוגע אים באַגאַנגען אַזאַ עולה און פאַרברעכן, אַוועקפירנדיק אין געפאַנגענשאַפט זיין שיינע כלה עטליכע טעג פאַר זיין חתונה מיט איר.

ס'זענען שוין אַריבער פיר טעג, זייט דאָס טערקישע מיליטער האָט פאַרלאָזן אַלעפּאַ און איז אַוועק פון דאָרט אין

www.libtool.com.cn

אַנסאַרן-לאַנד נאָר איידער דאָס מיליטער האָט אָנגעהויבן אַ פֿיינטליכע מיליטערישע אַקציע געגן די אַנסאַרן, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז הלל בעסאָ זאָל פּרובן אונטערהאַנדלען מיט זיי מיט גוטן, ד. ה. ער זאָל זיי פֿאָרלייגן, אַז זיי זאָלן באַפֿרייען עוואַ'ן מיט'ן באַדינג, אַז ווען זיי וועלן דעם דאָזיקן פֿאָרשלאַג אָננעמען, זאָל דאָס מיליטער תּיכּף זיך צוריקקערן, מ'האָט הלל'ן מיטגעגעבן אַ גרויסע סומע געלד אין פֿאַל, ווען ס'וועט אויסקומען צו באַצאָלן די אַנסאַרן פֿאַר עוואַ'ן אַ אויסלייז-געלד. דערנענטערנדיק זיך צום אַנסאַרן-לאַנד, האָט זיך הלל דערוווסט, אַז די קעניגין האָט שוין עוואַ'ן באַפֿרייט. ער האָט וועגן דעם דורך אַ שליח געשיקט צו אַדאַם בעסאָ אַ בריוו און אים מיטגעטיילט די פֿרייליכע בשורה, נאָר הלל האָט אין בריוו צוגעגעבן, אַז מ'דאַרף זיך פֿונדעסטוועגן צו דער דאָזיקער ידיעה באַציען נישט מיט קיין איבעריקן צוטרוי, מחמת ס'זענען פֿאַרהאַן סיבות, צו צווייפֿלען, צי די מעשה איז אַן אמת און צי עוואַ איז שוין ווירקליך באַפֿרייט געוואָרן פֿון געפֿאַנגענשאַפֿט. אין דעם זעלבן בריוו האָט הלל בעסאָ אויך מיטגעטיילט זיין אָנקל, אַז דאָס טערקישע מיליטער שטייט שוין ביי דער אַנסאַרישער גרעניץ און אַז, אויב אונטערהאַנדלונגען וועלן נישט ברענגען צו קיין רעזולטאַטן, וועט דאָס מיליטער מאָרגן אַריבער די גרעניץ און אַריינמאַרשירן אין אַנסאַרן-לאַנד.

אונגעפֿער אַ שעה פֿאַר דעם זון-אונטערגאַנג האָבן די אַלעפּאַרי איינוווינער פֿון די פֿעסטונגס-ווענט באַמערקט, ווי עטליכע רייטער גאַלאָפּירן אַרום אָן אַ ציל, אַרומדרייענדיק זיך אַהין און אַהער, אין אַ טאָל, וואָס ליגט נישט ווייט פֿון דער שטאָדט.

מ'האָט באַלד דערקענט די רייטער, אַז זיי געהערן צו דער אָבטיילונג קאַוואַלעריע, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך דער טערקישער רעגירונג אין אַנסאַרן-לאַנד און געהאַלטן, אַז זיי האָבן זיך געאיילט אַהערצוקומען, כּדי מיטצוטיילן דעם פּאַשאַ און די גאַנצע באַפֿעלקערונג די פֿרייליכע

www.libtool.com.cn

ידיעה, וועגן דעם ערשטן זיג איבער די אַנסאַרן. צווישן די דאָזיקע עטליכע רייטער האָט זיך אויך געפונען הלל בעסאָ. באַדעקט מיט שטויב און שווייס פונ׳ם לאַנגן וועג, איבער-לאָזנדיק די איבעריקע רייטער אין טאָל, האָט זיך הלל בעסאָ געלאָזט רייטן אין שטאָדט אַריין. אויף די פראַגן מיט וועלכע די באַקאַנטע זיינע האָבן זיך צו אים געווענדעט, האָט הלל נישט געגעבן קיין קלאָרן ענטפער, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז הלל בעסאָ מיט די רייטער בכיון פאַרבליבן אין טאָל אַ פאָר שעה און אַריינגעפאָרן אין שטאָדט אַריין, ווען די זון איז שוין געהאַט אונטערגעגאַנגען אין דרויסן איז שוין געווען פינסטער, כדי וואָס ווייניקער באַקאַנטע מענטשן צו באַגעגענען...
אַריינפאָרנדיק אין הויף פון זיין הויז, איז הלל אַראָפּ פון זיין פערד און ווען מ׳האָט אונטער אים שוין געהאַט פאַר-מאַכט דאָס טויער האָט דער יינגער בעסאָ זיך געלאָזט גיין אין שטוב אַריין.

— גאָט צו דאַנק, האָט הלל ביי זיך געטראַכט, — געקומען בשלום אַהיים, אַ מלחמה איז נישט קיין שפּילעכל, ס׳איז נאָר לייכט צו זאָגן, לייכט אַרויסריידן דאָס וואָרט מלחמה, אָבער מיטמאַכן אַ שלאַכט — איז זייער שווער!

— וואָס איז דאָרט װאַר אַ געטויש? וואָס איז דאָ אַזעלכס געשען? — האָט דער קראַנקער אַדאַם בעסאָ געפרעגט, דער-הערנדיק, ווי מענטשן גייען אַריין און אַרויס יעדע ווילע פון שטוב און אין שטוב אַריין.

— דאָס בין איך — טייערער אָנקל, — האָט זיך אָנגערופן הלל בעסאָ, אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון הויז.

— הלל! — האָט דער קראַנקער בעסאָ אויסגעשריגן — דאָס ביסטו? נו, דערציייל מיר גיכער, וואָס הערט זיך?

— כ׳בין, ליידער געקומען אַליין... האָט הלל אויסגערעדט מיט אַ טרויריקער שטימע.

— ווי! האָט זיך אַדאַם בעסאָ פונאַנדערגעוויינט — צו וואָס לעב איך אויף דער וועלט. ווען זי, דאָס שיין און ליכט פון מיין לעבן, איז נישטאָ? אָ, גאָט, שיק מיר גיכער דעם טויט.

www.libtool.com.cn

— אָבער ליבער אָנקל, האָט זיך הלל אָנגערופן שוין מיט אַ באַרויגענדן טאָן – איר דאַרפט נישט פאַרצווייפלן: ס'איז נאָך פאַרהאַן פיל האָפענונג און די דאָזיקע האָפענונג האָב איך מיט זיך געבראַכט.

— דערצייל שנעלער, וואָס פאַר אַ האָפענונג דו האָסט געבראַכט, האָט אַדאַם בעסאָ זיך געווענדעט צו הלל'ן, אויפהייבנדיק זיך אויף זיין געלעגער.

— כ'שווער אייך ביי גאָט, — האָט הלל דערציילט – אַז איך האָב גערעדט מיט אַ קינד פון די בערג, מיט אַ געווירענעם אַנסאַרי, און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז עוואַ איז פון דאָרט אַנטלאָפן.

— אָבער ווי אַזוי אַנטלאָפן? — האָט אַדאַם בעסאָ געפרעגט: אפשר לויט אַנ'עצה פון אַ פיינט, אָדער פאָלגנדיק די דאַט פון אַ גוטן פריינט?. דאָס איז וויכטיק. און וואָס הערט זיך מיט דער מיליטערישער אַקציע: האָבן מיר שוין איינגענומען די אַנזאַרי בערג? זענען די דאָזיקע בערג שוין אונזערע?

— ווען די בערג וואָלטן געווען שוין אונזערע, האָט דער יינגער בעסאָ געענטפערט, וואָלט איך איצט דאָ נישט געווען. צום גרויסן באַדויערן האָט אונזער מיליטער אין אַנזאַרן לאַנד – דאָרט געהאַט אַ מפלה. מיר האָבן זיך געמוזט צוריקציען, ליידנדיק דערצו נאָך ביים צוריקציען זיך גרויסע פאַרלוסטן... די רעשטן פון צוקלאַפּטן מיליטער שטייען איצט נישט ווייט פון אונזער שטאָדט...

אַדאַם בעסאָ איז שרעקלעך אויפגערעגט געוואָרן פון דער דאָזיקער נאַכריכט.

— ווען די קעניגין, — האָט הלל ווייטער געזאָגט, — האָט זיך ענטזאַגט עוואַ'ן אונז אַרויסצוגעבן, ערקלערנדיק, אַז זי איז פון דאָרט פאַרשוווּנדן געוואָרן, — האָט דער פּאַשאַ באַשלאָסן אויף מאָרגן אין צוויי אָבטיילונגען פון מיליטער דורך דער גרעניץ אין אַנזאַרן לאַנד אַריינצודרינגען. דער שונא איז געשטאַנען נישט ווייט פון אונז און ביי דעם ערשטן

www.libtool.com.cn

צוזאַמענשטויס האָט ער זיך אָנגעהויבן צוריקצוציען. מיר האָבן אין דעם געזען אַנ'ערפּאָלג פון אונזער געווער און תיכף גע־לאָזט אין גאַנג אונזער אַרטילעריע. וואָס זשע ווייזט זיך אָבער שפּעטער אַרויס? אַז דאָס צוריקציען פון די אַנזאַרן איז גע־ווען נישט קיין רעזולטאַט פון אונזער מיליטערישן ערפּאָלג, ס'איז נאָר געווען אַ געלונגענער מאַנעווער מצד פונ'ם שונא... דורך דעם דאָזיקן מאַנעווער האָבן די אַנזאַרן אונז אַרײַנגע־צויגן טיפער אין די טאָלן אַרײַן — און דאָ האָט זיך פאַר אונז אַנ'אמת'ער גיהנום געעפנט... פון די אַרומיקע בערג האָט דער שונא אויף אונז געעפנט אַ שרעקלעך פייער. פון דער הויך האָט זיך פון אַלע זייטן אַ שאָט געטון אַ געדיכטער האָגל פון שטיינבלאָקן — הכלל, ליבער אָנקל, מיר האָבן גע־האַט אַ מפּלה.

מיר האָבן זיך געמוזט צוריקציען איבערלאָזנדיק אויפן שלאַכט־פעלד פיל גע'הרג'עטע און פאַרווונדעטע.

— ווען האָסטו מיט דעם אַנזאַרן ווענן עוואַ'ן גערעדט? — האָט אַדאַם בעסאָ געפרעגט.

— אין אָוונט פאַר דער שלאַכט — האָט הלל געענטפערט, מ'האָט דעם דאָזיקן אַנזאַר צו מיר מיט אַ בריוו געהאַט גע־שיקט. ליידער, אָבער, האָבן אים אונזערע סאָלדאַטן אויפן וועג פאַרהאַלטן, אים באַרויבט און דער שליח האָט דערביי דעם בריוו, וואָס ער האָט געהאַט פאַר מיר, פאַרלאָרן, ער האָט געבעטן זײַנע אָנפאַלער זיי זאָלן אים צופירן צו מיין געצעלט, פאַרזיכערנדיק זיי, אַז ער האָט מיר זייער אַ וויכטיקע אָנגע־לעגנהייט איבערצוגעבן. די אָנפאַלער האָבן עס אים צוליב געטון און אַזוי אַרום האָב איך זיך דערוווסט, וואָס אין בריוו איז געווען געשריבן, אַז עוואַ האָט דאָס אַנסאַרן־לאַנד פאַרלאָזן און איז שוין דאָרט מער נישט אין געפאַנגענשאַפט.

— הייסט עס איז נאָך פאַרהאַן אַ האָפענונג? האָט אַדאַם בעסאָ געזאָגט.

— יאָ, האָט ישכר געענטפערט.

אין דער זעלבער רגע איז אין צימער אַרײַנגעקומען

www.libtool.com.cn

אַ דינער, וועלכער האָט דעם דאָקטאָר עפּיס אַ ווונק געטון, און ישכר האָט זיך מיט אים אַריינגעלאָזט אין אַ געשפּרעך.

הלל בעסאָ איז די גאַנצע צייט געזעסן ביי זיין אָנקלס בעט. און עטליכע מינוט אַרום איז צום קראַנקענס-בעט ישכר ווידער צוגעקומען און האָט זיין פּאַציענט מיטגע-טיילט, אַז נאָר וואָס איז עמיצער געקומען אַהער פון ווייט און געבראַכט מיט זיך פריילעכע ידיעות וועגן עוואַ'ן.

— גאָט! האָט דער קראַנקער בעסאָ ליידנשאַפטליך אויס-געשריען, דערהערנדיק ישכר'ס ווערטער, און זיין געזיכט האָט אָנגעהויבן צו שיינען פון גליק און שמחה.

— אָבער רויק, רויק! — האָט ישכר מיט אַנ'ענערגישן טאָן זיך געווענדעט צום פּאַציענט, מורא האָבנדיק אַז די אויפרעגונג זאָל דעם חולה נישט שאַדן.

— רוף שנעלער אַריין צו מיר דעם מאַן, וואָס האָט די ידיעה געבראַכט, איך וויל מיט אים רעדן, ווו איז ער? פירט אים תיכף אַהער אַריין, — האָט בעסאָ באַפוילן זיינע דינער, אין דער גרעסטער אונגעדולד און אויפרעגונג, ווילנדיק וואָס גיכער ערפאַרן וואָס פאַר אַ ידיעות מ'האָט אים וועגן עוואַן געבראַכט.

— ווער עס איז פרעגסטו? האָט זיך אָבגערופן ישכר — דאָס איז אַ מענטש וועלכן דו קענסט זייער גוט, דער עמיר פּאַקרעדען.

— פּאַקרעדען!... וואָס הער איך? האָט בעסאָ אַ געשריי געטון, מיין ליבער און טייערער פּאַקרעדען האָט מיר אַ ידיעה פון עוואַן געבראַכט... גאָט דער אַלמעכטיגער, איז דאָס אַ חלום, אָדער איך הער עס אַלץ אין דער ווירקליכקייט! ווו איז ער? זאָל ער די רגע צו מיר אַריינקומען.

— אָט בין איך, ליבער פאָטער — האָט זיך אָבגערופן דער יינגער עמיר, באַווייזנדיק זיך אויפן שוועל פון'ם צימער, ווו בעסאָ איז אויף זיין קראַנקן בעט געלעגן.

בעסאָ האָט אים אַ כאַפּ געטון פאַר דער האַנט.

www.libtool.com.cn

— נו, דערצייל זשע מיר גיכער וועגן עוואַן, דערצייל, וואָס שווייגסטו?

— זי איז געזינט און געפונט זיך אין זיכערהייט, — האָט זיך אָנגערופן פּאַקרעדען אין דער הזעכסטער מדרגה גערירט פון דער לאַגע, אין וועלכער ער האָט אַדאַם בעסאָ געטראָפן — יאָ, — האָט ווייטער פּאַקרעדען דערציילט: — איך האָב עוואַן געראַטעוועט מיר איז געלונגען עוואַס רעטער צו זיין, איצט קען איך זאָגן, אַז איך האָב נישט אומזיסט אויף דער וועלט געלעבט.

— מיין קינד, מיין טייערע טאָכטער האָט אַדאַם בעסאָ העכסט גערירט געזאָגט, — איז נצול געוואָרן דורך איר שטיף־ברודער. גאָט האָט אונז נישט פאַרגעסן אין אונז אין אונזער אומגליק באַשיצט, מיט וואָס האָט זיך בעסאָ געווענדעט צום יינגן עמיר, — מיט וואָס ליבער פּאַקרעדען, קען איך דיך באַ־לוינען פאַר דיין גרויסע טובה וואָס דו האָסט מיר געטון? יעדנפאַלס, זיי זיכער, אַז איך וועל דאָס כל זמן איך וועל לעבן, נישט פאַרגעסן און איך פיל זיך פאַר מחויב דיר דער־פאַר אָבצודינען.

די דאָזיקע ווערטער, איז בעסאָ פון גליק און אי־בערראַשונג געפאַלן אין אַ לייכטע אָנמאַכט; מ'האָט אים באַלד אויפגעמונטערט און דאָס ערשטע וואָרט, וואָס ער האָט דאַ־מאָלט אַרויסגערעדט איז געווען:

— זי קומט באַלד אַריין, אַ הער —

— מיינע הערן! האָט זיך ישכר בן שלום געווענדעט צו די אָנוועזנדע: גייט, כ'בעט אייך, פון דאַנען אויף אַ פּאָר מינוטן אַרויס; — מיין חולה און גוטער פריינט איז אין חלשות געפאַלן... מ'האָט בעסאָן באַלד ווידער אָבגעמונטערט, זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן און זיינע הענט זענען ווידער וואַרם געוואָרן... שליסליך האָט אַדאַם בעסאָ געעפנט זיינע אויגן און באַקוקנדיק ישכר'ן מיט'ן דינער, וואָס האָבן אים אָבגעמונטערט, האָט ער צו זיי געזאָגט:

www.libtool.com.cn

— כ האָב געזען אין חלום מיין טייערע בת יחידה, אַך, וואָס פאַר אַ זיסער חלום דאָס איז געווען!

בעסאָס חלום איז אין עטליכע מינוט אַרום מקוים געוואָרן. אין צימער איז אַריינגעקומען עווא און האָט זיך אים אַ וואָרף געטון אויפן האַלדז, אַרומנעמענדיק איר קראַנקן פאָטער און אויסברעכנדיק דערביי מיט אַ שטאַרקן געוויין — פון גליק און פרייד...

אַדאַם בעסאָס געזונט-צושטאַנט האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרבעסערט, און מיטגעהאָלפן דערצו האָט נישט אַזוי די מעדיצינישע קונסט פון זיין בעסטן גוטן פריינט ישכר בן שלמה, ווי דאָס צוריקקערן פון זיין טאָכטער עווא, וועלכע איז אַזוי גליקליך נצול געוואָרן פון אַ נקמה-האַנט...

---

## ניינטעם קאַפּיטל.

זייענדיק אין לאַגער פון גרויסן שייך עמלק, האָט טאַנקרעד ביי זיין שבט איבער געגומען עטליכע סטראַטעגישע קונסט-שטיק, וועלכע זענען באַשטאַנען אין אַ באַזונדערן מיטל צו פאַרלאָקען דעם שונא צו זיך דורך געוויסע מיליטערישע מאַנעווערן. איצט ווען טאַנקרעד האָט זיך געשטעלט אָן דער שפּיץ פון אַסטאַרטאַס מיליטער, כדי אָנצולערנען דעם חוצפה'-דיקן שונא האָט טאַנקרעד באַנוצט יענעם מאַנעווער און מיט דעם גרעסטן ערפאָלג. טאַנקרעד האָט בכיון פאַרשפּרייט פאַרשידענע פאַלשע ידיעות וועגן דעם אַנזאַרישן מיליטער וואָס האָבן אַרויסגעשטעלט דאָס דאָזיקע מיליטער פאַר זוייניק פאָרבערייטעט צום ערשטן קאַמף מיט אַ שטאַרקן געגנער, דורך נאָך עטליכע פאַלשע ידיעות האָט טאַנקרעד דערוועקט ביים פּאַשאַ דעם שטאַרקסטן חשק אַריינצודרינגען אין אַנסאַרן-לאַנד וואָס שנעלער. די דערמאָנטע ידיעות האָבן אַרויסגערופן אַ פאַלשע מיינונג וועגן ־ער סטראַטעגישער לאַגע . כחות פון די אַנזאַרן אין אַלס רעזו‎‎טאַט פון דעם — אַ באַגריף, אַז

www.libtool.com.cn

די אַנזאַרן וועלן נישט אומשטאַנד זיין אַרויסצווייזן די טערקן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און דער פּאַשאַ מיט זיין מיליטער, וועלן אַזוי אַרום גרינג אַריין אין אַנזאַרן-לאַנד... נאָך דעם ערשטן טאָג איז טאַנקרעדן געלונגען אַריינצונאַרן דעם פּאַשאַ אין אַ געפערליך אָרט. דערביי האָט טאַנקרעדן דאָך מיטגעהאָלפן זיינע שפּיאָנען, וועלכע האָבן דעם פּאַשאַ איינגערעדט, אַז דאָס דאָזיקע אָרט איז זייער ווייניק מיט אַנזאַרישער מיליטער באַזעצט בעת ס׳איז דאָרט געווען פיל מיליטער. צופירנדיק דאָס מיליטער צו דעם דאָזיקן אָרט, האָט דער פּאַשאַ דאָרט געהאַט די ערשטע גרויסע מפּלה און איז פון דאָרטן קוים אַ לעבעדיקער אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק אויפן שלאַכטפעלד זייער פיל געהרג׳טע און פאַרווונדעטע, בעת די פאַרלוכטן פון די אַנזאַרן זענען זייער קליינע געווען. טאַנקרעד האָט שטייענדיק אין דער שפּיץ פון דער אַנזאַרישער קאַוואַלעריע, פון דאַנען דעם שונא נאָכגעיאָגט, טרייבנדיק אים איבער די טאָלן און אים, די שרעקליכסטע פאַרלוסטן פאַרשאַפט, טאַנקרעד האָט אַליין נישט געקענט פאַרשטיין, פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ מיליטערישע פעיקייט בעת ער איז דאָך אַזוי ווייט געווען פון מיליטערישן גייסט, וועלכער האָט אויף מלחמות געקוקט ווי אויף די גרעסטע צרות און אומגליק, מיט וועלכע די מענטשהייט איז נאָר געפּלאָגט געוואָרן.

אַוועקיאָגנדיק דעם פיינד אויף אַ וויטן מרחק, האָט טאַנקרעד אויף עטליכע שעה מיט זיין קאַוואַלעריע זיך געשטעלט אָפּרוען נעבן אַ גרויסן באַרג און פון דאַנען האָט ער צו דער קעניגין געשיקט אַ ספּעציעלן שליח איהר מיטצוטיילן וועגן דעם גרויסן נצחון, וואָס אים איז געלונגען אָפּצוהאַלטן איבערן פּאַשאַ מיט זיין מיליטער. אויף מאָרגן איז אויף אַנ׳אַנדער אָרט פאָרגעקומען אַ צווייטע שלאַכט, וועלכע האָט אויך די אַנזאַרן געבראַכט אַ גרויסן נצחון. דער צווייטער נצחון איז אויך הויפּטזעכליך דערגרייכט געוואָרן אַ דאַנק טאַנקרעדס אַ נייעם מאַנעווער. מיט וועלכן ער האָט דעם שונא פאַרבלענט

www.libtool.com.cn

די אויגן בנוגע די כּחות פון די אַנזאַרן און די ערטער, וווּ זיי געפינען זיך און קאָנצענטרירן זייער מיליטער. ס׳איז זאָגאַר געווען אַ מאָמענט, ווען טאַנקרעדן האָט געדראָט אַ גרויסע סכּנה און ער איז שיעור אין געפאַנגענשאַפט נישט אַריינגעפאַלן צו די טערקן.

ווען טאַנקרעד האָט אַרומגעריטן מיט אַ קליינער אָפּטיילונג קאַוואַלעריע סאָלדאַטן איבער אַ טאָל, וואָס איז געלעגן אויף עטליכע קילאָמעטער פון דער אַנזאַרישער הויפּט-קוואַרטיר, יאָגנדיק שטאַרק אַ גרויסע טערקישע אָפּטיילונג, איז פון דער זייט פלוצלינג פון די בערג אָנגעקומען אַ שטאַרקע שוואַדראָן פון טערקישער קאַוואַלעריע און ס׳האָט שוין זייער נאָענט געהאַלטן, אַז טאַנקרעד מיט זיינע עטליכע צענדליק סאָלדאַטן זאָלן אַרומגערינגלט ווערן. דאָס האָט אָבער באַמערקט באַראָני און באַצייטנס אויפמערקזאַם געמאַכט טאַנקרעדן, טאַנקרעד איז מיט זיין אָבטיילונג קאַוואַלעריע נצול געוואָרן פון געפאַנגענשאַפט אָבער גאָר פון אַ גרויסער מפּלה, וועלכע ער האָט לייכט אויף יענעם אָרט געקענט האָבן, ווען ער וואָלט נאָר דעם קלענסטן ווידערשטאַנד אַרויסגעוויזן. די טערקן האָבן נאָכגעיאָגט טאַנקרעדן אָבער ס׳איז געווען אומזיסט, די טערקן האָבן זיך געמוזט אומקערן מיט גאָרנישט... אַנטלויפנדיק פון די טערקן האָט טאַנקרעד מיט זיינע סאָלדאַטן, ווען ס׳איז שוין געוואָרן נאַכט, דערגרייכט אַ דאָרף, וווּ זיי האָבן זיך אָבגעשטעלט איבערצונעכטיקן. אויף מאָרגן אין דער פרי האָט טאַנקרעד פאַרלאָזן דאָס דאָרף און איז מיט זיינע סאָלדאַטן אַרויסגעפאָרען אויף אַ פלאַכן לאַנד, וועלכעס איז געווען האַלב באַבויט, האָבנדיק אַקליינע באַפעלקערונג און ווייניק דערפער. דאָס גאַנצע לאַנד איז באַדעקט געווען מיט געדיכטע וועלדער און הויכע ביימער. ס׳איז געווען אָנפאַנג דעצעמבער און דאָס לאַנד אַרום און אַרום איז געווען זייער אויסגעטרוקנט, אָבער די העפטיקע רעגנצייט האָט שוין געהאַלטן ביים אָנהויבן זיך. פאָרנדיק ווייטער האָט טאַנקרעד מיט זיינע באַגלייטער דערגרייכט אַנ׳אונפּרוכטבאַרעס און כמעט אַ וויסט לאַנד, די

www.libtool.com.cn

טאָלן פונם דאָזיקן לאַנד זענען באַדעקט געווען מיט אַ געדיכטן גראָז טעפּיך, אויף וועלכע ס'האָבן אַרומגעבלאָנדזעט סטאַדעס פון קי און שאָף פון טורקמענער, און קורדן שבטים וואָס ווינען אין יענער געגנט דורכשניידנדיק דאָס דאָזיקע לאַנד האָבן אונדזערע רייזנדער אויף דעם דריטן טאָג פון זייער רייזע דערגרייכט אַ נעבן-פלוס פון טייך פרת, דאָס אַרומיקע לאַנד איז באַשטאַנען פון אַ רייע קליינע בערג. די אַלע געוויקסן אָבער פון יענע בערג זענען פאָלשטענדיק פאַרטרוקנט און פאַרבּרענט געווען פון די שרעקליכע היצן, וואָס הערשן אין יענער געגנט. טאַנקרעד איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם העכסטן פון יענע בערג, האָט זיך אויפגעהויבן ביז זיין שפּיץ און פון דאָרטן האָט ער דערקענט די סירישע וויסטע, וועלכע האָט זיך אָן אַ סוף און גרעניץ געצויגן צו דרום...

– יאָ, דאָס איז די סירישע וויסטע – האָט באַראָני באַשטעטיקט, ווען טאַנקרעד האָט אים געפרעגט צי ער האָט נישט קיין טעות, אָננעמענדיק דאָס לאַנד פאַר אַזעלכע, – דאָס איז די סירישע וויסטע און פערצן טאָג אַרום – האָט באַראָני צוגעגעבן – וועט די גאַנצע וויסטע זיך באַדעקן מיט אַנ'אוּנענדליכן טעפּיך פון בלומען און געווירצן.

– כ'פיל, – האָט זיך טאַנקרעד אָפּגערופן, – אַז מיין האַרץ קלאַפּט העכער און לייכטער, זעענדיק דאָס דאָזיקע לאַנד, וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָט דמשק מיט זיין גאַנצע פּראַכט אין פאַרגלייך מיט דער דאָזיקער ברייטקייט און פרייהייט...

די רייטער האָבן פאַרלאָזן די ברעגעס פון פרת-נעבן-טייך און געריטן ווייטער אין דער ריכטונג פון דרום. אַזוי אַרום זענען זיי אַריינגעדרונגען אין דער טיף פון דער וויסטע. אויף מאָרגן אָבער האָט זייער וועג ווידער איבערגעשניטן דער זעלבער טייך, וועלכער האָט מאַכנדיק אין זיין פליסן אַ בויגן, אויף דעם דאָזיקן אָרט זיך שוין גלייך אָנגעהויבן צו ציען אין ברעגעס געדיכט באַוואַקסענע פאַרשידענע בוימער. כּון ראַנען האָט זיך פאַר טאַנקרעד'ן און זיינע באַגלייטער געעפנט

www.libtool.com.cn

אַ וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמאַ: ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר גע־קענט אַרויסזען, איז געווען צו באַמערקן אַ מאַסע געצעלטן, וועלכע זענען פונאַנדערגעוואָרפן געוואָרן איבער׳ן גאַנצן אונערלעכן שטח און פון ווייטן געמאַכט אַן׳איינדרוק פון ווייסע בלומען אויף אַ גרינער לאָנקע... פון די געצעלטן האָבן זיך געצויגן סטאַדעס פון קעמלען אין דער ריכטונג פון טייך. ביי די געצעלטן האָבן זיך געפיטערט טייערע אַראַבישע פערד, פרויען האָבן זיך גרופּנווייז געצויגן פון די געצעלטן צום טייך נאָך קלאָרן און ריינעם וואַסער, טראָגנדיק די קריגלעך אויף די קעפּ.

צו טאַנקרעד׳ן און זיינע באַגלייטער זענען צוגעריטן עטליכע אַראַבער און זיי געפרעגט ווער זיי זענען און ווי קומען זיי אַהער. באַראָני האָט די אַראַבער דערציילט ווער זיי זענען, פון וואַנען זיי קומען און אַגב זיי מיטגעטיילט, אַז אין דמשק קאָן מען טאַנקרעד׳ן זייער גוט און דער גרעס־טער נגיד פון דמשק אַדאַם בעסאָ איז זיין גוטער פריינט און באַשיצער.

– ווער זשע זענט איר? האָט טאַנקרעד געפרעגט די באַדואינער.

– מיר זענען די קינדער רחבם, אונזער שבט פאַרנעמט איצט דעם דאָזיקן גרויסן שטח, וואָס ציט זיך אַרום און אַרום אין דער לענג און אין דער ברייט אויף צענדליקער טעג רייזע און אונזער גרויסער שייך איז געריסט איבער גאַנץ סיריען, ווער האָט נישט געהערט פון גרויסן שייך עמלק?

– אַזוי? – האָט טאַנקרעד געפרעגט אויסדריקנדיק דערביי זיין גרעסטע צופרידנהייט הייסט עס אַז דאָס איז דעם שייך עמלק׳ס איצטיגער לאַגער? איך בין זייער צופרידן וועגן דעם זיך צו דערוויסן. דערציילט אייער גרויסן שייך, אַז זיין פריינט, דער ענגלישער פירשט איז אַהערגעקומען וויל און אים אָפּגעבן אַ פריינטליכן שלום עליכם.

– אַזוי, זענט איר עס דער ענגלישער פירשט, וואָס איז קירצליך געווען צו גאַסט ביי אונזער גרויסן שייך אין פרי־

www.libtool.com.cn

ריקן לאַגער זײנעם? האָבן די באַדואינער מיט צופרידנהייט געפרעגט טאַנקרעד'ן.

און בײ די דאָזיקע ווערטער האָבן די באַדואינער אויסגעשטרעקט אײנער נאָכ'ן אַנדערן זײער רעכטע האַנט טאַנקרעד'ן און אים פרײנטלעך באַגריסט.

באַלד נאָך דעם זענען די באַדואינער שנעל, ווי אַ פײל פון בויגן, אַוועקגעפלויגן אויף זײערע פערד אין לאַגער אַרײַן מיטצוטײלן דעם גרויסן שײך וועגן טאַנקרעד'ס אָנקומען, און בײ אים צו בעטן אַנ'ערלויבניש אַז טאַנקרעד זאָל דעם שײך באַזוכן.

-- זעט ווי ס'גײט אונדז, — האָט זיך באַראָני געווענדעט צו טאַנקרעד'ן — אַרומבלאָנדזשענדיק אין דער סביבה כמעט אָן יעדן ציל, דאַרפן מיר צופאָרן צו אַנ'אָרט, וועלכן איר קלויבט זיך שוין לאַנג צו באַזוכן. איר האָט דאָך, מילאָרד, געוואָלט נאָך אַ מאָל דעם שײך עמלק באַזוכן, און אָט האָט אונדז דער צופאַל געבראַכט צו זײן נײעם לאַגער. כ'בין זיכער, אַז נאָך הײנט אָוונט וועלן מיר עמלק'ס גאַסטפרײנטלעכקײט געניסן און מיט אים צוזאַמען אין זײן געצעלט אָוונטברויט עסן.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט טאַנקרעד באַמערקט, ווי פון דער ווײטן דערנענטערט זיך צו זײ אַ גרופע רײטער. ווען די גרופע האָט זיך שוין געהאַט דערנענטערט אויף אַ האַלבע קילאָמעטער, האָט טאַנקרעד צווישן די רײטנדע באַמערקט דעם שײך עמלק. דאָס איז ווירקלעך געווען דער גרויסער שײך, וועלכער האָט, דערוויסנדיק זיך, אַז זײן גוטער פרײנט איז געקומען צו אים צו גאַסט, אַרויסגעפאָרן אים מקבל פנים צו זײן מיט'ן געהעריקן כבוד, וואָס אַזאַ אָנגעזעענעם גאַסט קומט. דער שײך אוז צוליב דעם אָנגעזעענעם גאַסט, וואָס באַערט אים הײנט מיט זײן באַזוך, געפאָרן אויף זײן בעסטן ראַסן-פערד און איז געווען אָנגעטון אין די טײערסטע יום-טוב'דיקע מלבושים. פון בײדע זײטן זענען געפאָרן די אָנגעזעענסטע שײכן פון יענעם שבט, וועלכע עמלק האָט

www.libtool.com.cn

איינגעלאַדן, זיי זאָלן אים באַגלייטן ביים פייערליכן קבלת פנים פונ׳ם ענגלישן פירשט. דעם שייך עמלק׳ס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ פייערל פון שמחה, ווען ער האָט דערזען זיין געוועזענעם געפאַנגענעם און שפעטער גוטן פריינט טאַנקרעד.

— טויזנט מאָל שלום, טויזנט ברכות אויף דיין קאָפּ! — האָט אים דער שייך באַגריסט, בעת ער איז צוגעגאַנגען צו טאַנקרעד׳ן פאַרנויגנדיק זיך פאַר אים, — ס׳איז פאַרהאַן נאָר איין גאָט אויף דער וועלט און אין זיין נאָמען באַגריס איך דיך, עדעלער פרינץ, און דריק דיר אויס מיינע איניקסטע גרויסע צופרידנהייט און פרייד דיך אין מיין נייעם לאַגער אַלס גאַסט צו זען.

— עליכם שלום, גרויסער שייך, — האָט טאַנקרעד באַגריסט עמלק׳ן, טיף זיך פאַר אים פאַרנויגנדיק, — ס׳פרייד מיך דיר געזונט און פריש צו זען, וואָס מאַכסטו ליבער פריינט, ווי גייט עס דיר?

— כ׳בין ווי דו זעסט, געזונט. דאָס איז אין מיינע יאָרן דער עיקר. זייענדיק געזונט, קאָן איך נאָך אויך פיל גוטעס האָפן.

— זאָל גאָט געבן, אַז אַלע דיינע האָפענונגען, ערוואַרטונגען און פאַרלאַנגען זאָלן מקוים ווערן — האָט טאַנקרעד געענטפערט אויף עמלק׳ס גליקווינטשע און פראַגן.

דער גרויסער שייך און טאַנקרעד האָבן זייט ביי זייט דייטנדיק, זיך דערנענטערט צום לאַגער און די גאַנצע צייט געפירט אַ לעבהאַפטן געשפרעך דערמאָנענדיק די טעג, וואָס טאַנקרעד האָט פאַרבראַכט אין אַלטן לאַגער ביים שייך אַלס געפאַנגענער. טאַנקרעד האָט עמלק׳ן דערציילט, אַז ער האָט סוכות פאַרבראַכט ביי זיין אײדעם אַדאַם בעסאָ אין דמשק און, אַז בעסאָ׳ס גאַסטפריינטליכקייט וועט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ער האָט שטאַרק געלויבט אַדאַם בעסאָ׳ן פאַר זיין חכמה, ענערגיע און אַנדערע מעלות, האָט אויסגעדריקט זיין באַוואונדערונג וועגן זיין אויסערגעוויינלעך געראָטענער טאָכטער

www.libtool.com.cn

וואַ, האָט אויך דערמאָנט צו גוטן עוואַ׳ס חתן הלל׳ן און רעדנדיק אַזוי וועגן דעם אַלעם, זענען זיי צוגעפאָרן צו שייך עמלק׳ס געצעלט. דער לאַגער שייך עמלק׳ס אין דער סירישער וויסטע איז געווען פיל גרעסער און האָט פאַרנומען אַ פיל גרעסערן שטח, ווי יענער, ווו טאַנקרעד האָט פאַרבראַכט אַלס געפאַנגענער. דאָ האָבן איצט געווינט עטליכע שבטים, וואָס שטייען אונטער דער ממשלה פונ׳ם גרויסן שייך עמלק, און אַלגעמיין האָט זיך אין גרויסן לאַגער געפונען אַ באַפעלקערונג פון עטליכע טויזנט מאַן. די סיבה, וואָס אין דעם דאָזיקן לאַגער האָט זיך קאָנצענטרירט אַזאַ גרויסע באַפעלקערונג, איז געווען פון איין זייט די זייער גינסטיקע לאַגע זיינע: אַן אָרט, וואָס איז אַרומגערינגלט געווען מיט פילע לאָנקעס און געהאַט גענוג וואַסער פאַר די קעמלען און שאָף, פון דער אַנדערער זייט — וואָס ער איז געלעגן נישט ווייט פון אַ גרויסן קאַראַוואַן-וועג, וואָס פאַרייניקט די גרעסטע שטעדט פון סיריען מיט די שכנות׳דיקע לענדער, ווען מ׳האָט אין לאַגער באַמערקט, אַז דער גרויסער שייך מיט זיין גאַסט דערנענטערן זיך שוין און דאַרפן באַלד אַהין אָנקומען, האָט מען — דאָס איז געווען שוין נאָכ׳ן זון-אונטערגאַנג — אויף פאַרשידענע ערטער פון לאַגער לכבוד דעם גרויסן גאַסט, אָנגעצונדן אַ מאַסע לאָמ-טערנעס און פייערס און די דאָזיקע אילומינאַציע האָט דעם לאַגער צוגעגעבן אַ באַזונדערן עפעקט. בעת דער שייך עמלק איז פון לאַנד אַרויסגעפאָרן מקבל פנים צו זיין טאַנקרעד׳ן, האָט ער פאַראָרדנט מ׳זאָל שחט׳ן עטליכע שאָף און מאַכן לכבוד דעם אָנגעזעענעם גאַסט זיינעם אַ גרויסאַרטיקן אָוונט-ברויט. דער מאָלצייט האָט זיך פאַרצויגן ביז שפעט אין דער נאַכט, מ׳האָט געגעסן און געטרונקען כיד המלך און שייך עמלק האָט זיין גאַסט אַרויסגעוויזן אַזאַ וואַרעמע גאַסטפריינטליכקייט און אויפמערקזאַמקייט וועלכע איז נאָר אין יענע ערטער צו באַמערקן. אַרום לאַנגן טיש זענען געזעסן די אָנגעזעענסטע שייכן פון פאַרשידענע שבטים און מ׳האָט זיך ביי רייכע מאכלים געמיטליך אונטערגעהאַלטן און גערעדט וועגן פאָליטיק

www.libtool.com.cn

מיט'ן ברודער פון דער ענגלישער קעניגין, וואָס איז אַזוי באַפריינדעט מיט'ן גרויסן שייך עמלק, אַז ער מאַכט אים אַליין וויזיטן. אין געצעלט ווו דער מאָלצייט צוליב טאַנקרעד'ן איז פאָרגעקומען, האָבן דורך די פאָרהאַנגען פון טיר, אַריינגעקוקט פרויען און קינדער, באַטראַכטנדיק מיט דער גרעסטער נייגעריקייט דעם הויכגעשטעלטן גאַסט און טיילנדיק זיך שטילערהייט צווישן זיך מיט די איינדרוקן וועגן אים. ווען דער גרויסאַרטיקער אָוונט-ברויט האָט זיך שוין געהאַט גע־ענדיקט און טאַנקרעד האָט זיצנדיק אויף דער רעכטער זייט פון שייך אויף דער קאַנאַפּע, גערויכערט אַ לאַנגן טשובעק און איז געווען ווי פאַר'שכור'ט פון שטאַרקן אַראָמאַטישן-טאַבאַק, האָט זיך צו אים עמלק געווענדעט:

– אויף אַלץ, טייערער גאַסט און עדעלער פּרינץ איז פאַרהאַן אַ צייט: אַ צייט צו עסן, אַ צייט צו טרונקען, אַ צייט די טייערע געסט מכבד צו זיין... איצט איז אויך געקומען די צייט, וואָס איך קען זיך ערלויבן דיך צופרעגן: ווי קומט דער ברודער פון דער ענגלישער קעניגין אין דער סירישער וויסטע, וואָס אייגנטליך האָט אים אין אונזער געגנט געבראַכט?

– וועגן דעם – האָט טאַנקרעד געענטפערט — איז דאָ זייער פיל דיר צו דערציילן, גרויסער שייך, אָבער איידער איך וועל דיר ענטפערן אויף דיין פראַגע, בעט איך דיך מיר צו זאָגן צי דו האָסט עפּיס ידיעות וועגן דיין איניקל עוואַ: וואָס הערט זיך מיט איר און ווו געפונט זי זיך איצט?

– דו פרעגסט – האָט זיך אָפּגערופן דער שייך, – ווו די רויז פון שרון איז, ווו בעסאָ'ס שיינע און קלוגע בת יחידה איז? – ווו זאָל זי דען זיין, ווען נישט ביי איר פאָטער אין הויז.

– כ'זע, גרויסער שייך — האָט טאַנקרעד געענטפערט, אַז דו ביסט שלעכט אינפאָרמירט בנוגע דיין איניקל אַז דו ווייסט גאָר נישט וואָס מיט איר האָט די לעצטע טעג פּאַסירט... צי האָסטו גאָר נישט געהערט אַז די שיינע רויז פון שרון

www.libtool.com.cn

האָט געהאַט דאָס אומגליק אַריינצופאַלן אין געפאַנגענשאַפט און איז פון דאָרט אַנטלאָפן. וואָס מיט איר איז און וווּ זי איז איצט — ווייס איך נישט און איך האָב גערעכנט בײַ דיר וועגן דעם זיך דערוויסן.

— אָבער מיין גאָט, — האָט אויסגעשריגן דער שייך, ברעכענדיק פון פאַרצווייפלונג און איבעררעשונג מיט די הענד, — ווי קומט אַדאַם בעסאָ'ס בת יחידה אין געפאַנגענשאַפט? וואָס האָט דאָ פּאַסירט, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען אַזעלכעס וואָס האָט אַזאַ אומגליק פאַר עוואַ'ן געבראַכט!

— ווי באַלד אַזוי, — האָט זיך אָנגערופן טאַנקרעד — וועל איך דיר אַלץ דערציילן וואָס אָנבעלאַנגט דיין איינינקל עוואַ, און דאָ האָט טאַנקרעד איבערגעגבן דעם שייך אַלע פּרטים וועגן עוואַ'ס געפאַנגענשאַפט; בײַ וועלכע אומשטענדן זי איז אין געפאַנגענשאַפט אַריינגעפאַלן, וואָס פאַר אַ גורל איר האָט ערוואַרט, ווען זי וואָלט פון איר קאַזעמאַט נישט אַנטלאָפן געוואָרן א. א. וו. דערציילענדיק דעם שייך וועגן דעם אַלעם האָט טאַנקרעד אויסגעדריקט זיין זאָרג און מורא, צי עוואַ איז אַנטלויפנדיק פון אַנזאַרן-לאַנד, נישט אַריינגעפאַלן אין אַ נייע געפאַנגענשאַפט — אין טערקישע הענד. אויסהערנדיק טאַנקרעד'ס ערציילונג, האָט שייך עמלק אויף אַ מינוט זיך פאַרטראַכט און דערנאָך באַמערקט, אַז נאָך זיין מיינונג, דאַרף עוואַ איצט אין אַלעפּאַ זיין. שייך עמלק האָט תּיכּף געהייסן אַריינרופן צו זיך איינעם פון די שייכן און האָט אים באַפוילן תּיכּף אַרויסצישיקן קיין אַלעפּאַ אַ שליח כּדי זיך דאָרט צו דערוויסן, וואָס מיט עוואַ'ן הערט זיך: צי איז זי געקומען בשלום צוריק פון געפאַנגענשאַפט.

— איידער דער צענטער טאָג וועט אַריבער, — האָט שייך עמלק באַמערקט, — ווענדענדיק זיך צו טאַנקרעד'ען וועלן מיר האָבן אַ קלאָרע תּשובה פון אַלעפּאַ, וואָס מיט עוואַ'ן הערט זיך און איצט, ברודער פון דער ענגלישער קעניגן, דערצייל מיר, ווי דו האסט פאַרבראַכט אין לאַנד פון די

www.libtool.com.cn

געצנדינער, ביי די אַנזאַרן אין לאַנד, ווי מ׳פאַרגעטערט דעם שד און מ׳ביקט זיך פאַר אים.

— אָ, האָט טאַנקרעד געענטפערט — ס׳איז זייער פיל צו דערציילן, ס׳איז אַ גאַנץ לאַנגע געשיכטע. אָבער איך וועל זי אייך מוזן דערציילן. נאָר איך מוז עס איבערלאָזן אויף אַנ׳אַנדער מאָל. איך בין יעצט נאָך דעם ווי איך האָב דריי מעת לעת נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין איין רייטן ביז איך בין אַהערצו געקומען, אַזוי מיד און פיל זיך אַזוי צובראָכן, אַז כ׳בין פשוט נישט אומשטאַנד, יעצט דיר די דאָזיקע געשיכטע צו דערציילן. פאַרגעס נישט, ליבער פריינט, האָט טאַנקרעד צוגעגעבן האַלב בעטנדיק ביים שייך אַנטשולדיגונג, אַז איך בין נישט קיין אַראַבער, הגם איך האָב אַראַביצן שטאַרק ליב און פאַר אַנ׳איירָאָפּעער אָבצורייטן דריי מעת לעת נאָכאַנאַנד, נישט אַראָבקריכנדיק כמעט פון פערד — איז נישט קיין שפּילעכל... כ׳מוז זיך נאָך אַזאַ לאַנגע און שווערע רייזע גוט אויסרוען און צו זיך קומען — און דאַמאָלט וועל איך דיר בעסטער פריינט מיינער דערציילן פון די אַנזאַרן זייער פיל און חוץ דעם נאָך פיל זייער אינטערעסאַנטע זאַכן. איצט געשעצטער גרויסער שייך און ליבער פריינט וועל איך דיר אַ גוטע נאַכט ווינטשן און נאָך אַמאָל ביי דער געלעגנהייט אויסדרוקן מיין העכסטע צופרידנהייט און פרייד, וואָס איך זע דיך פריש און געזונט, זאָל דיר נאָט העלפן זאָלסט באַגליקן מיט דיין קלוגער ממשלה די שבטים, וועלכע זענען דיר אונטערטעניג, און זאָל גאָט געבן, אַז דער שליח וואָס דו האָסט געשיקט קיין אַלעפּאַ, זאָל ברענגען וועגן איר אַ פרייליכע ידיעה, אַז זי איז געקומען גליקלעך פון געפאַנגענשאַפט און געפינט זיך אין זיכערהייט. אָבער, האָט טאַנקרעד אַריינפאַלנדיק אין אַ פילאָזאָפיש-מיסטישע שטימונג, צוגעגעבן: וואָס איז אייגנטליך צופרידנהייט, גליק און שמחה? כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת, גרויסער שייך, אַז וואָס לענגער איך לעב און וואָס מער איך דענק... מער האָט

www.libtool.com.cn

ער שוין נישט געקאָנט ריידן. דער יינגער לאָרד, וואָס האָט שוין דריי נעכט נאָך אַזאַ לאַנגן און שווערן וועג קיין אויג נישט צוגעמאַכט, איז פון גרויסער מידקייט אַנטשלאָפן געוואָרן.

## צענטעם קאַפּיטל.

— בעסאָ׳ן גייט בעסער פון טאָג צו טאָג, — האָט געזאָגט דער קאָנסול פּאַסקוואַלינאַ צו באַריצי פון טורם באַגעגנדיק אים אויף אַ שפּאַציר.

— יאָ, האָט באַריצי גלייכגילטיק געענטפערט — כ׳האָב געהערט, אָבער ער איז נאָך ווייט פון געזונט צו ווערן. דער דאָקטאָר פונ׳ם ... לישן פירשט האָט מיר געזאָגט. —

— וואָס פאַר דאָקטאָר? האָט זיך אָנגערופן פּאַסקוואַלינאַ, דער דאָקטאָר פונ׳ם ענגלישן לאָרד האָט בעסאָ׳ן אַפילו נאָך קיין איין וויזיט נישט געמאַכט, פון וואַנען קען ער וויסן ווי בעסאָ׳ס געזונט-צושטאַנד איז?

— אמת, — האָט באַריצי נאָכגעגעבן, אַז דער דאָזיקער דאָקטאָר האָט בעסאָ׳ן נאָך נישט באַזוכט, ער האָט מיר אָבער איבערגעגעבן, אַז געגן ווונדן —

— וואָס פאַר אַ ווונדן — האָט זיך אָנגערופן פּאַסקוואַלינאַ, — בעסאָ האָט קיין שום ווונדן נישט ער איז נאָר קראַנק פון די פאָלגן פון אַ ערשיטערונג, וואָס ער האָט באַקומען, אַראָפּפאַלנדיק פון זיין פערד, בעת די אַנזאַרן האָבן אויף אים מיט זיין טאָכטער דעם אָנפאַל געמאַכט, אָבער ווי קומט ער צו ווונדן...

— נו, לאָז שוין זיין ווי דו זאָגסט — האָט נאָכגעגעבן באַריצי — כ׳וועל זיך מיט דיר וועגן אַזאַ קלייניקייט נישט שפּאַרן.

— בעסאָ — האָט דער קאָנסול פּאַסקוואַלינאַ באַמערקט, —

www.libtool.com.cn

וואָלט בעסער אין אַלעפּאַ געדאַרפט פאַרבלייבן און אַהער קיין ירושלים, אין אַזאַ צושטאַנד נישט קומען, נישט רירן זיך פונ'ם אָרט, ביז ער וואָלט שוין פאָלשטענדיק געזונט געוועזן.

— בעסאָ קומט שטענדיק קיין ירושלים ווען ער איז קראַנק אָדער ווען ער פילט זיך נישט מיט אַלעמען — האָט באַריצי געענטפערט — די ירושלים'ער לופט, אַזוי זאָגט בעסאָ אַליין, קען אים ברענגען אַ רפואה.

— אָבער לעת עתה איז בעסאָ נישט אין ירושלים — האָט געענטפערט פּאַסקוואַלינאַ — נישט קענענדיק אין קיין זאַך מסכים זיין מיט באַרי־צין.

— וואָס זאָגסטו? וואָס זאָלן דיינע ווערטער באַדייטן? האָט געפרעגט דער פאַר'חידושט'ער באַריצי.

— בעסאָ געפינט זיך איצט אין בעטאַניען, — האָט זיך אָבגערופן דער קאָנסול.

אין בעטאַניען זאָגסטו? און וואָס זאָגסטו דערצו, וואָס אונזער בעסאָ'ן קומט אויס אַלץ אָבצולייגן זיין בת־יחידהס חתונה? ווען רעכנסטו וועט זיין ביי עזראַ'ן חתונה?

— עזראַ וועט באין אופן נישט חתונה האָבן — האָט פּאַסקוואַלינאַ מיט אַ טאָן פון אַ קאָמפּעטענטן מענטשן, וואָס איז באַקאַנט מיט די אינטימע פאַמיליען אָנגעלעגנהייטן בעסאָ'ס, געענטפערט — ביז איר פאָטער וועט פאָלשטענדיק נישט געזונט ווערן. — אַ מערקווירדיגע געשיכטע! האָט באַריצי אָנגעהויבן צו דערציילן אַנ'אַנדער נייעס: — די קורדן האָבן צוקלאַפּט אונזער מיליטער, וואָס זאָגסטו אויף דעם פּאַסקוואַלינאַ?

— וועלכע קורדן? האָט זיך אָבגערופן פּאַסקוואַלינאַ מיט אַ פאַראַכטונגס־טאָן — ווייס איך, וואָס דו רעדסט! דאָס זענען נישט קיין קורדן געוועזן, נאָר פאַרקליידעטע רוסן. מיר האָבן פאַרכאַפּט ביים שונא עטליכע האַרמאַטן — ווייזט

www.libtool.com.cn

זיך אַרויס, אַז די דאָזיקע האַרמאַטן זענען אין פעטערבורג אויסגעאַרבעט און געגאָסן געוואָרן פאַרשטייסטו מיך ? חוץ דעם האָט מען ביי אַנ׳אָפיציר, וואָס איז געוועז אָנגעטון אין טורקמענער מלבושים, געפונען אַ סך וויכטיקע דאָקומענטן, פון וועלכע ס׳איז אַרויסצוזען און ס׳איז כמעט קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער שונא וואָס איז אונדז באַפאַלן, איז נישט קיין קורד נאָר אַ רוס. אונזער רעגירונג וועט אין גיכן די דאָזיקע דאָקומענטן פאַרעפנטליכן און דאַמאָלט, וועט די גאַנצע וועלט זיך איבערצייגן, אַז אונדז זענען, אָן שום ספק דערצו פון אונדזער זייט באַפאַלן רוסן. דער גענעראַל קאָנסול לאַאורעלאַ, האָט פאַסקוואַלינאַ צוגעגעבן, ווילנדיק זיך איבער-נעמען מיט זיינע גרויסע באַקאַנטע — שרייבט מיר, פון דמשק, אַז די מזרח-פראַגע האָט נאָך קיין מאָל אין דער דיפּלאָמאַטישער וועלט נישט דערוועקט אַזאַ לעבההאַפטן אינטערעס, ווי איצט, אַז זי וועט אין גיכן אַוועקגעשטעלט ווערן אויף דער טאַגעס-אָרדנונג און איין מאָל פאַר אַלע מאָל מוזן אַנטשיידן ווערן. פון דעם האָט פאַסקוואַלינאַ רעזומירט זיינע ווערטער, איז געדרונגען, אַז ס׳איז איצט ערב גרויסע פּאָליטישע געשעענישן..

— טאַקע באמת ? — האָט באַריצי געפרעגט, אַנער-קענענדיק פאַסקוואַלינאַ׳ס אויטאָריטעט אין פּאָליטישע אָנגע-לעגנהייטן און האַלטנדיק אים פאַר זייער אַ גרויסן פּאָלי-טיקער. באַריציס נייגעריקייט האָט זיך ביי די לעצטע ווערטער פאַסקוואַלינאַס זייער פאַרשטאַרקט און ער האָט זיך געפליסט צו דערוויסן פונ׳ם קאָנסול וואָס מער נייעס און אויף זיינע מיינונגען וועגן דער נייער פּאָליטישער לאַגע.

— איך האַלט, — האָט דערביי באַריצי באַמערקט, אַז פאַלמערסטאָן וועט פאַרלאַנגען דורכאויס אַז ירושלים זאָל באַ-וועצט ווערן...

— געוויס: די ענגלענדער מוזן דאָך אָבזאַצגעביטן האָבן — האָט דער קאָנסול פאַסקוואַלינאַ געענטפערט.

www.libtool.com.cn

— יאָ, האָט באַריצי מסכּים געווען מיט פּאַסקוואַלינאַ׳ן — די ענגלענדער זענען שוין איין מאָל טיכטיקע מענער און ענערגישע אונטערנעמער. מיט די פּראָדוקטן און סחורות, וואָס זיי וועלן קיין פּאַלעסטינאַ אַריינפירן, וועלן זיי גלענצנדע געשעפטן מאַכן. כ׳רעכן זיך אַליין צו נעמען צו בוימוואָל-געשעפטן, כ׳האָב אָבער מורא, אַז אַדאַם בעסאָ׳ס האַנדלס-הויז וועט די גאַנצע בוימוואָל-בראַנזשע אַריינכאַפּן אין זיינע הענט און זי מאָנאָפּאָליזירן.

— כ׳האַלט אָבער נישט — האָט פּאַסקוואַלינאַ צוגעגעבן — כ׳האַלט נישט אַז די ענגלענדער זאָלן דאָ גוטע געשעפטן מאַכן, וואָס קענען מיר זיי, אַלס געגן-פּראָדוקטן פאָרלייגן? און דאָ האָט דער קאָנסול געבראַכט אַ גאַנצע ריי פאַקטן און ראיות, אַז די ענגלענדער וועלן אין פּאַלעסטינאַ קיין גוטע געשעפטן נישט מאַכן, אַז עסטרייך וועט זיי מיט ערפאָלג קאָנקורירן און אַרויסשטופֿן פון מאַרק.

אין דער זעלבער רגע, ווען פּאַסקוואַלינאַ האָט געענדיקט זיינע ערקלערונגען וועגן דעם ענגלישן האַנדל אין פּאַלעסטינאַ, האָט ער קוקנדיק דורכ׳ן פענסטער, דערזען אַ מענגע, רייטער, וועלכע האָבן באַגלייט דורך אַ בעדואינער-אָבטיילונג, זיך אָבגעשטעלט פאַר האַסאַן נייאידס הויז.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קאַראַוואַן? האָט פּאַסקוואַלינאַ געפרעגט באַריצין, אָנווייזנדיק אים אויף די גרופּע רייטער מיט זייער באַגלייטער. באַריצי האָט זיך גוט איינגעקוקט אויף דער גרופּע און באַלד דערקענט, אַז דאָס איז טאַנקרעד מיט זיינע באַגלייטער.

— דאָס איז דער ענגלישער פּרינץ — האָט באַריצי געענטפערט, ער האָט זעקס חדשים אַרומגערייזט, איבער סיריען, עגיפּטן און איצט קערט ער זיך צוריק פון זיין רייזע קיין ירושלים, ער האָט אויך, ווי איך האָב געהערט, באַזוכט דאָס לאַנד פון די געצנדינער, האָט אין עגיפּטן געשאָסן אויף קראַקאָדילן הכּלל — מיטגעמאַכט אַלץ, וואָס אַנ׳עכטער

www.libtool.com.cn

ענגלענדער דאַרף מיטמאַכן אויף אַ לאַנגער און ווייטער רייזע.
ב׳בין זיכער, — האָט באַריצי צוגעגעבן, אַז נאָך אַזאַ לאַנגער און ערמידענדער רייזע וועט ער זיך פרייען קיין ירושלים צוריקצוקומען און דאָ זיך גוט אָבצורוען. ס׳מעגן אויף דער וועלט גרעסערע שטעדט ווי ירושלים זיין, אָבער קיין שענערע, ווי די הייליקע שטאָדט, איז נישט פאַרהאַן אויף דער גאַנצער וועלט.

— די שענסטע שטאָדט אויף דער וועלט — האָט זיך אָפּגערופן פאַסקוואַלינאַ — איז ווענעדיג, דאָס האָט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט אַנערקענט.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז ווענעדיג איז אַזוי שיין? — האָט באַריצי געפרעגט, איר זענט דאָך דאָרט קיינמאָל נישט געוועזן.

— אָבער ווענעדיג האָבן דאָך מיינע אבות געגרינדעט, — האָט מיט שטאָלץ אויסגעשריפן פאַסקוואַלינאַ, — כ׳האָב ביי מיר אַ בילד — ווי ווענעדיג האָט אויסגעזען אין דער צייט, ווען זי איז געגרינדעט געוואָרן. — זאָגט וואָס איר ווילט — האָט זיך אָנגערופן באַריצי — כ׳האָב אָבער קיין מאָל נישט געהערט, אַז ווענעדיג זאָל מען קענען פאַרגלייכן צו ירושלים.

— ווייס איך וואָס דו רעדסט... ווי קומט ווענעדיג צו ירושלים? נאָר כ׳וויל די שטאָדט, ווו איך וווין, נישט באַליידיקן. באַריצי האָט געפונען פאַסקוואַלינאַס ווערטער בנוגע ירושלים פאַר אַ חלול הקדש און אָנצינדענדיק זיך פון כעס פון דער גרינגשעצונג, וואָס דער קאָנסול האָט זיך ערלויבט בנוגע דער הייליקער שטאָדט, האָט באַריצי גע-ענטפערט:

— כ׳וואָלט אייך געוואָלט באַמערקן הערר פאַסקוואַלינאַ, וועלכער האַלט זיך פאַר אַ קאָנסול, אַז ירושלים איז נישט נאָר גאָט׳ס שטאָדט, נאָר זי איז געוועזן דער שטאָלץ פון דער גאַנצער מענשהייט. פאַרשטייט איר מיך?

www.libtool.com.cn

— אַ קלייניקייט! — האָט פּאַסקוואַלינאַ שפּאָטיש גע־ענטפערט.

— ס'איז נישט קיין קלייניקייט, און ס'איז אַ חלול השם וועגן דער הייליקער שטאָדט אַזוי צו רעדן, האָט באַריצי מיט אַ שאַרפן פאַראורטיילענדן טאָן געזאָגט.

— ס'איז קיין חידוש נישט — האָט פּאַסקוואַלינאַ באַמערקט, וואָס בעסאָ ווייל וואָס גיכער פון דאַנען אַוועק־פאָרן... — אָבער איר וועט נישט וואַגן, האָט באַריצי זייענדיק שטאַרק אויפגעבראַכט פון זיין געגנערס רייד, באַמערקט — איר וועט די זעלבע ווערטער נישט וואַגן בעסאָ'ן צו זאָגן. מיר קענט איר זיך ערלויבן אַזעלכע זאַכן צו זאָגן, אָבער כ'וואָלט אַ בעלן געווען הערן, איר זאָלט אַזעלכע ווערטער און אַזאַ מיינונג אויסדריקן בעסאָ'ן אָדער אַנ'אַנדערן פון די אָנגעזעענע בירגער.

נאָר דאָ איז דער קאָנסול פּאַסקוואַלינאַ שטאַרק אין כעס געוואָרן אויף באַריצין דערפאַר, וואָס ער האָט זיך ער־לויבט וועגן אים צו ריידן אין אַזאַ טאָן. פּאַסקוואַלינאַ האָט זיך צו באַריצין געווענדעט, ברענענדיק פון כעס:

— ווי אַזוי ערלויבט איר זיך עס צו באַניצן אַזעלכע אויסדריקן בנוגע אַ פאַרטרעטער פון אַנ'איירראָפּעאישער מלוכה, איר פאַרגעסט זיך באַריצי מיט וועמען איר האָט די ערע צו רעדן.

— איך באַנוץ — האָט באַריצי געענפערט, אויפרעגנדיק זיך — איך באַנוץ אַזוינע אויסדריקן בנוגע אַ יאַניטשאַרן זון, וועלכער איז איצט עסטרייכישער קאָנסול.

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט באַריצי געגעבן זיין געגנער אָנצוהערן אַז ער ווייסט זיין יחוס, פון וואַנען ער שטאַמט, און אַז זיין אָבשטאַמונג קען אים פּאַסקוואַלינאַ'ן קיין באַזונדער רעכט אויף כבוד נישט געבן און קיין אַכטונג נישט פאַרשאַפן...

— איך וועל אייך שוין ווייזן, ווער איך בין און

www.libtool.com.cn

אייך צווינגען צו מיר מיט אַ געהעריקן רעספּעקט צו רעדן — האָט געענטפערט פּאַסקוואַלינאַ, כ'וועל זיך ווענדן צו אונזער באָטשאַפטער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט אַן'אָנקלאַגע אויף אייך.

בעת די צוויי אָנגעזעענע ירושלים'ער בירגער האָבן זיך צווישן זיך געאַמפּערט, איז טאַנקרעד אַראָב פון זיין פערד און מיט דער גאַנצער סוויטע זיינע אַריינגעגאַנגען אין האָסאַן-נייאיד'ס הויז אַריין וועלכעס ער האָט געדונגען באַלד, ווי ער איז קיין ירושלים אָנגעקומען. קומענדיק צוריק ביי ירושלים נאָך אַזאַ לאַנגער רייזע איבער סיריען און אַנסאַרן-לאַנד האָט טאַנקרעד נישט געטראָפן קיין איינעם פון די פערזאָנען, וואָס האָבן אים, לויט זיינע עלטערנס פאַרלאַנג, פון ענגלאַנד אַהער באַגלייט. דער אָבערסט דרויס איז דאַמאָלט געוועזן צו גאַסט ביים ענגלישן קאָנסול און האָט זיך דאָרט געלאָזט ווויל גיין ביי אַ רייכן מאָלצייט.

וואָס אָנבאַלאַנגט דעם צווייטן באַגלייטער טאַנקרעד'ס, דעם פאַסטאָר בערנאַרד, איז ער צו יענער צייט, ווי זיין שטייגער איז, געזעסן אין בית לחם און האָט דאָרט געפירט וכּוחים מיט'ן ענגלישן בישאָף.

דער דריטער באַגלייטער טאַנקרעד'ס אויף זיין רייזע פון ענגלאַנד, דער דאָקטאָר ראָבּי פלעגט די גאַנצע צייט פון טאַנקרעד'ס אָבוועזנהייט אַרומבלאָנדזשן אין די טאָלן, וואָס ליגן פון ביידע זייטן ירדן, פליקנדיק און זאַמלענדיק הייל-קרייטעכצער. ווענדיק זיך זען מיט זיינע לאַנדאָנער באַגלייטער, כּדי ביי זיי זיך צו דערוויסן אויב זיי האָבן נישט קיין ידיעות פון ענגלאַנד, האָט טאַנקרעד באַלד ווי ער איז אַראָב פון זיין פערד און אין הויז אַריין, געשיקט נאָך זיי, נאָר ס'איז אים אָבער לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן, ביז זיינע לאַנדסלייט האָבן זיך צוריקגעקערט און זענען אַהיימגעקומען. דאָ האָט זיך טאַנקרעד, נישט ווילנדיק, דערמאָנט, ווי ער איז געוועזן געגן דעם, אַז די דאָזיקע

www.libtool.com.cn

מענער זאָלן אים באַגלייטן, ווי ער האָט פאַר זיינע עלטערן געטענה׳ט, אַז די באַגלייטער זענען אים לחלוטין איבעריק און דאַרף זיי אַלס באַגלייטער נישט האָבן, אַז ער וועט זיך קאָנען אויסגעצייכנט באַגיין אָן זיי, נאָר נאָכגעבנדיק דעם הייסן ווונש פון זיין מוטער, האָט טאַנקרעד מסכים געווען, אַז די דאָזיקע דריי פּערזאָנען זאָלן מיט אים מיט פאָרן. ערשט דאָ אין ירושלים, האָט טאַנקרעד זיך איבער־צייגט אַז זיי אַלע, וואָס האָבן זיינע עלטערן אַזוי פיל געלד אָבגעקאָסט, האָבן אים דעם מינדסטען נוצן נישט געבראַכט און האָבן אין זיין רייזע געשפּילט אַ ראָלע פון אַ פינפטע ראָד אין אַ וואָגן.

אָברוענדיק זיך און אויסשלאָפנדיק זיך גוט נאָך זיין לאַנגן און שווערן וועג, האָט טאַנקרעד זיך געשפּירט ווי נישט צופרידן און אומעטיק, אַ שווער אומבאַקאַנט געפיל האָט געדרוקט זיין האַרץ און ער אַליין האָט זיך נישט געקענט אָבגעבן קיין חשבון, וואָס זיין טריבע שטימונג זאָל באַדייטן און פון וואַנען זי האָט זיך גענומען.

— כ׳וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט — האָט טאַנקרעד געזאָגט צו באַראָנין — אַז צוריקקומענדיק קיין ירושלים, נאָך דעם, ווי איך האָב אַזוי פיל מיטגעמאַכט און אַזוי פיל נייעס און איבערראַשענדעס איבערגעלעבט, — זאָל איך מיך אַזוי נישט גוט פילן. כ׳האָב גערעכנט, אַז וואָס מער איך וועל אין הייליקן לאַנד פאַרברענגען, וועל איך זיך אַלץ בעסער און מונטערער פילן און מיין זעלישע גלייכגעוויכט וועט דאָ צוריקגעשטעלט ווערן, — צום סוף אָבער לאָזט זיך אויס, אַז איך האָב מיך אין מיינע האָפנונגען גענאַרט...

— איהר האָט זיך נישט וואָס צו זאָרגן — האָט באַראָני טאַנקרעד׳ן געטרייסט און באַרויקט — אייער שלעכטע שטימונג איז אַ רעזולטאַט פון אייער וואַנדער־לעבן. אַלע הערן, וואָס איך האָב געהאַט די ערע צו באַגלייטן אויף זייער רייזע, האָבן איבערגעלעבט די זעלבע שטימונג אַפילו

www.libtool.com.cn

דער הערר פאַן סידאָניע — איך, זעלטן וועמען פון די רייזנ־דער איז אויסגעקומען נאָך אַ לאַנגע רייזע אויסצומיידן אַזאַ שטימונג, באַראָני וואָלט גערעדט וועגן דעם ענין אָן אַ סוף ווען טאַנקרעד וואָלט נישט איבערגעשלאָגן זיינע רייד מיט עטליכע פראַגן בנוגע זייער ווירטשאַפט, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט אין ירושלים, אַוועקפאָרנדיק פון דער הייליקער שטאָדט אויף גאַנצע זעקס חדשים.

– אַ שאָד, וואָס בעסאָ איז איצט נישט אין ירושלים, — האָט טאַנקרעד באַמערקט, דערוויסנדיק זיך פון באַראָני'ן, אַז בעסאָ איז איצט אין בעטהאַניען — ס'וואָלט מיר זייער הנאה געטון מיט אים זיך צו זען און אים צו באַגריסן.

– זאָל איך אפשר שיקן דעם אָבערסט ברויס רופן צו אייך, מילאָרד ? האָט באַראָני געפרעגט.

– כ'דאַנק אייך, באַראָני, נאָר מ'דאַרף דעם אָבערסט נישט רופן, זאָל ער זיין, ווו ער איז, און זאָל ער זיך לאָזן וויל-גיין כ'וויל זיך באַלד אַ ביסל נעמען צו דער אַרבעט — איבערקוקן די אָנגעקומענע קאָרעספּאָנדענץ אין דער אָבערסט וועט מיר נאָך שטערן אין דעם.

– אַרבעט... טעטיקייט, — האָט באַראָני אָנגעהויבן, ווי זיין שטייגער איז, דאָס איז די בעסטע רפואה פאַר'ן גייסט, דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס מאַכט דאָס לעבן אינהאַלטסרייך און גליקליך.

– אָבער, וועלכע אַרט אַרבעט און טעטיקייט איז נאָך דאָ אויף דער וועלט ? — האָט טאַנקרעד געפרעגט — די ענער־גישע מענער פון אייראָפּאַ זענען נאָך מיין מיינונג אַרבעטס־זאַמע בטלנים... אַ קוק טון אויף זיי דאַכט זיך, אַז זיי אַרבעטן פיל, אָנווענדענדיק פיל מי און ענערגיע. וואָס קומט אָבער אַרויס פון זייער אַרבעט און ענערגיע, אַז זיי ווערן אָנגע־ווענדעט אויף פאַלשע צוועקן און שעדליכע צילן : וואָס נאָך זעען מיר — אַז דאָרט, ווו מ'דאַרף ערנסט און פיל אַרבעטן, ווערט געאַרבעט און רעגירט ווי אויף קאַטאָוועס... דאָס אַלץ איז אַ רעזולטאַט פון פאַלשע וועלט-אָנשויונגען, פון פאַרשימלטע

www.libtool.com.cn

באַראורטיילן, פון פאַלשע באַגריפן אין אַ נישט ריינעם געוויסען... און אַלס פועל־יוצא פון דעם אַלעם, זעען מיר ווי גאַנצע גרויסע מלוכות, ווערן ווי קליינע שטעדט רעגירט... און וואָס מ׳שטיינס געזאָגט, שטעלט מיט זיך איצט פאָר אַ גרויסער שטאַטס־מאַן? ער איז אין תוך נעמענדיק, נישט מער ווי אַ בירגערמייסטער, מחמת ער טוט פאַר זיין מלוכה אויף פונקט אַזוי פיל ווי אַ בירגערמייסטער פאַר זיין שטאָדט. אַזעלכע שמאָלע באַגריפן וועגן זייער אויפגאַבע און באַרוף האָבן אונד־זערע מאָדערנע מלוכה־מענער און אַזוי ווייניק טוען זיי טאַקע דעריבער אויף פאַר זייער פאָטערלאַנד... און דאָס ערגסטע איז, האָט טאַנקרעד צוגעגעבן אריינפאַלנדיק אין אַ מעלאַנכאָלישן טאָן. דאָס ערגסטע איז וואָס אַזאַ לאַגע קען נישט געענדערט ווערן, כּל זמן מיר וועלן נישט אומשטאַנד זיין די מענטשהייט צו פאַרעדלען און אין איר אַן׳אַנדער גייסט אריינצוגיסן, דאָס אַלץ קען נישט געענדערט ווערן ביז מיר וועלן די רעגירונגען נישט קענען בעסער מאַכן.

ווייל דאָס טעמא, וועגן וועלכן טאַנקרעד האָט גערעדט, איז געווען פאַר באַראָני׳ן צו אַבסטראַקט און העכער פון זיין פאַרשטאַנד, האָט ער זיין מיינונג וועגן דעם ענין, וואָס טאַנקרעד האָט אַנטוויקלט, נישט אַרויסגעזאָגט און ווילנדיק מאַכן אַ סוף צו יענעם געשפּרעך, האָט ער זיך צו טאַנקרעד׳ן געווענדעט, – איר זענט הייגט, מילאָרד, אַ ביסל נערוועז, אפשר נעמט זיך עס דערפון, וואָס איר האָט עפּיס אין זין אויפצו־טון און דאָס קומט אייך שווער אָן, מ׳דאַרף זיך אָבער נישט נעמען צום האַרצן די שוועריקייטן, מיט וועלכע יעדע התחלה איז פאַרבונדן. די צייט אָבער, האָט באַראָני צוגעגעבן, וועט אייך שוין אַרויספירן אויפ׳ן גלייכן וועג, און אייער אידעע וועט שוין דאַמאָלט פאַרווירקליכט ווערן.

טאַנקרעד האָט דעם צווייטן טאָג, וואָס ער איז קיין ירושלים צוריקגעקומען, פאַרבראַכט אין זיין צימער איינער אַליין פאַרטיפט אין געדאַנקען. ווען ס׳איז נאַכט געוואָרן האָט ער געבעטן באַראָני׳ן, ער זאָל קיינעם נישט אויפנעמען און

www.libtool.com.cn

אים לאָזן אַליין, ווייל ער פילט זיך, אַז יעדער זייטיקער מענטש וואָלט אים געשטערט און צו לאַסט געווען. אין אַ שעה אַרום האָט זיך אין טאַנקרעד׳ס פּאָרצימער באַוויזן דער אָפּערסט ברויס, וועלכער האָט נאָר וואָס זיך דערוווסט וועגן טאַנקרעד׳ס אָנקומען. באַראָני האָט אָבער, אונטער פאַרשידענע תּירוצים, דעם אָבערסט צו טאַנקרעד׳ן נישט דערלאָזט, און ברויס האָט געמוזט זיין וויזיט אָפּלייגן אויף מאָרגן. אין אַ האַלבע שעה איז טאַנקרעד׳ן צו באַגריסן געקומען מיסטער בערנאַרד. ער האָט שוין עטליכע טעג נאָכאַנאַנט פאַרבראַכט אין בית לחם און איז פון דאָרטן געקומען שטאַרק אויפגערעגט און אין גרעסטן כּעס, ווייל רויבער האָבן אים דעם גאַנצן וועג נאָכגעיאָגט און זאָגאַר אויף אים פון אַ פּיסטאָלעט איין מאָל אויסגעשאָסן, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז דער אָנפירער פון די רויבער געווען איינער פון יענע שווינדלער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעגעבן פאַר אַ ייד און כּדי אַרויסצוציען געוויסע מאַטריעלע נוצן, זיך געלאָזט דורך מיסטער בערנאַרד איינרעדן זיך צו שמד׳ן. איינער פון די דאָזיקע שווינדלער האָט זיך דערוווּסט אַז מיסטער בערנאַרד טראָגט מיט זיך אַ טייערן עקזעמפּלאַר תּנ״ך, אין אַן אייננבונד מיט גאָלדענע שלעסלעך, וואָס טאַנקרעד׳ס מוטער די הערצאָגין מאָנטאַקוט האָט אים געשאָנקען. דעם שווינדלערישן משומד איז שטאַרק געפעלן געוואָרן נישט דער עקזעמפּלאַר פון תּנ״ך גופא ווי די גאָלדענע שלעסלעך, פאַר וועלכע מ׳האָט געקאָנט עטליכע פּיאַסטער קריגן...

פון טאַנקרעד׳ס צוריקקומען האָט זיך אויך דערוווּסט דער דאָקטאָר ראָבי, וועלכער האָט, ווי זיין שטייגער איז, אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט ביי די ירדן-ברעגעס, זוכנדיק און זאַמלנדיק הייל-קרייטעכצער. נאָר בעת דער דאָקטאָר איז טראָגנדיק מיט זיך גאַנצע פּעק פון די קרייטעכצער, געקומען שוין שפּעט אין אָוונט, צו באַגריסן טאַנקרעד׳ן, זענען שוין די טויערן פון זיין הויז געווען פאַרשלאָסן. דער דאָקטאָר האָט געמוזט זיך צוריקקערן און איבערנעכטיקן יענע נאַכט איז אַן אַכסניה.

www.libtool.com.cn

טאַנקרעד האָט די גאַנצע נאַכט, פאַרבראַכט כמעט נישט שלאָפנדיק. די פּאָר שעה, וואָס ער איז איינגעשלאָפן, האָבן זיך אים געחלומ'ט נישט קיין גוטע חלומות. ער האָט זיך אין חלום געזעען אין דער וויסטע ביי שייך עמלק'ן אין לאַגער, שפּעטער אַ ביסל — אין קאַזעמאַט פון זשינדאַריקס, ווו עוואַ איז אַלס געפאַנגענע געווען פאַרשלאָסן. פּלוצלינג האָט זיך דאָס בילד געענדערט און טאַנקרעד האָט זיך דערזען ביי זיך אין דער היים אין בעלאַמאָנטער שלאָס אין דער סביבה פון זיינע עלטערן און אַלטע באַקאַנטע.

נישט קאָנענדיק לאַנג איינשלאָפן איז טאַנקרעד געלעגן אויף זיין ווייכן געלעגער פאַרטיפט אין געדאַנקען. ווי קומט ער איבערהויפּט אַהער? וואָס פאַר אַ כח האָט אַזוי מעכטיק אים פון זיין קאַלטן פאָטערלאַנד אַהער אונטער'ן גליענדן הימל פונ'ם הייליקן לאַנד געטריבן און, נישט קוקנדיק אויף די פיל שטערונגען, וואָס ער האָט באַגעגנט, אים אַהער געבראַכט? אַ שרעקליכע קוועלענדע פראַגע. איז זיין קומען אַהערצו נישט געווען, ווי פיל מיינען, אַ רעזולטאַט פון אַ קראַנקהאַפטער נייגיריקייט, פון אַ זוכעניש פון נייע איינדריקן, אויף וועלכע פיל רייכע אַריסטאָקראַטן ליידן אַזוי?.. טאַנקרעד האָט אָנגעהויבן זיך צו גריבלען אין דער טיפעניש פון זיין נשמה, וועלנדיק שטאַרק דערגיין דעם מקור פון זיין הייסן ווונש אַהער צו קומען, און נאָכדענקנדיק וועגן אָנציונגס-קראַפט, וואָס האָט אים קיין פאַלעסטינאַ געבראַכט, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זיין אומבאַזיגבאַרע שטרעבונג צו באַזוכן דאָס הייליקע לאַנד האָט אונטער זיך גאָר אַנ'אַנדערן יסוד, אַנ'איידעלן און געזונטן, וואָס האָט קיין "שום געמיינזאַמעס מיט „קראַנקהאַפטע נייגיריקייט" און זוכעניש פון נייע איינדריקן. ניין, איז טאַנקרעד איין מאָל פאַר אַלע מאָל געקומען צו אַ פעסטן באַשלוס: יענער כח, וואָס האָט מיך אַזוי מעכטיק אַהער געצויגן, איז גאָר פון אַנ'אַנדערן כאַראַקטער, ס'איז אַ ערהאַבענער, אַ מין געטליכער כח. און אין דעם באַוווסטזיין, אַז ער איז נישט פון דער „קראַנקהאַפטער נייגיריקייט" און פיל אַנדערע

www.libtool.com.cn

שוואַכקייטן, אויף וועלכע ס׳רוב מענטשן פון זיין סביבה ליידן אַזוי, האָט טאַנקרעד געפונען אַ מאָראַלישע סאַטיספאַקציע און ערהאַבענע צופרידנהייט, און צי איז דען, האָט זיך טאַנקרעד געטראַכט, אַ חידוש, וואָס זיין גייסט איז אַזוי ענק און אָרגאַניש פאַרבונדן מיט די דאָזיקע הייליקע ערטער, האָט ער דען נישט אין זיינע פריסטע קינדער-יאָרן אין זיינע תפילות יענע ווער-טער אין די טויזנטער מאָל איבערגע׳חזר׳ט, וועלכע זענען פונ׳ם באַרג סיני אַ מאָל צום גליק פון דער מענטשהייט געגעבן און אַרויסגעזאָגט געוואָרן? און איז דען נאָך די דאָזיקע גע-זעצן שפּעטער, ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, זיין גאַנץ לעבן נישט איינגעריכטעט און צוגעפּאַסט געוואָרן? פון דער גע-שיכטע פונ׳ם אייביקן יידישן פאָלק האָט ער זיך שפּעטער די ערשטע אַנשויונג איבער מענטשליכע און געטליכע זאַכן אויס-געאַרבעט, די געשיכטע פון יידישן פאָלק, איז געווען דער יסוד פון זיין גאַנצער וועלט-אַנשויונג און די הייליקע ווער-טער, פון די גרויסע יידישע נביאים האָבן אין זיין האַרצן דעם הייליקן פייער פון גערעכטיקייט און אמת אָנגעצינדן און נאָך אין די קינדערישע יאָרן אים אַזוי באַגייסטערט און באַ-צויבערט, צווישן אים און די דאָזיקע הייליקע ערטער עקזיס-טירט אַ שטאַרקער אינערליכער באַנד, אַ הייליגעס באַנד, וואָס קיין כח אויף דער וועלט קאָן עס נישט איבעררייסן. יאָ, האָט זיך טאַנקרעד ווייטער געטראַכט, מיין קומען אַהער קאָן מען נישט פאַרגלייכן צו אַ באַזוך, וואָס אַנ׳אינדישער בראַמען מאַכט אין אייראָפּאַ פון נייגיריקייט אָדער צוליב אַ וויסנשאַפטליכן צוועק דאָס לאַנד. וואָס דער בראַמען באַזוכט, איז נישט זיין לאַנד און נישט דאָס לאַנד פון זיינע אבות, די געזעצן, וואָס עקזיסטירן אין אייראָפּאַ, זענען נישט זיינע געזעצן און דאָס גלויבן, וואָס דאָרט הערשט, איז נישט זיין גלויבן, הכלל די גאַנצע אייראָפּעאישע קולטור איז אים לחלוטין פרעמד און צווישן אים און אייראָפּאַ איז קיין מינדסטער גייסטיקער פאַר-באַנד נישט פאַרהאַן: קיין גייסטיקער פעדעמל פאַרבינדט נישט די דאָזיקע צוויי וועלטן: אינדיען און אייראָפּאַ. דאָס

www.libtool.com.cn

זעלבע קאָן מען אָבער בנוגע מיר, אַלס ענגלענדער, נישט זאָגן, נאָך מיט דריי טויזנט יאָר צוריק זענען דאָ, אין הייליקן לאַנד לערן און פרינציפּן פּראָקלאַמירט געוואָרן צו וועלכע זיין לעבן, און וועלט-אַנשויונג איז אַזוי צוגעפּאַסט און וועלכע האָבן אַ בולט'ן שטעמפּל געלייגט אויפ'ן גאַנצן קולטורעלן לעבן פון אייראָפּאַ און פון דער ציוויליזירטער וועלט. טאַנקרעד האָט זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס וואָלט פון זיין פאָטערלאַנד געוואָרן, ווען ענגלאַנד וואָלט נישט איבערגענומען און פאַרהייליקט אויף שטענדיק יענע געזעצן אין לערן, וואָס זענען דאָ פּראָקלאַמירט און געגעבן געוואָרן. יאָ, האָט טאַנקרעד זיך ווייטער געטראַכט, דאָס לעבן און דאָס אייגנטום אין ענגלאַנד ווערן געשיצט דורך די געזעצן פון סיני, דאָס ביטער און שווער אַרבעטנדע ענגלישע פאָלק האָט אַלע זיבן טאָג אַ רו-טאָג — און דאָס איז אויך אויפ'ן באַרג סיני אים געגעבן געוואָרן. און דאָך רודפ'ט מען די יידן און מ'האַסט יענע ראַסע, וועלכע מ'האָט צו פאַרדאַנקען פאַר די דאָזיקע ערהאַבענע געזעצגעבונג, וואָס האָט מענטשן אַזוי באַגליקט און ווען די ענגלישע אַרבעטער-קלאַסן רוען זיך אָב אויפ'ן זיבעטן טאָג פון זייער שווערער אַרבעט, וועלכע דערמאָנט אָן די עגיפּטישע שקלאַפעריי און פילט דאָס באַדערפעניש פון אַלע געדריקטע און פאַרגוואַלדיקטע צו דערקוויקן דאָס האַרץ און דעם גייסט מיט דעם באַלזאַם פון פּאָעזיע — צו וועלכער פּאָעזיע ווענדעט זיך דאַמאָלט דאָס ענגלישע פאָלק? ווו זוכט עס זיין טרייסט און ערלייכטונג? ווער איז דער פּאָפּולערסטער דיכטער אין ענגלאַנד? איז עס לאָרד בייראָן? אָדער אפשר שעקספּיר? ניין, — דער פּאָפּולערסטער דיכטער אין ענגלאַנד איז דער גרויסער און ערהאַבענער משורר פון יידישן פאָלק. זינט דאָס יידישע פאָלק איז אַ פאָלק געוואָרן און אייראָפּאַ האָט זיינע הייליקע ביכער איבערגענומען איז נישטאָ קיין פאָלק אין דער וועלט וואָס זאָל זיך אַזוי באַגייסטערן מיט דוד המלך'ס תהלים ווי דאָס ענגלישע פאָלק. ווען די גאַנצע מענטשהייט האָט אַזוי פיל צו פאַרדאַנקען דעם יידישן פאָלק פאַר די-

www.libtool.com.cn

גרויסע גייסטיקע אוצרות, וועלכע עס האָט איר געגעבן, אין דאָס ענגלישע פאָלק אים דאַנקבאַר און איז זאָגאַר זיין בעל חוב מער פון די איבעריקע פעלקער אויף דער וועלט, ווייל קיין פאָלק האָט ביי די יידן נאָך נישט איבערגענומען אַזוי פיל גוטס און ערהאַבענס ווי די ענגלענדער.

ווי זשע קומט עס, האָט זיך טאַנקרעד געפרעגט, וואָס אַנדערע פעלקער רודפ׳ן אַזוי יענער ראַסע. ביי וועלכע זיי האָבן איבערגענומען די הייליקסטע געזעצן און די דאָזיקע געזעצן אין זיך איינגעזאַפּט און געמאַכט פאַר אייגענע, ביי וועלכער זיי האָבן אויך איר גרויסע ליטעראַטור איבערגענומען אַלס בעסטע קוועלע פון טרייסט, גייסטיקע פאַרגעניגן און מאָראַלישע צניעות? דאָס איז זייער אַ וויכטיקע גרויסע פראַגע און ס׳וואָלט שוין לאַנג צייט געווען די פאַטאַלע יידישע פראַגע איין מאָל פאַר אַלע מאָל צו לעזן, ראַדיקאַל צו ענדערן די באַציונגען מצד פון די קריסטליכע פעלקער צום אייביקן אונשטערבליכן יידישן פאָלק און צו באַצאָלן דעם אַלטן היסטאָרישן חוב, וואָס קומט אים פון די איבריקע פעלקער. טאַנקרעד האָט זיך געזאָגט: גאַנץ אָבגעזען פון באַוווּנדערס ווערטע געזעצן, פון זיין הערליכע פּאָעזיע, באַגייסטערן אונדז יעדן טאָג דינענדיק פאַר אונדז אַלס קוועלע פון דער גרעסטער גייסטיקער דערקוויקונג, גאַנץ אָבגעזען פון דער יידישער העראָאישער געשיכטע. וועלכע האָט אונדז אַזוי באַגייסטערט צום קאַמף פאַר אונדזער פרייהייט און אונדז אַזאַ גרויסע טובה געטון — האָבן מיר דעם יידישן פאָלק צו דאַנקען פאַר דעם גרויסן רעיון פון גאָטהייט, וואָס ער האָט אונדז געגעבן און אַזוי אַנטוויקלט.

ווי באַלד אַזוי, איז טאַנקרעד געקומען צום באַשלוס, — האָב איך טאַקע דאָס רעכט דאָ צו זיין און ס׳איז נישט קיין חידוש, וואָס מיך האָט אַזוי שטאַרק אַהערגעצויגן... איך בין נישט קיין לעבקינד און נישט קיין אָריענטאַליסט, וועלכער איז פּעיק אָבצושטיין אויף אַ חורבה שעה׳נווייז און קומען

www.libtool.com.cn
אין דער גרעסטער התלהבות פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס קען זיך ברעכן דעם קאָפּ איבער אַ שווער פאַרשטענדליכער אויפשריפט אויף אַן׳איינגעפאַלענער אַלטע מצבה. איך האָב געמאַכט אַ רייזע אין לאַנד אַלס הייסער אַנהענגער פון די געזעצן, וואָס זענען דאָ געגעבן געוואָרן און אַלס אַ מענטש, וואָס שטעלט אַזוי הויך די יידישע אמונה, וואָס באַציט זיך מיט דער גרעסטער אַכטונג צום גערודפ׳טן יידישן פאָלק. איך בין געקומען אויפן הייליקן באָדן צו זוכן אַ רפואה פאַר מיין זעעלישער קראַנקהייט און באַרויקונג פאַר מיין פאַרשעגדן גייסט. און פון דעם אַלעם איז געדרונגען, אַז איך קען אויך האָפן דאָ, אין הייליקן לאַנד, געהאָלפן צו ווערן און פון מיינע אונערטרעגליכע ספקות און גייסטיקער לאַסט אויסגעלייזט צו ווערן.

אין אַזעלכע מחשבות וועגן יידישן פאָלק איז טאַנקרעד ערשט פאַר טאָג איינגעשלאָפן. בעת ער האָט זיך אויף מאָרגן, אַביסל דערפרישט, אויפגעכאַפּט פון זיין קורצן נאָר שטאַרקן שלאָף, איז אים אויפן האַרצן געוואָרן לייכטער און ער האָט זיך דערשפּירט באַפרייט פון יענער דריקענדער שטימונג וועלכע האָט אים נעכטן אַ גאַנצן טאָג אַזוי שטאַרק געהאַלטן אין איר מאַכט. טאַנקרעד האָט די פּלוצלינגע ענדערונג פון זיין שטימונג צוגעשריבן דעם הערליכן וועטער, הגם צו ביי־יאָר איז נאָר איין וואָך געווען האָט זיך דאָס קלימאַט זייער ווייניק געענדערט און אין דרויסן איז געווען וואַרים ווי אין ענגלאַנד אין אָנהויב אויגוסט.

אַרום און אַרום האָט געהערשט אַזאַ מילדע וואַרימקייט, אַז מ׳האָט נישט מורא האָבנדיק זיך צו פאַרקילן, געקענט עסן אין אָווענט אויף די טעראַסן און דאָרט פאַרברענגען ביז שפּעט אין דער נאַכט. ערשט איצט האָט טאַנקרעד זיינעם אַ דינער געהייסן מיטטיילן דעם אָבערסט ברויס, אַז ער וואָלט אים געוואָלט זען, מיט אים אַ שפּאַציר מאַכן און שפּעטער צוזאַמען מיט אים ווי אויך מיטן מיסטער בערנאַרד און

www.libtool.com.cn

דאָקטאָר ראַבי צו פרישטיקען. ווען די דאָזיקע דריי באַגלייטער זיינע זענען געקומען צו פרישטיק, האָבן זיי הערצליך טאַנקרעדן באַגריסט און אויסגעדריקט זייער צופרידנהייט און פרייד, וואָס זיי זעען אים געזונט און מונטער נאָך אַזאַ לאַנגער און ווייטער רייזע און נאָך דעם, וואָס ער האָט אויף דער רייזע מיטגעמאַכט. טאַנקרעד האָט זיי געדאַנקט פאַר זייערע פריינטליכע ווערטער און פון זיין זייט אויך אויסגעדריקט זיין צופרידנהייט, וואָס זיי זענען געזונט און פילן זיך דאָ אין ירושלים גאַנץ גוט. געזעגנדיק זיך נאָכן פרישטיק מיט זיינע גוטע פריינט, איז טאַנקרעד אַרויס פון שטוב און זיך געלאָזט גיין אויף אַ שפּאַציר צום הר הזיתים. ס'איז געווען אַ זעלטן שיינער קלאָרער און זאַנפטיקער פאַרמיטאָג. שטייענדיק אויפן הר הזיתים, האָט טאַנקרעד מיט אַ באַזונדערן באַגייסטערונגס-געפיל געקוקט פון דער הויך אויף דער פּאַנאָראַמע פון ירושלים און דער סביבה, וואָס האָט זיך פון דאָרט געעפנט פאַר זיינע ענטציקנדע אויגן. די גאַנצע שטאָט מיט איר פיל קופּעלן מיט די לאַנגע געמויערטע ווענט מיט טוירן און טורמען און מיט די לאַנגע און ברייטע גערטער איז דאַמאָלט געווען באַגאָסן מיט וואַרימע שטראַלן פון דער דעצעמבער-זון וואָס האָט פון קלאָרן בלויען הימל אַזוי מילד און אַנגענעם געשיינט, וועקנדיק ביי מענטשן די בעסטע און פרייליכסטע געפילן צופרידנהייט פון פרייד. דאָ האָט טאַנקרעד פאַרבראַכט עטליכע שעה נישט קענענדיק זיך זאַט אָנקוקן אויף די פּראַכטפולע פּאַנאָראַמע, וואָס האָט זיך פון הר הזיתים אויף דער הייליקער שטאָדט געעפנט. ווען טאַנקרעד איז געקומען צו זיך אַ היים, האָט ער שוין דאָס מאָל געטראָפן זיינע אַלע דריי באַגלייטער. ביי מיטאָג האָבן זיי ביי טאַנקרעדן אויסגעפרעגט וועגן אַלץ, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט פון זיין אָבוועזנהייט פון ירושלים מיטגעמאַכט. טאַנקרעד האָט זיי כמעט וועגן אַלץ, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, דערציילט, און ווען דער אָבערסט ברויס האָט טאַנקרעדן געפרעגט, צי ער איז אין אַלגעמיין צופרידן פון זיין

www.libtool.com.cn

רייזע און צו האָבן אים די שוועריקייטן פון דער רייזע נישט געשאַדט, האָט טאַנקרעד געענטפערט.

— ווען מיר וואָלטן זיך נאָר געזאָרגט וועגן באַקוועמ־ליכקייט פאַר אונדזער קערפּער, אַז אונדז זאָל קיין מאָל גאָר נישט אויספעלן, ווען מיר וואָלטן נישט פעיק געווען פון צייט צו צייט אַרויסטרעטן ווייט פון די גרעניצן, וואָס די לעבנס־באַדינגונגען האָבן פאַר אונדז אויסגעאַרבייט, וואָלט דאַכט זיך, דער מענטשליכער פּראָגרעס זיך נישט גערוקט אויף קיין האָר און מיר וואָלטן נאָך איצט געווען אויף זייער אַ נידרי־קער קולטורעלער און מאָראַלישער שטופע. פון דעם אָבער, האָט טאַנקרעד האַלב לאַכנדיק צוגעגעבן. איז נאָך נישט געדרונגען, אַז אָפּזאָגנדיק זיך פון קאָמפאָרט און גוטע לעבנס־באַדינגונגען מיט וועלכע איך בין אין בעלאָמאָנט און לאָנדאָן אַרומגערינגלט געווען האָב איך מיטגעהאָלפן צום פּראָגרעס פון דער מענטשהייט. גיין מיט מיין רייזע קיין פּאַלעסטינאַ און מיט דעם קליינעם קרבן, וואָס איך האָב געבראַכט. מאַכנ־דיק די דאָזיקע שווערע רייזע, האָב איך קיינעם חוץ זיך אליין קיין טובה נישט געטון.

— איר זאָגט, מיליאָרד, אַ קליינעם קרבן, — האָט זיך אָנגערופן מיסטער בערנאַרד: אַ קליינער קרבן איז דאָס נאָכ־דעם, ווי איר האָט אין דער וויסטע און עמלק׳ס געצעלט איבערגעטראָגן אַזאַ געפערליכע קרענק און זענט נאָר כמעט ווי דורך אַ נס ניצול געוואָרן פון טויט. וואָס, מיליאָרד, וואָלט מיט אייך געווען, ווען אין שייך עמלקס לאַגער וואָלט נישט געקומען די שיינע עווא, וועלכע איר האָט צו פאַרדאַנקען, וואָס איר זענט לעבן געבליבן?

— איר ווייסט דאָך אָבער, מיסטער בערנאַרד, אַז דעציד־רנדיק זיך אויף דער דאָזיקער רייזע, וואָס איז פאַר מיר אַ לעבנס־ציל געווען, האָב איך זיך פאָלשטענדיק אונטערגע־וואָרפן אַלע אומ־אַנגענעמליכקייטן און סכנות, מיט וועלכע אַזאַ ווייטע רייזע איז פאַרבונדן, און אויב מיר וועלן אפילו אויף אַ רגע מסכים זיין מיט אייער מיינונג אַז אָפּזאָגנדיק

www.libtool.com.cn

זיך אויף אַ געוויסע צייט פון באַקוועמען לעבן אין ענגלאַנד צוליב די רייזע, וואָס איך האָב געמאַכט, האָב איך ווירקלין אַ קרבן געבראַכט, ס'קומט מיר אויך פאַר דעם קיין דאַנק נישט ווייל אין תּוך גענומען, האָב איך מיט מיין רייזע דאָך פאַרפאָלגט אַ פּערזענליכן און נישט געזעלשאַפטליכן צוועק.

— נו, געשעצטער לאָרד — האָט מר. בערנאַרד געענט־פערט: איר האָט שטענדיק געהאַט אַ טבע יענעמס גוטע מעלות און גוטע טאַטן איבערצושעצן און אייערע אייגענע — גרינגצושעצן...

— אמת, מר. בערנאַרד, איז פאָלשטענדיק גערעכט, — האָט זיך גלייכצייטיק און גאַנץ אויפריכטיק אָנגערופן אָבערסט ברויס און דאָקטאָר ראַבי.

— לאָמיר, מיינע ליבע הערן דעם דאָזיקן וכּוח איבערלאָזן אויף אַן־אַנדערס מאָל, האָט זיך אָנגערופן טאַנקרעד. דערציילט מיר בעסער, ווי איר האָט דאָ, אין מיין אָבוועזנהייט, די צייט פאַרבראַכט און ווי איר האָט זיך דאָ געפילט. דער אָבערסט — דאָקטאָר ראַבי און מר. בערנאַרד האָבן איבערגעגעבן טאַנקרעדן אַלץ, וואָס זיי האָבן דאָ מיטגעמאַכט אין ירושלים און אין אַלגעמיין אויסגעדרוקט זייער צופרידנהייט מיט זייער לעבן און אַרט פאַרברענגען די צייט. דער געשפּרעך איז ווייטער אַריף אויף די פראַגע, וואָס טאַנקרעד וויל ווייטער טון און וווהין ווייטער פאָרן, דאָ האָט זיי טאַנקרעד מיטגעטיילט, אַז ער ועט זיך מיט זיינע באַגלייטער געזעגנען נאָך עטליכע וואָכן, כּדי דאָס צווייטע מאָל דעם באַרג סיני צו באַזוכן, טאַנקרעד האָט דערביי צוגעגעבן, אַז ער וועט די רייזע צום באַרג סיני מאַכן נאָך די טעג. טאַנקרעד האָט אויך צוגעגעבן, אַז דאָס מאָל וועט ער צום באַרג סיני פאָרן אין באַגלייטונג נאָר פון באַראָני און פון זיין ווירט האַסאַן, ווייל דער וועג צום הייליקן באַרג איז אים שוין גוט באַקאַנט און איצט האָט ער שוין נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר אַן־אָנפאַל. ביז זיין רייזע צום באַרג סיני פלעגט טאַנקרעד יעדן טאָג באַזוכן די באַרימטע היסטאָרישע

www.libtool.com.cn

ערטער פון דער הייליקער שטאָדט און דאָרט פאַרברענגען שעה'ן לאַנג. באַזונדערס אָפט און לאַנג פלעגט טאַנקרעד באַזוכן דעם כותל מערבי און דאָרט פירן לאַנגע געשפרעכן און זיך אינטערהאַלטן מיט פאַרשידענע טיפן יידן, וואָס פלעגן קומען אַהערצו אויסצוגיסן זייער ביטער האַרץ אויף די צרות פון גלות...

---

## עלפטעם קאַפיטל.

צווישן דער עגיפּטישער און אַראַבישער וויסטע ליגט דורך צוויי מעער-אויסגוסן פון ים-סוף באַגרעניצט, אַ האַלב-אינזל, וועלכער באַשטייט אין גאַנצן פון הוילע גראַניט-בערג, די גאַנצע האַלב-אינזל, ווען מ'וואָלט אויף אים קוקן פון דער הויך, מאַכט אַנ'איינדרוק פון אַ קאָכנדיקן אָקעאַן, וואָס איז אין אַ מאָמענט פון אַ שטאַרקן שטורם, אויפהויבנדיק זיינע כוואַליעס אין דער הויך פלוצלינג פאַרגליווערט געוואָרן – און אַזוי אַרום זענען באַשאַפן געוואָרן די קייטן בערג און בערגלעך, וואָס שניידן איבער די האַלב-אינזל אין דער לענג און דער ברייט. צווישן די מעכטיקע בערג-שפּיצן און גראַטן פון די דאָזיקע בערג-קייטן ליגן ווילדע טאָלן. נאָר ווייניק פון זיי זענען פרוכטבאַרע און באַדעקט מיט אַ טעפּיך פון גרינס, ס'רוב זענען זיי אומפרוכטבאַר, נאַקעט און מענטשנלאָז. אויף די פרוכטבאַרע טאָלן זעט מען פון די שפּיץ בערג זילבערנע טייכלעך זיך ציען און ברעגעס, וואָס זענען באַדעקט מיט געדיכטע שאָטנס פון פאַלמען און אַלגאַנדעס און אַנדערע ביימער. ערטערווייז קען מען אין די דאָזיקע טאָלן זען זאָגאָר זייער שיינע און רייכע לאַנדשאַפטן מיט נישט קיין שיטערער באַפעלקערונג אין אַלגעמיין איז דאָס אויסזען פון די בערג, די אַזיאַטישע און אַפריקאַנישע ווי דער בלויער שימער פון די ביידע גרענצענדע ים-אויסגוסן, זייער אַ מאַלערישע און זעלטן שיינער. איינער פון די דאָזיקע בערג, וואָס הויבט זיך אויף פינף

www.libtool.com.cn

טויזנט פוס אין דער הויך, איז דער באַרימטער הייליקער באַרג סיני. ביים שפּיץ פון באַרג סיני ליגן צוויי חורבות. איינע פון אַ קריסטליכער קירכע, די אַנדערע פון מאַכמעדאַנישע מאָשע.

פאַרוואָס ליגן זיי דאָ אין חורבות? איז עס נישט דערפאַר, ווייל מ׳האָט דאָ אויפ׳ן הייליקסטן פון אַלע הייליקע ערטער פון געטליכער ערשיינונג נישט געקענט דולדן קיין מענטשליך ווערק? כמעט אויפ׳ן סאַמע שפּיץ באַרג סיני געפינט זיך אַ קליינער אָרט, וואָס איז מיט פעלזן אַרומגערינגלט; אין מיט׳ן פון דאָזיקן אָרט שטייט אַ שיינער קיפּוראַס בוים און ביי זיינע ווורצלען שלאָגט אַ קריסטאַל ריינער און קאַלטער קוואַל און דאָ, אויף דעם דאָזיקן הייליקן אָרט האָט דאָס גרעסטע געשעעניש פון אַלע צייטן דאָ איז דער מתן תורה פאָרגעקומען.

ס׳איז נאַכט, אַנ׳איינזאַמער יינגער וואַנדערער, וועלכער איז לאַנג אויף דעם דאָזיקן הייליקן אָרט געלעגן אויף דער קני הויבט זיך פאַמעליך אויף פון דער ערד. ער הויבט אויף זיין בעטנדן בליק אויף דעם געדיכט אויסגעשטערנטן הימל פון אַראַביען און דורכגענומען פון גאָטספּאָרכטיקייט און פון שטאַרקסטן רעליגיעזן געפיל, הויבט ער אויף זיינע הענט צום הימל און בעט:

— אָ, גאָט פון ישראל, שעפער פון דער וועלט, איך, אַ קינד פון קריסטנטום, בין צו דיין אַלטן אַראַבישן אַלטאַר פון דער וויט געקומען, כדי דאָס האַרץ פון דעם געקוועלטן אייראָפּאַ פאַר דיר אויסצוגיסן פאַרוואָס שווייגסטו, גרויסער גאָט? פאַרוואָס קומט איצט קיין שליח פון דיין ווילן אויף אונדזער זינדיקער ערד נישט אַראָפּ? דער גלויבן ווערט שוואַך און דאָס פליכט-געפיל הויבט אָן אָפּצושטאַרבן אין די מענטשליכע הערצער. אַ טיפער טרויער האָט באַהערשט די מענטשליכע געמיטער. דער גייסטליכער קען נישט מער גלויבן, דער מאָנאַרך קען נישט מער הערשן, די מענטשן, מאַסע זיפצט פון גייסטיקער אָרימקייט, זי אַרבעט אין ביטערן שווייס און

www.libtool.com.cn

אין איר גרויסער פאַרצווייפלונג רופט זי פרעמדע און אונבאַקאַנטע געטער צו הילף... ווען דער דאָזיקער הייליקער באַרג זאָל דיך מער נישט אָנזעען, ווען דיינע הייליקע ווערטער זאָלן אויף דיין הייליקן סירישן באָדן מער די מענטשהייט נישט טרייסטן און באַלערן, ווען קיין נביאים זאָלן זיך מער נישט באַווייזן, וואָס זאָלן די פאַרצווייפלטע און באַזאָרגטע מענטשן אַ טרייסט און אַ ישועה ברענגען — טאָ שיק, גרויסער גאָט, חאָטש איינעם פון דיינע שליחים מלאכים וואָס שטייען אין דער זייט פון דיין גרויסן טראָן אַלמעכטיקער גאָט, שיק אים אַראָפּ צו אונדז אויף דער זינדיקער ערד. כדי אונדז פון דער שרעקליכער פאַרצווייפלונג מציל צו זיין, און אונדזערע געמיטער מיט אַ ליכט פון גלויבן און האָפענונג צו באַלייכטן.

אין דער זעלבער רגע האָט אַ שאָטן פאַרהילט די שטערן פון אַראַבישן הימל, די אַרומיקע בערג און בערגלעך, וועלכע האָבן ביז איצט אויסגעזען שוואַרץ לגבי דעם גלענצנדן הימל האָבן זיך אַ אונדייטליכער נעבלמאַסע צוזאַמענגעשמאָלצן. די גרויסע קיפּריסן צווייגן האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרייען און באַוועגן און דער וואַנדערער איז אין אַ צושטאַנד פון דער גרעסטער הייליקער אַנטציקונג צו דער ערד געפאַלן...

און פאַר טאַנקרעד׳ן האָט זיך באַוויזן אַ ערשיינונג אין דער געשטאַלט פון אַ מענטש, וועלכער איז אָבער געווען גרויס ווי דער אַנטקעגן שטייענדער באַרג... דאָס איז געווען אַ געשטאַלט פון אַ ריזן-פּערזאָן. די אויגן האָבן געהאַט אַ אויסדרוק פון טיפער מעלאַנכאָליע און אויפ׳ן הויכן שטערן האָט געבליצט אַ שטערן, וועלכע האָט די ריח פון יענער מאַיעסטעטישער געשטאַלט מיט אַ הייליקן שימער פאַרנעבלט...

– קינד פון קריסטנטום! — האָט די מעכטיקע געשטאַלט אַרויסגערעדט, און די גאַנצע לופט האָט אַ ציטער געטון אונטער די דאָזיקע ווערטער. – קינד פון קריסטנטום, איך בין דער געניוס פון אַראַביען, דער וועכטער פון יענעם לאַנד, וועלכע רעגירט איבער דער גאַנצער וועלט, מחמת די ממשלה

www.libtool.com.cn

און מאַכט באַשטייען נישט אין שווערד און נישט אין אַ שפּיז, נישט מיט די דאָזיקע פאַרשימלטע כּלי זיין רעגירט מען, נישט מיט קיין בּיקס און שווערד, וועלכע האָבן קיין שום ממשות נישט און זענען נישט מסוגל ווען ס׳איז אַ דויערנדע מאַכט צו געבן. — די אמת׳ע מאַכט און ממשלה איבּער דער וועלט באַשטייט אין געדאַנקען, ווייל געדאַנקען זענען אַ געטליכע זאַך און פון אָרט, נוו דו שטייסט איצט קניענדיק אין יראת הכּבוד זענען די גרעסטע ערהאַבּנסטע הייליקע געדאַנקען און אידעאַלסטע געזעצן פּראָקלאַמירט און דער מענטשהייט געגעבן געוואָרן. דאָ, אויף דעם דאָזיקן הייליקן אָרט, איז די ליכטיקע זון פון אמת אויפגעגאַנגען, כּדי די גייסטיקע פינסטערניש אויף דער וועלט צו פאַרניכטן און פון די מענטשליכע הערצער זי צו פאַריאָגן. די הייליקע געזעצן און לערן, וואָס זענען דאָ מיט טויזנטער יאָרן צוריק פּראָקלאַמירט און אַרויסגעגעבן געוואָרן, האָבן דאָס שיקזאַל פון דער מענטשהייט אויף טויזנטער יאָרן באַשטימט.

די צעזאַרן האָבּן די וועלט איינגענומען נאָר צוליבּ דעם, כּדי די געזעצן פון סיני אויף דעם קאַפּיטאָל צו פאַרפלאַנצן. די מענטשהייט האָט געלעבּט מיט די געזעצן פון סיני. און נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, ליגט דאָך איצט ווידער אייראָפּאַ אין שימעל פון טיפער מאָראַלישער פאַרדאָרבּנהייט און לעבּט איבּער שווערע מאָראַלישע ליידן. צווישן די אייראָפּעאישע פעלקער קומט ווידער פאָר אַ באַוועגונג, ס׳קאָכט און ס׳ברויזט דאָרט... די דורך און דורך דורכגעפוילטע מאָראַל, די שרעקליכע זיטליכע פאַרדאָרבּנהייט זענען געוואָרן – שוין נישט צודערטראָגן צביעות, פאַלשקייט, ליגן, גנבה גזלה, זענען געוואָרן די גרונד־יסודות פון דער מאָדערנער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע, און אויבּ די שרעקליכע פאַרדאָרבּנהייט פון דער אייראָפּעאישער מאָראַל וועט פּראָגרעסירן ווי בּיז איצט, אויבּ די מענטשהייט וועט ווייטער האַלטן אין איין פאַלן, ווי בּיז איצט — וועט אין גיכן קומען אַ צייט, וואָס די וועלט וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סדום און אַ נייער מבּול וועט נויטיק זיין, כּדי

www.libtool.com.cn

אָבצוּוואַשן דעם דאָזיקן גראָבן מאָראַלישן שמוץ פון דער וועלט... ווען די זון פון ביינצנטן יאָרהונדערט איז אויפגעגאַנגען איבער אייראָפּאַ איז דאָרט אויסגעבראָכן אַ גרויסע רעוואָלוציע. די געדרודפּטע און געפּלאָגטע פעלקער זענען אויפגעשטאַנען געגן זייערע אונטערדריקער און האָבן דאַמאָלט אויך פאַלש געמיינט, אַז אין זייער טרויריקער לאַגע זענען שולדיק יענע לערע, וועלכע די פעלקער האָבן ווירקליך צו פאַרדאַנקען זייער גליק. די פעלקער האָבן אָנגעהויבן אַנדערע געטער צו זוכן. און די פּאָלגן פון זייער געטער־זוכעניש איז זייער איצטיקע שרעקליכסטע עלנד און יאָמער... פאַרלירנדיק דעם גלויבן אין איין איינציקן גאָט, און דעם גאָט פון אברהם און סיני. געפינען זיך איצט די פעלקער אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג... אָבער נור די אייביקע פּרינציפּן וועלכע זענען שוין אַ מאָל בכח געווען די באַרבאַרישע קראַפט צו פאַרעדלען און צו זענפדע קראַפט צו פאַרעדלען און צו זענפטיקן, נאָר יענע אייביקע פּרינציפּן פון אמת און גערעכטיקייט זענען מסוגל די מאָראַלישע קראַנקהייטן, וואָס די אייראָפּעאישע פעלקער לעבן איצט איבער, צו היילן די גלייכהייט פון די מענטשן און נאָר אונטער דער פירונג און הערשאַפט פון גאָט דורכגעפירט ווערן. דאָס ליידנשאַפטליכע שטרעבן צו ברודערשאַפט וועט קיין מאָל נישט באַפרידיקט ווערן און דער דאָזיקער הויכער אידעאַל וועט קיין מאָל נישט מקוים ווערן אַ חוץ אונטער דער השגחה פון אמת'ן גלויבן, וואָס פאַר ערהאַבענע לאָזונגען די רעוואָלוציע זאָל נישט אַרויסשטעלן, מיט וואָס פאַר הייסע פּרינציפּן און געזעצגעבונג זי זאָל נישט וועלן באַגליקן די פאַרפוילטע און פאַרשמאַכטע מענטשהייט, — וועלן יענע לאָזונגען און אידעאַלן, כּל זמן די מענטשהייט וועט דורך דעם אמת'ן גלויבן אין גאָט פון סיני נישט זיין באַגייסטערט בלייבן. טויטע ווערטער אָן זון און אָן יעדן ווערט און באַדייטונג דאָס קאַרדינאַלע אומגליק פון דער מאָדערנער מענטשהייט נעמט זיך נאָר דערפון, וואָס דאָס באַנד צווישן גאָט און דער מענטשהייט איז צוריסן געוואָרן, פון דעם נעמען זיך

www.libtool.com.cn

אַלע אומגליקן און צרות מיט וועלכע די איצטיקע דורות זענען אַזוי באַשטראָפט און געפּלאָגט.

הער דאַריבער אויף דו פאַרבלאָנדזעט קינד פון קריסטנטום, אין אַ נישט ווירדיקע פילאָזאָפיע די לעזונג פון דעם סאָציאַלן פּראָבלעם צו זוכן.

די נאַרישע און באַנקראָטירטע פילאָזאָפיע וועט דיר קיין ענטפער אויף דיינע גרויסע ספקות נישט געבן און וועט אויף קיין האָר אַפילו נישט דערנענטערן די לעזונג פון דער גרויסער סאָציאַלע פּראַגע, ווייל זי איז אַזוי בכח עס צו טון פּונקט ווי דו ביזט בכח דעם באַרג סיני אויפצוהויבן. דער דאָזיקער פאַלשער וועג, יענע גרויסע פּראַגע צו אַנטשיידן, אויף וועלכן דו האָסט זיך אין דיין גייסטיקער פאַרבלענדעניש געשטעלט וועט דיר נאָר נייע פאַרצווייפלונג און ספקות פאַרשאַפן און אויף דאָס מינדסטע נישט פאַרלייכטערן די שווערע לאַסט, וואָס דריקט אַזוי אונערטרעגליך דיין געמיט און דיין פאָרשנדן גייסט. אַלזאָ אָרימעס קינד פון קריסטנטום, אויב דו ווילסט אויפן גלייכן וועג פון אמת אַרויסגיין און דיין קראַנקן נייסט אויסהיילן, טאָ וואַרף אַוועק דיינע צווייפלהאַפטע און שרעקליכע קוועלן פון וואַנען דו האָסט ביז איצט, ווי טויזנטער און מיליאָנען פון דיין גלייכן די גייסטיקע יניקה געשעפּט מחמת יענע קוועלן זענען גיפטיק פאַר׳ן גייסט און דער נשמה און זיי האָבן ביי דער מענטשהייט דעם היילקן גלויבן אָבגעשוואַכט און דעריבער אַזוי פיל צרות געבראַכט. וואַרף אַוועק יענע גייסטיקע קוועלן און פאַלשע וועגן און נאָר אין היילקן גלויבן זאָלסטו שוץ פון דיין גייסט זוכן, דאַמאָלט וועסטו געהאָלפן ווערן. האָב זשע קיין מורא נישט פאַר׳ן גרויסקייט פון גרויסן גאָט, וואַקל זיך מער נישט און פאַל ביי זיך נישט אַראָב, זיי זיכער, אַז ווי באַלד דו וועסט מיט אַנ׳אָפענעם האַרץ צו דעם גרויסן גאָט פון סיני רופן און צו אים נאָך הילף זיך ווענדן, וועט ער זיך תיכף אָנרופן און דיך נישט פאַרלאָזן. דערמאָן זיך אָן די ווערטער פון דעם געקרוינטן גרויסן דיכטער פון יידישן פאָלק: מן המצר קראתי... ענני

www.libtool.com.cn

במרחב... בײַ די לעצטע װערטער האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער קלאַפּ פֿון אַ דונער און טאַנקרעד איז פֿון זײַן אַנטציקונג ערװאַכט...

װי אױפֿגעכאַפּט פֿון אַ צױבער שלאָף האָט טאַנקרעד אױפֿגעהױבן צום הימל די אױגן, דערנאָך זיך אָנגעהױבן זיך אַרומצוקוקן אַרום זיך, די בערג פֿון דער מדבר זענען װידער געשטאַנען אױפֿהױבנדיק שאַרף און שװאַרץ אין דער קלאָרער פֿורפֿורנאַכט... און דער קול פֿון דער געשטאַלט, װאָס האָט זיך אים נאָר װאָס אַנטפּלעקט, האָט נאָך אַלץ געקלינגען אין זײַנע אױערן. דער באַצױבערטער טאַנקרעד האָט זיך געלאָזט גײן באַרג אַראָפּ און נישט װיסנדיק אַלײן פֿאַרװאָס, האָט זיך טאַנקרעד דערמאָנט אָן די װערטער, װאָס דער גײסטלעכער, דער באַװוסטער שפּאַנישער בּיסקאָפּ לאַראָ האָט נישט לאַנג אין אַ געשפּרעך מיט אים געזאָגט, אַז די מענטשהײט װעט זיך נאָך צוריק צום סיני צוריקקערן... װען טאַנקרעד איז פֿאַרזונקען אין די טיפֿסטע מחשבות, צוגעגאַנגען צו דער חורבה, װאָס איז געלעגן אונטער׳ן באַרג, האָט ער דאָרט געטראָפֿן די פֿערד אין קעמלען, אױך זײַנע באַגלײטער שלאָפֿנדיק, טאַנקרעד האָט זײ מיט אַ געפּיל פֿון זעעלישער פֿאַרלײכטערונג אױפֿגעװעקט און אין עטליכע מינוט אַרום פֿאַרלאָזט דאָס הײליקע אָרט װאָס האָט אין דער װעלט-געשיכטע אַזאַ קאָלאָסאַלע ראָליע געשפּילט.

---

## צװעלפֿטעם קאַפּיטל.

אַ גרױסע מהומה און אַ שטאַרקע אונרו האָבן אַ גאַנצן טאָג געהערשט אין בעלאַמאָנטער שלאָס. דער הערצאָג איז אַרומגעגאַנגען אױסער זיך פֿון זאָרג און די הערצאָגין איז אַ גאַנצן טאָג נישט אַרױסגעגאַנגען פֿון איר צימער, האַלטנדיק אין אײן װײנען און ברעכן מיט די הענט פֿון פֿאַרצװײפֿלונג. הגם דער טאג איז געװען אַ געװײנלעכער װאָכעדיקער טאָג,

www.libtool.com.cn

זוען אין שלאָס איז געוויינליך שווער אַ זייטיקן מענטשן צו טרעפן, האָט זיך אַ גאַנצן טאָג נישט פֿאַרמאַכט די טיר פון די פיל באַזוכער, וואָס זענען געקומען אַהער פון לאָנדאָן אין דער סביבה צו באַרויקן דאָס אַריסטאָקראַטישע פּאָר פֿאָלק און אים אויסצודריקן זייער טיפן מיטלייט צוליב די שווערע זאָרג, מיט וועלכע דער הערצאָג און זיין פרוי זענען איצט אַזוי געפּרובט געוואָרן. וואָס זשע האָט אַזוינס פּאַסירט מיט׳ן אַריסטאָקראַטישן פּאָר פֿאָלק? וואָס איז מיט זיי פּאָרגעקומען, וואָס זיי זענען ביידע אַזוי פאַר׳דאגה׳ט? מיט אַ טאָג פריער האָבן זיי באַקומען פ ון מיסטער בערנאַרד אַ בריוו, וועלכע האָט דעם הערצאָג און זיין פרוי געבראַכט זייער אַ באַאומרויִנדיקע ידיעה פון זייער זון טאַנקרעד.

מיסטער בערנאַרד געבנדיק זיין וואָרט דער הערצאָגין, איר וועגן אַלץ וואָס מיט טאַנקרעד׳ן וועט פּאַסירן, צו שרייבן, טיילט אין זיין בריוו מיט אַז מיט טאַנקרעד׳ן האָט פּאַסירט אַ קליינער אומגליק. דאָס אומגליק אויב מ׳קען עס נאָר אָנרופן אַזוי) וואָס האָט מיט טאַנקרעד׳ן פּאַסירט, איז ווירקליך געווען פון די וואָס מ׳קען לייכט פאַרריכטן, קיין מיגדסטע סכנה האָט זיין לעבן און געזונט נישט געדראָט און ס׳איז קיין שום סיבה דערצו נישט געווען, אַזוי אומרויק וועגן טאַנקרעד׳ס גורל צו זיין און אַזוי זיך נעמען צום האַרצן, דאָס וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. בערנאַרד האָט מיט געטיילט ווי אַזוי און ביי וועלכע אומשטענדן טאַנקרעד איז אַריינגעפאַלן אין געפאַנגנשאַפט צום שייך עמלק, ווי דער לעצטער האָט פאַרלאַנגט צוויי מיליאָן פּיאַסטער אויסלייז-געלד פאַר׳ן ברודער פון דער ענגלישער קעניגין א. אַז. וו. אָט וועגן דעם פּאָרפאַל מיט טאַנקרעד׳ן האָט מיסטער בערנאַרד מיטגעטיילט דעם הערצאָג מיט זיין פרוי. ער האָט דערביי צוגעגעבן, אַז דער שייך עמלק איז בעסאָ׳ס שווער. יענעם בעסאָ׳ס, צו וועלכן טאַנקרעד האָט געבראַכט מיט זיך אַ קרעדיט-בריוו פון סידאָניען און אַ ביטע פון אים, אַז אַדאַם בעסאָ זאָל דעם יינגן לאָרד נעמען אונטער זיין שוץ. דער דאָזיקער אומשטאַנד, האָט מר.

www.libtool.com.cn

בערנאַרד צוגעגעבן, איז די בעסטע גאַראַנטיע, אַז טאַנקרעד וועט אין גיכן באַפרייט ווערן, מחמת אַדאַם בעסאָ וועט, לויט מר. בערנאַרד׳ס מיינונג, נישט דערלאָזן, אַז ער זאָל קאָמפּראָמיטירט ווערן אין סידאַניאָ, אויגן, אַז זיין שוויגער-פּאָטער האָט אָבגעטון אַזאַ שענדליכע זאַך... מיסטער בערנאַרד האָט צום שלוס פון זיין בריוו אויסגעדריקט זיין בעסטע איבערצייגונג, אַז די ערשטע שריט, וואָס דער איינפלוסרייכער און העכסט אָרנטליכער אַדאַם בעסאָ האָט שוין געמאַכט צו באַפרייען טאַנקרעד׳ן פון געפאַנגענשאַפט, וועלן געוויס געקרוינט ווערן מיט דעם געווינטשטן ערפאָלג און טאַנקרעד וועט די טעג האָבן די מעגליכקייט אַליין פון ירושלים זייבע עלטערן אַ בריוו צו שרייבן... וואָס אַנבאַלאַנגט טאַנקרעד׳ס קראַנקהייט, און דער סכנה, וואָס איך האָט געדראָט, בעת ער איז געלעגן אין שייך עמלק׳ס געצעלט, — האָט מיסטער בערנאַרד וועגן דעם קיין זילבע נישט אויסגערעדט אין זיין בריוו ווייל דעם טאָג וואָס ער האָט זיין בריוו געשריבן און אים אָבגעשיקט, האָט ער אַליין נאָך די מינדסטע אַהנונג נישט געהאַט וועגן דעם, ווו טאַנקרעד איז ביי וועלכע באַדינגונגען, ער קען באַפרייט ווערן פון געפענגניש — האָט זיך מר. בערנאַרד דערוווסט דעם טאָג, ווען באַראָני איז פון שייך עמלק׳ס לאַגער געקומען קיין ירושלים, כדי וועגן טאַנקרעדס געפאַנגענשאַפט מיטצוטיילן דעם שייך׳ס איידם ׳אַדאַם בעסאָ און אים פאָרצולייגן, ער זאָל תיכף אָנווענדן געהעריקע מיטלען צו באַפרייען דעם יינגן לאָרד. מר. בערנאַרד האָט אויך בכיון פאַרשוויגן אין זיין בריוו וועגן דעם וואָס טאַנקרעד איז בעת׳ן אָנפאַל פאַרוווּנדעט געוואָרן.

נאָר נישט קוקנדיק, אויף דעם, וואָס מר. בערנאַרד׳ס בריוו האָט געמאַכט גאָרנישט אַזאַ טרויריקע ידיעה וועגן טאַנקרעדן. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס עס איז נישט געווען קיין סיבה אַזוי פאַרצווייפלט צו זיין וועגן טאַנקרעד׳ס גורל, איז אין בעלאָמענטער שלאָס דעם טאָג געווען חושך...

— נו, בין איך שוין געווען גערעכט, ווען איך האָב אַזוי

www.libtool.com.cn

האַרטנעקיק נישט געוואָלט דערלאָזן אַז ער זאָל מאַכן די געפערליכע רייזע? — האָט די הערצאָגין אַביסל באַרויקנדיק זיך געווענדעט צום הערצאָג, — ווען מ׳וואָלט מיך געוואָלט פאָלגן, וואָלט געוויס צו דעם אומגליק נישט געקומען.

— ערשטנס, — האָט זיך אָנגערופן דער הערצאָג, איז דער אומגליק, צום גליק נישט קיין גרויסער, ס׳איז נאָר אַ פּאָרפּאַל, וואָס קען זיך אויף יעדער רייזע טרעפן... דו איבערטרייבסט, טייערע, צופיל, שרעקנדיק זיך שטענדיק פאַר טאַנקרעדס שיקזאַל, ביזטו, מיין טייערע, תמיד פעיק פון אַ פליג אַ עלפאַנט צו מאַכן און זען שרעק אין סכנה דאָרט, ווו אַ ניכטער אויג קאָן קיין שרעקליכעס באין אופן נישט געפינען.

— כ׳דערקען דיך, ליבער זשאָרזש, כ׳דערקען דיין שטענדיקע פעיקייט זיך צו באַהערשן אין די ערנסטע מאָמענטן, איך אָבער, שוואַכע פרוי און אומגליקליכע מוטער, קען אַזוי אָפּטימיסטיש נישט זיין ווי דו... כ׳האָב שטאַרק מורא, אַז די זאַך איז נישט אַזוי גלאַט, ווי מיסטער בערנאַרד באַמיט זיך זי פאָרצושטעלן.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, ליבע קעט און וואָס זאָל איך דיך טרייסטן, ווען דו ווילסט אַזוי זיך נישט צוהערן צו דער שטימע פון לאָגיק און פאַקטן. באַטראַכט נאָר די אַנגעלעגנהייט רויק און דו וועסט זען, ווי דו וועסט קומען צום זעלבן באַשלוס, וואָס איך בין געקומען און פאַרשטיין, אַז ס׳איז קיין שום סיבה נישט פאַראַן אַזוי זיך וועגן טאַנקרעדן צו באַאונרויקן און צו זאָרגן. כ׳בין מער ווי זיכער — האָט דער הערצאָג מיט אַנ׳איבערצייגטן טאָן צוגעגעבן, אַז טאַנקרעד איז שוין איצט ווייט פון געפאַנגענשאַפט און, אַז דאָס ערגסטע, וואָס האָט געקאָנט פּאַסירן, איז — וואָס דער שייך האָט אויסגעריסן פון זיין איידעם בעסאָ אויף אונזער קאָנטאָ עטליכע צענטליק טויזנט פּיאַסטער... מיר דאַרפן זיי צופרידן, וואָס די גאַנצע זאַך האָט זיך אויסגעלאָזט צו געלד.

— דו זאָגסט ליבער זשאָרזש, אַז דאָס אויסליין-געלד [illegible]

www.libtool.com.cn

דיך נישט, ס׳איז קאָמיש אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט צו-
רעדן וועגן געלד.
— וואָס טוט מען מיט דיר, אַז דו האָסט זיך אַזוי-
איינגעשפּאַרט און ווילסט דורכאויס זען אַ סכּנה דאָרט, וווּ
עס האַנדלט זיך נאָר פון אַ פּאָרפּאַל, אמת, נישט קיין אַנ-
גענעמען.
— נישט קיין אַנגענעמען פּאָרפּאַל... האָט זיך שפּאָטיש
אָנגערופן די הערצאָגין. צו ליגן אין דער וויסטע אין אַ ביי-
דל פון אַ ווילדן בעדואינער זיין אונטערגעוואָרפן זיין ווילן
און דערצו נאָך אין אַ שטענדיקער סכּנה קראַנק צו ווערן
ווייסט גאָט וואָס די ווילדע בעדואינער וועלן נאָך פאַרלאַנגען
און וואָס זיי וועלן נאָך מיט אים אָפּטון...
— זעסטו ליבע קעט, — האָט דער הערצאָג זיין פּרוי-
באַרויקט, ווי דו לעבסט אין טעות, מיינענדיק אַז טאַנקרעדן
וועט ביי דעם שייך עמלק עפּיס פעלן... דו פאַרגעסט גאָר
אַז דער הער פאָן סידאָניע האָט רעקאָמאַנדירט טאַנ-
קרעדן אַזוי וואַרים און געבעטן ווי מען בעט פאַר אַנ׳אייגן
קינד, אַז דער העכסט אָנגעזעענער און רייכער בעסאָ זאָל
אים נעמען אונטער זיין שוץ, וו״יטער דאַרף מען נעמען
אין באַטראַכט, אַז אַדאַם בעסאָ איז דעם גרויסן שייך׳ס
איידעם און אַזאַ נאָנטע קרובה׳שאַפט פון שייך ווו טאַנקרעד
געפינט זיך אין געפענגניש מיט אַ פערזאָן, וואָס האָט גע-
נומען טאַנקרעדן אונטער זיין שוץ קען דינען אַלס בעסטע
גאַראַנטיע, אַז דער שייך וועט אונדזער זון באַהאַנדלען
וואָס בעסער. כ׳בין מער ווי זיכער, האָט דער הערצאָג מיט
אַ פעסטן איבערצייגטן טאָן צוגעגעבן, אַז אַדאַם בעסאָ וועט
אָנווענדן אַלע מעגליכקייטן צו פועלן ביי זיין שווער, ער
זאָל טאַנקרעדן וואָס גיכער באַפרייען פון געפאַנגענשאַפט,
וואָס אַנבאַלאַנגט דעם שייכ׳כ פאַרלאַנגען צו קריגן פאַר
טאַנקרעדן אַ גרויסן אויסלייז-געלד — קומט עס מיר אַפילו
אויך פאָר קשה, וואָס פאַר אַ רעכט האָט דער בעדואינישער

www.libtool.com.cn

הערשער אויף אַזאַ קאָנטריבוציע און ווי האָט ער די דרייסטקייט אַזאַ געלד צו פאָדערן. נאָר כ׳וועל נישט אַריינגיין אין ענין גופא, דאָס וועלן מיר שוין שפּעטער אַלץ זיך דערוויסן, נאָר איין זאַך איז מיר קלאָר ווי דער טאָג און אין דעם בין איך מער ווי זיכער, אַז אַדאַם בעסאָ וועט באַין אופן נישט דערלאָזן, אַז אונדזער טאַנקרעד, וואָס איז זיין שוץ אָנגעטרויט זאָל זיך דעם שייך געקוועלט ווערן און אַז מ׳זאָל אים דאָרט אין דער וויסטע שלעכט באַהאַנדלען.

— שוץ פון אַדאַם בעסאָ... זיין נאָנטע פאַרוואַנדשאַפט מיטן שייך, האָט זיך אָנגערופן די הערצאָגין, יאָ, עס וואָלט אפשר גוט געווען, ווען ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט פון ציוויליזירטע מענטשן, פון אייראָפּעער, וואָס טראָגן אַ געוויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם, וואָס איז זיי אָנגעגרייט געוואָרן, אָבער ווי קומען יענע האַלב-ווילדע אידיאָטן צו פאַראַנטוואָרטליכקייטס-געפיל? ווי קומט אַ דמשק׳ער גביר צו אַזעלכע באַגריפן? נאָר דאָ האָט דער הערצאָג אָנגעהויבן דער הערצאָגין צו דערווייזן, אַז אירע מיינונגען און באַגריפן וועגן אַדאַם בעסאָ זענען העכסט פאַלשע. ער האָט איר געבומען באַווייזן אַז אַדאַם בעסאָ, הגם ער איז אַ געבוירענער אַ דמשק׳ער, איז ער זייער אַ ציוויליזירטער און געבילדעטער מאַן, וואָס אָנבאַלאַנגט זיין כאַראַקטער, האָט ער געזאָגט, אַז אַדאַם בעסאָ איז אַ גוטהערציקער און וועט פאַר טאַנקרעדן טון ווי פאַר אַנ׳אייגענעם זון. און וועט פאָלשטענדיק באַרעכטיקן דאָס צוטרוי, וואָס סידאָניע האָט צו אים אַרויסגעוויזן, איבערגעבנדיק זיין שוץ דעם לאָרד טאַנקרעד.

די דאָזיקע ווערטער האָבן געוויסע מאָסן באַרויקט די הערצאָגין. זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז איר הייס געליבטער זון איז ווירקליך נישט אין אַזאַ געפאַר, ווי זי האָט זיך פאָרגעשטעלט און ווי באַלד דער דמשק׳ער

www.libtool.com.cn

באַנקיר איז ווירקלעך אַזאַ פֿיינער מענטש, וועט ער שוין אַלץ אין אָרדנונג ברענגען און מאַכן, אַז טאַנקרעד זאָל קיין איבריקן טאָג אין געפֿאַנגענשאַפֿט נישט פֿאַרבלייבן.

אין דער רגע האָט זיך געעפֿנט די טיר און אין אויפֿנאַמס-צימער האָט זיך באַוויזן לאָרד עסקדעל.

— כ׳האָב שוין געהערט — האָט זיך עסקדעל באַלד צו זיי געווענדעט, — כ׳האָב שוין געהערט פֿון פֿאָרפֿאַל, וואָס האָט מיט טאַנקרעדן אין דער וויסטע פּאַסירט. נישקשה, ס׳וועט אים דאָרט גאָרנישט פֿעלן, איר מעגט זיין פֿאָלשטענדיק רויק און זיך וועגן אים נישט קומערן. זעט אָבער, האָט עסקדעל מיט אַ לעבהאַפֿטן טאָן צוגעגעבן, וואָס פֿאַר אַ מזל׳דיקער מענטש טאַנקרעד איז: פֿאַלט אַריין אין געפֿאַנגענשאַפֿט און וואָס לאָזט זיך אויס? אַז דער, וואָס האָט אים אין געפֿאַנגענשאַפֿט גענומען, איז אַדאַם בעסאָס שווער, יענעם בעסאָס, וועלכער האָט טאַנקרעדן גענומען אונטער זיין שוץ. און איר ווייסט, וואָס אין אַזיען הייסט נעמען עמיצן אונטער זיין שוץ? דאָס איז דאָס זעלבע פּונקט ווי ביי אונדז למשל, ווען דער הערצאָג זשאָרזש מאָנטאַקויט וואָלט זשירירט מיינעם אַ וועקסל, — פֿאַרשטייט זיך, אַז ווען איך וואָלט דאָס וועקסל נישט באַצאָלט, וואָלט דער זשיראַנט מיין חוב תיכּף ומיד געמוזט ערפֿילן, און נעמען אונטערן שוץ ווען עס איז אין אַזיען, איז נישט קיין שפּילעכל, דאָס איז די גרעסטע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס אַ מענטש קען נאָר אויף זיך נעמען, בפֿרט נאָך אַזאַ אָנגעזעענער און געשעצטער מאַן, ווי בעסאָ.

— זעסטו, וואָס האָב איך געזאָגט? — האָט זיך דער הערצאָג מיט אַ טריאומפֿירנדעם געפֿיל געווענדעט צו זיין פֿרוי, אין דער העכסטער מדרגה צופֿרידן, וואָס אַזאַ אויטאָריטעטער פּערזאָן, ווי עסקדעל האָט באַשטעטיקט די ריכטיקייט פֿ זיין מיינונג וועגן אַדאַם בעסאָ און אַזוי אַרום

www.libtool.com.cn

אויך וועגן דעם, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס זיך צו קימערן וועגן טאַנקרעד׳ן.

— יעדנפאַלס, האָט זיך לאָרד עסקדעל אָנגערופן, — האָט טאַנקרעד פיל בעסער אָבגעשניטן ווי דער יינגער לאָרד מערטשינסטאַן... איר האָט דאָך מסתּמא געהערט פון דעם דאָזיקן גרויסן און פאַנאַטישן ספּאָרטסמאַן, וואָס האָט אַזוי טראַגיש באַצאָלט פאַר זיין נאָבעלע ליידנשאַפט צו קראָקאָדילן יאַגד? דעם יינגן לאָרד מערטשינסמאַן האָט זיך פאַר אַ יאָרן זייענדיג אין אַפריקאַ, פאַרוואָלט צו מאַכן איינער אַליין אַ יאַגד אויף אַ קראַקאָדיל אויפן ברעג פון ניל. צוגייענדיג צום ברעג טייך האָט מערטשינסטאַן דערזען ליגן אַ גרויסן קראָקאָדיל. דאָס בלוט פון אַ ליידנשאַפטליכן יעגער האָט זיך ביים יינגן לאָרד אָנגעצונדן, ער האָט אַ כאַפּ געטון זיין ביקס, זיך געצילט אויפ׳ן קראָקאָדיל און אויף אים אויסגעשאָסן :... די קויל האָט אָבער דעם קראָקאָדיל נאָר קוים באַרירט, און ער איז געפאַלן אַ קרבּן פון זיין אונפאָרזיכטיקייט...

די הערצאָגן האָט זיך באַרויקט נאָך דעם ווי זי האָט זיך איבערצייגט, אַז איר זון געפינט זיך אונטער דעם שוץ פון אַזאַ פיינעם מאַן, ווי אַדאַם בעסאָ. נאָר בענקן שטאַרק נאָך טאַנקרעד׳ן האָט די הערצאָגין נישט אויפגעהערט און וואָס מער צייט ס׳איז אַוועק נאָך טאַנקרעד׳ס אָברייזע, האָט זיך די בענקשאַפט נאָך איר זון אַלץ מער פארשטאַרקט. צייטנווייז איז דאָס דאָזיקע געפיל פאַר דער צערטליכער מוטער פשוט אונערטרעגליך געוואָרן און זי האָט זיך געעש־פירט אַז זי וועט טאַנקרעד׳ס אָבוועזנהייט נישט אַריבער־טראָגן... די דאָזיקע בענקשאַפט נאָך טאַנקרעד׳ן האָט אָפטמאָל אָנגענומען אַ דראָהנדע פאָרם: די הערצאָגין פלעקט אונטער דער ווירקונג פון דעם דאָזיקן געפיל אַריינפאַלן אין אַ מין מעלאַנכאָליע. די צערטליכע אין פאַנאַטישע ליבנדע מוטער האָט זיך נישט געקענט מוחל זיין, וואָס זי איז נישט

www.libtool.com.cn

געווען אימשטאַנד איר זונ׳ס רייזע נישט צו דערלאָזן, וואָס איר איינפֿלוס איז אויף אים אַזוי שוואַך געווען, אַז ער האָט נישט געפֿונען פֿאַר מעגליך זיין מוטער נאָכצוגעבן און פֿון זיין ווייטע געפֿערליכע רייזע זיך צו ענטזאַגן. איצט אין טאַנקרעד׳ס אָבוועזנהייט, ווען זי איז פֿון אים אָבגעשיידט געווען אויף אַזאַ קאָלאָסאַלן מרחק, האָט די הערצאָגין ערשט אַרויסגעזען, ווי שרעקליך ליב זי האָט איר זון און ווי שטאַרק איר באַדערפֿעניש איז, אים צו זען און זיין מיט אים צוזאַמען. דאָס דאָזיקע שטאַרקע בענקעניש נאָך טאַנקרעד׳ן און דער גליענדער ווונש מיט אים זיך צו זען האָט די הערצאָגין ענדליך געמאַכט דעם באַשלוס צו בעטן ביי איר מאַן, זיי זאָלן ביידע מאַכן אַ רייזע קיין פּאַלעסטינא, כדי זיך דאָרט מיט טאַנקרעד׳ן צו זען און איבערהויפּט זיין נאָענט צו אים. די הערצאָגין איז געווען זיכער, אַז טאַנקרעד׳ס רייזע וועט לאַנג געדויערן, אַז ער וועט די הייליקע ערטער אין ארץ ישראל און אַנדערע ערטער באַזוכן צו עטליכע מאָל, אַז ער וועט אויך באַרייזן עגיפּטן, סיריען מעסאָפּאָטאַמיען — און דאָס אַלץ האָט געשאַפֿן אַ שווערע פּערספּעקטיווע צו פֿערבלייבן אויף עטליכע יאָר, אויב נישט אויף מער, ווייט, אויף אַ מרחק פֿון עטליכע טויזנט קילאָמעטער פֿון איר זון.

די הערצאָגין האָט באין אופֿן נישט געקענט שלום ווערן מיט דעם געדאַנק, אַזוי לאַנג מיט איר זון זיך נישט צו זען און איבערלאָזן אויסער דעם קרייז פֿון איר מוטער־ליכער זאָרג און ליבע. קיין פֿיל מי האָט דער הערצאָגין נישט געקאָסט צו פּועל׳ן ביי איר מאַן די דאָזיקע ווייטע רייזע צו מאַכן. דער הערצאָג האָט פֿאַרשטאַנען איר ליבענד מוטערליך האַרץ און אירע איידעלע געפֿילן צו זייער זון, האָט די דאָזיקע געפֿילן אָפּגעשעצט נאָך זייער ווערט, און בענקנדיק אַליין אויך זייער שטאַרק נאָך טאַנקרעד׳ן האָט ער זיין ליבע פֿרוי נאָכגעגעבן און באַשלאָסן די רייזע קיין

www.libtool.com.cn

פּאַלעסטינאַ צו מאַכן באַלד נאָך ניי-יאָר. ענדע דעצעמבער האָט דער הערצאָג געבראַכט אין אָרדנונג זיינע געשעפטן, זיי איבערגעגעבן דעם לאָרד עקסדיל און אָנפאַנג יאַנואַר אַרויסגעפאָרן מיט זיין פרוי אויף איינע פון די בעסטע שיפן קיין ארץ ישראל.

---

## דרייצענטעם קאַפּיטל.

צו דער צייט וואָס טאַנקרעד האָט זיך פון׳ם באַרג סיני קיין ירושלים צוריקגעקערט, איז אַדאַם בעסאָ שוין פאָלשטענדיג געזונד געוואָרן, דער שטאָלץ פון דער ירושלים׳ער און דמשק׳ער קהלות. אַדאַם בעסאָ האָט איצט געוווינט אין זיין גרויסאַרטיקן הויז מיטן גרויסן פּרעכטיגן גאָרטן, ווו דער יינגער לאָרד האָט מיט עטליכע חדשים צוריק ביי אַזעלכע אייגנאַרטיגע אומשטענדן געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט דער שיינער רויז פון שרון מיט בעסאָ׳ס שיינער און קלוגער טאָכטער עוואַ, וועלכער ס׳איז אין עטליכע וואָכן אַרום באַשערט געווען טאַנקרעד׳ן פון אַ זיכער׳ן טויט צו ראַטעוון. טאַנקרעד איז איצט געוואָרן אַנ׳אָפטער און שטאַרק געווינשטער גאַסט אין בעסאָ׳ס הויז. נאָר ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, וואָס טאַנקרעד האָט געמאַכט מיט בעסאָ׳ן אין דמשק, איז דער קליגער באַנקיר אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, אים איז שטאַרק געפעלן געוואָרן בעסאָ׳ס קלאָרע און ניכטרע וועלטאַנשויאונג, זיין פערהעלטניסמעסיק גרויסע בילדונג, זיין טאָלעראַנץ און זיין אויפריכטיקע גרייטקייט אַ מענטשן אַ טובה צו טון. דאָס וואָס אָנבעלאַנגט בעסאָ׳ס קליגשאַפט און שאַרפזיניקייט, מיט וועלכע דער גרויסער באַנקיר און גוטער מענטש האָט זיך שוין לאַנג קונה שם געווען אין גאַנץ פּאַלעסטינאַ, איז טאַנקרעד פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן בעסאָ׳ס פשוט אַנטציקט געוואָרן. טאַנקרעד האָט אין זיין פאָטערלאַנד אין דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, ווו ער

האָט פֿאַרקערט, אַזאַ קלוגן, שאַרפֿזיניגן און ליבנסווירדיגן מענטשן נישט באַגעגנט. אין אַדאַם בעסאָ האָבן זיך האַרמאָניש פֿאַראייניגט דער הייסער דרום-טעמפּעראַמענט פֿון אַ געבוירענעם מזרח-מאַן מיט דעם קאַלטן אַנאַליזירנדן פֿאַרנונפֿט פֿון אַנ׳איראָפּעער און די דאָזיקע האַרמאָנישע פֿאַראייניגונג האָט באַשאַפֿן אַ אידעאַלן מאַן פֿון האַרץ און פֿאַרשטאַנד. טאַנקרעד האָט געפֿונען דאָס בעסטע פֿאַרגעניגן אין בעסאָ׳ס געזעלשאַפֿט און פֿלעגט מיט אים אין געשפּרעך וועגן געזעלשאַפֿטליכע, פּאָליטישע און רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן און פֿראַגן פֿאַרברענגען שעה׳נווייז. מער פֿון אַלץ פֿלעגט טאַנקרעד אין בעסאָ׳ן שעצן זיינע טיפֿע קענטעניס פֿון די מזרח=פֿעלקער און באַזונדערס דעם יידישן פֿאָלק. אין די לאַנגע העכסט אינטערעסאַנטע געשפּרעכן מיט בעסאָ׳ן וועגן יידישן פֿאָלק אין דער יידן פֿראַגע האָט טאַנקרעד ערפֿאַרן פֿיל זייער וויכטיקע נייעס, וועלכע האָבן אים, דעם ביז איצטיקן אָנהענגער און פֿריינט פֿונ׳ם אונשטערבליכן פֿאָלק, געמאַכט פֿאַר זיינעם, אַ הייסן פֿריינט און איבערצייגטן אָנהענגער. ביי זיין באַקאַנטשאַפֿט מיט בעסאָ׳ן האָט טאַנקרעד געהאַט נייע אויבערפֿלעכליכע באַגריפֿן און קענטעניסן בנוגע דעם יידישן פֿאָלק. זיין געשיכטע האָט ער נאָך פֿון תנ״ך געוווסט און וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט איבערגעלעבט אויף זיין לאַנגן גלות-וועג, וואָס פֿאַר טייערע גייסטיקע אוצרות ער האָט געגעבן דער מענטשהייט נאָך דער ביבלישער תקופה — איז פֿאַר טאַנקרעד׳ן כמעט פֿאָלשטענדיק אונבעקאַנט געוועזן. איצט, ווען בעסאָ האָט אים אַזוי גרינדליך ערקלערט דעם אמת׳ן גייסט פֿון דער יידישער געזעצגעבונג, די ראָליע פֿון יידנטום און איבערהויפּט די גרונד-יסודות פֿון יידישן שעפּפֿערישן גענוס. איז דאָס יידישע פֿאָלק, דער דאָזיקער גרויסער מאַרטירער און קרבן פֿון דער מענטשליכער אכזריות און מאָראַלישער פֿינסטערניש, איז אין טאַנקרעדס אויגן אויסגעוואַקסן הויך, זייער הויך, ביז



www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

אַ מדרגה פֿון אַ גייסטיגן ריז. מיט דער גרעסטער באַוווּנ־דערונג און העכסטער אַכטונג האָט טאַנקרעד, למשל, פֿון בעסאָ׳ן זיך דערוויסט, אַז בעת אין אייראָפּא און איבערהויפּט אין דער וויסנשאַפֿטליכער וועלט, האָט מען נאָך קיין מינ־דעסטן באַגריף נישט געהאַט וועגן באַקטעריאָלאָגיע האָבן די יידישע געזעצגעבער מיט טויזנטער יאָרן צוריק אַרויס־געוויזן גרויסע קענטנישן אין דעם דאָזיקן צווייג פֿון וויסנשאַפֿט. טאַנקרעד איז פּשוט נשתומם געוואָרן דערוויסנדיג זיך, אַז אין גרונד פֿון פֿאַרבאָט צו עסן חזיר־פֿלייש, וואָס איז נאָך מיט פיר טויזנט יאָר צוריק אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם גרעסטן און געניאַלסטן געזעצגעבער, איז געלעגן דער אומשטאַנד, וואָס אַזאַ פֿלייש ענטהאַלט אין זיך טריכנין א. אַז. וו. מיט דער גרעסטער אַנטציקונג פֿלעגט טאַנקרעד אויסהערן בעסאָ׳ס כאַראַקטעריסטיק פֿון די שפּעטערדיקע גרויסע יידישע גייסטער, וועלכע האָבן אין פֿאַרשידענע היסטאָרישע תּקופֿות געאַרבעט און געווירקט, אַלס גרויסע דיכטער, פֿילאָזאָפֿן, קינסטלער און מלוכה־מענער און האָבן בכלל אַזעלכע גרויסע גייסטיגע אוצרות און אייביקע ווערטן געגעבן דער מענטשהייט.

— און דאָך ?... — האָט עוואַ געפֿרעגט און ביי דעם וואָרט זיך אָבגעשטעלט און וואָס ? — וואָס ווילט איר זאָגן ? האָט טאַנקרעד געפֿרעגט, ווילנדיק זייער, אַז עוואַ זאָל אים ענדליך אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס ביי איר אויפֿן האַרצן איז.

— און דאָך, האָט עוואַ געזאָגט, קענען אייערע געפֿילן שוין איצט נישט זיין די זעלבע ווי פֿריער... זיי האָבן זיך שוין געמוזט ענדערן, דאַמאָלט האָט איר נאָר געטראַכט וועגן אייער געטליכער מיסיע.

איר האָט דאַמאָלט נאָר געטראַכט וועגן פֿאַראיידלען די שטאַרק פֿאַרגרעבטע און מאָראַליש געזונקענע מענטשהייט, וועגן אויפֿהויבן זי אויף אַ העכערע מאָראַלישע שטופֿע; איר זענט אַרומגעגאַנגען דאַמאָלט מיט אַזעלכע גרויסע

אידעאַלן וועגן דער צוקונפט פון דער מענטשהייט,
www.libtool.com.cn
וועגן אַזיען און איר ראָליע, וואָס איר שטייט נאָך פאָר צו שפּילן אין דער געשיכטע. אָבער איצט איז פון אייערע גרויסע אידעאַלן אין גאַנצן דער גלאַנץ אַראָפּ און זיי זענען אַזוי וואָכעדיק געוואָרן... אינטריגן, קליינלעכע אַמביציעס און עלאַסטישע קליינלעכע צוועקן זענען צוגעשטאַנען צו אייערע ערהאַבענע אידעען און זיי פון הימל אויף ערד אַראָבגעוואָרפן... אַלץ, וואָס איז געווען אַזוי הייליק און שיין, אַלץ וואָס האָט אויף זיך אַ שטעמפּל פון געטלעכקייט געטראָגן, איז אַזוי אומברחמנות׳דיק באַשמוצט געוואָרן... איר אַליין, אמת, זענט אין דעם גאָרנישט שולדיק, וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז זייטיקע מענטשן האָבן זיך אין אייער הויכן רעיון אַריינגעמישט און אַזוי אכזריות׳דיק אייערע אידעאַלן פאַרשוועכט. חוץ דעם איז איצט אייער גלויבן און ענדגילטיקן טריומף פון אייער אידעע שוין אויך אָבגעשוואַכט געוואָרן. איר גלויבט שוין נישט אַזוי פעסט און שטאַרק ווי פריער אין אַראַביען און איר היסטאָרישער מיסיע, נישט אמת?

— כ׳גלויב נישט מער אין אַראַביען? האָט טאַנקרעד מיט אַ פראַגע לעבהאַפט געענטפערט, נאָר דו טייערע עוואַ ביזט דאָך איצט מיין אַראַביען געוואָרן. ביי די דאָזיקע ווערטער איז טאַנקרעד צוגעגאַנגען צו עוואַן און זיך אַ וואָרף געטון פאַר איר אויף די קני: זאָגנדיק פאַטעטיש:

— דו ביזט איצט דער מלאך פון אַראַביען און מיין מלאך, דו ביזט דער מלאך פון מיין לעבן. כ׳בעט דיך, טייערע עוואַ, דו זאָלסט מיר נישט רעדן וועגן אָבגעשוואַכטן גלויבן: מיין גלויבן איז געבליבן שטאַרק ווי פריער, רעד אין נישט וועגן די אויפגאַבן פון אַ געטלעכער מיסיע — ווייל דו ביסט מיין מיסיע, מחמת דו ביזט געטליך...

— אָ, עוואַ, עוואַ! האָט טאַנקרעד ווייטער מיט דער גרעסטער באַגייסטערונג גערעדט: נעם אָן, איך בעט דיך,

www.libtool.com.cn

דאָס געשאַנק פון מיין האַרצן, וואַרף מיין הערצלײַכע מתנה נישט אָב...

יאָ, — האָט טאַנקרעד ווייטער געזאָגט: כ׳מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב אייך, ווי דו, אַ געווײסע צייט געצווייפלט, אָבער דאָס באַוווסטזיין, אַז איך האָב דיך ליב און בין פילייכט אויך געליבט — האָט פאַריאָגט דעם נעבל פון מיינע ספקות און פאַרצווייפלונג, פונקט ווי די אויפגייענדע וואַרעמע זון פון אַ זומער-טאָג פאַרטרייבט דעם נעבל פון די פעלדער און לאָנקעס, און די אויפגעענדע זון פון מיינע האָפנונגען און ערוואַרטונגען האָט מיין נשמה מיט אַזאַ וואַרעמען, מחיה-וואַרעמען ליכט באַגאָסן.

טאַנקרעד האָט אין גרעסטן עקסטאַז אַ כאַפּ געטון עוואַן פאַר די הענט און מיט הייס ליבנדע אויגן געקוקט אויף איר. אויף איר געזיכט אָבער איז דאַמאָלט געלעגן אַנ׳אויסדרוק פון טיפן טרויער עוואַ האָט געלאָזט טאַנקרעדן האַלטן אירע הענט אין זיינע, האָט אַראָבגעלאָזט אירע שיינע אויגן צו דער ערד, נישט קענענדיק קוקן טאַנקרעדן אין געזיכט אַריין, האָט טאַנקרעד געענטפערט:

— לאָמיר פון דעם נישט רעדן, פון דעם אַפילו נישט טראַכטן, איר פאַרשטייט דאָך און ווייסט פאַרוואָס...

— איך וויל גאָרנישט וויסן, חוץ פון מיין ליבע...

— איר ווייסט דאָך אָבער, אַז איך געהער צו אַנ׳אַנדער פאָלק און איר צו אַנ׳אַנדער, האָט עוואַ געענטפערט, באַמיענדיק זיך דערביי אירע הענט אַרויסציען פון טאַנקרעד׳ס; — אַנטלויפט פון דאַנען, אַנטלויפט פון מיר. איר זון פון אייראָפּאַ און יעזוס קריסטוס.

— כ׳בין אַ קריסט, האָט טאַנקרעד געענטפערט: און איך פאַל צו די פיס פאַר אַ טאָכטער פונם פאָלק, פון וועמען דער גרינדער פון אונדזער רעליגיע איז אַרויסגעקומען. פאַרוואָס זאָל איך פון דאַנען אַנטלויפן?

— אָ, האָט עוואַ מיט אַ פאַרצווייפלטן טאָן זיך אָבגע-

www.libtool.com.cn

דופן — ס׳איז דאָך אָבער אַ משוגעת צו מיינען, אַז מיר ביידע זאָלן אונדזער שיקזאַל קענען פאַרייניקן. אַז מיר זאָלן קענען איינער דעם אַנדערן געהערן...

— ניין, געטליכע עוואַ האָט טאַנקרעד געענטפערט און זיין געזיכט האָט דאַמאָלט געברענט ווי אַ פייער, — רעד מיר נישט אַזעלכע זאַכן... דערמאָן מיר נישט וועגן כּלומר׳שטן תּהום וואָס ליגט צווישן אונדז ביידן, און זיי וויסן אַז איך וועל אָט דעם אָרט ביים פאָנטאַן נישט פאַרלאָזן, כ׳וועל פון דאַנען נישט אַוועקגיין, ביז דו וועסט — און ביי די דאָזיקע ווערטער איז טאַנקרעד אַריינגעפאַלן אין אַ בעטנדן טאָן — ביז דו וועסט מיר דיין וואָרט נישט געבן, אַז דו וועסט מיינע זיין, אַז מיר ביידע וועלן פאַרייניקט דורך אַ פעסטן באַנד פון ליבע, די הויפּט-אויפגאַבן פון מיין לעבן ערפילן און ביידע צו אַ געמיינזאַמען ציל גיין. רעד נישט צו מיר, איך בעט דיך, וועגן אַנדערע, וואָס האָבן כּלומר׳שט געוויסע רעכט אויף דיר, רעד מיר נישט וועגן מיין פאַמיליע, וועגן מיינע פאַרוואַנדטע — איך האָב קיין שום קרובים נישט, קיין שום פאָטערלאַנד און איז דען מעגליך, אַז דאָס פאַרשימלטע באַנד, וואָס פאַרייניקט דיך מיט דיין פאָלק און פאַמיליע און מיך מיט מיינע זאָל קענען שטערן, אַז מיר זאָלן איינער דעם אַנדערן געהערן? אָבער דאָס איז דאָך אוממעגליך... זאָג נאָר אַז דו ליבסט מיך — און דו וועסט זעהן, וואָס איך וועל טון, כּדי די מניעה צו אונזער גליק צו באַזייטיגן... דאָס דאָזיקע באַנד וועל איך באַלד צורייסן, און אויב ס׳איז שוין יאָ אַזוי נויטיג, איך זאָל עס טון וועל איך אָננעמען דאָס גלויבן פון פאָלק, וואָס איך שעץ אַזוי הויך און פערער...

עוואַ איז געפאַלן אין טאַנקרעד׳ס אָרעמס. ער האָט איר אַ קוש געטון, זי איז אָבער קאַלט ווי אייז... אויך אירע הענט, וועלכע ער האָט נאָך אין זיינע געהאַלטן, זענען אויך געוועזן אייז קאַלט און כמעט אָן אַ שום לעבנסצייכן...

www.libtool.com.cn

טאַנקרעד'ס ווערטער האָבן עוואַ'ן אויפגעהויבן אויפן זיבעטן הימל פון גליק... אַז ער ליבט זי שטאַרק, אָן אַ שיעור, אַז זי איז טאַנקרעד'ן אַזוי טייער אונליב – האָט עוואַ שוין פון לאַנג געוווסט און זי, ליב־האָבנדיק אים אויך זייער שטאַרק איז אַרומגעגאַנגען שטענדיק טרויעריק פון דעם ביטערן באַוווסטזיין, אַז זיי ביידע קענען איינער דעם אַנדערן, נישט קוקנדיק אויף זייער געגנזייטיגער הייסער סימפּאַטיע און ליבע ליגט אַ טיפער תהום... זיין געהערן צום קריסטענטום אַליין איז שוין גענוג געווען צו מאַכן זייער פאַראייניקונג פאַר אַ אונמעגליכע זאַך. נאָר טאַנקרעד'ס גרייטקייט צו ברענגען אַזאַ גרויסן קרבן אויפן מזבח פין זייער ליבע, זיין גרייטקייט צו באַזייטיגן די גרויסע מניעה וואָס איז געשטאַנען אויפן וועג צו זייער גליק, האָט עוואַ'ס האַרץ איבערפולט מיט דעם גרעסטן גליק און פרייד. עוואַ איז געווען גליקליך פון דעם זיסן באַוווסטזיין, אַז ער איז אַזוי ריטערליך, אַז נישט געפוינענדיק פאַר מעגליך, אַז זי זאָל וועלכן ס'איז קרבן ברענגען פאַר זייער געמיינזאַם גליק און ציל, איז ער גרייט געווען דאָס צו טון, פון גרויסן גליק, וואָס עוואַ האָט דערפילט נאָך טאַנקרעד'ס ערקלערונג און זיינע ווערטער איז זי געבליבן ווי אין אָנמאַכט געפאַלן... טאַנקרעד האָט זי זאַנפט און צערטליך אַוועקגעלייגט אויף אַ סאָפאַ, און באַלד איז עוואַ מונטער געוואָרן, זי האָט געעפנט אירע אויגן. טאַנקרעד האָט עוואַ'ן אָנגעהויבן צערטליך צו קושן, זי איז אַראָב פון די סאָפאַ און זיך ווידער אַנידערגעזעצט אויפן מאַרמאָרנעם ראַנד פון פאָנטאַן אַרומקוקנדיק זיך אַרום און אַרום מיט ערשוינטע אויגן...

אין דער זעלבער רגע האָבן זיך פון דערווייטן דערהערט פאַרשידענע קולות וועלכע האָבן זיך עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט ווערנדיק אַלץ העכער און העכער. די קולות און טריט האָבן זיך אַלץ דערנענטערט צום אָרט וווּ טאַנקרעד מיט עוואַ'ן זענען געשטאַנען. טאַנקרעד האָט אַ קוק געטון אין דער ריכטונג, פון וואַנען די קולות האָבן זיך געטראָגן און

www.libtool.com.cn

דערזען דעם אָבערסט ברויס, מיסטער בערנאַרד און דעם דאָקטאָר ראָבי אין באַגלייטונג פון זיינע צוויי דינער, זיי אַליין האָבן, טראָגנדיק פאַקעלן אין די הענט, הויך געררופן טאַנקרעד׳ן.

— דאָ בין איך, האָט זיך אָנגערופן טאַנקרעד זייענדיק זייער אויפגערעגט מיט אַ געזיכט, וואָס איז בלאַס געווען ווי די וואַנד, אָט דאָ, נעבן קיאָסק, וואָס איז געשען? וואָס דאַרפט איר מיך?

אָבערסט ברויס האָט מיטגעטיילט דעם יינגן לאָרד די העכסט איבערראַשנדע ידיעה, אַז זיינע עלטערן, דער הערצאָג און די הערצאָגין מאָנטאַקויט, זענען מיט אַ שעה פאַר דעם אָנגעקומען קיין ירושלים.

**ע נ ד ע.**

www.libtool.com.cn